STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03596

OYF TSVEY KONTINENTN

Wolf Gelbart

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א מתנה צו [illegible]

[illegible]

דער מחבר.

[illegible] 1941.

אויף צוויי קאָנטינענטן

אַ ראָמאַן אין צוויי טיילן

פון

וואָלף געלבאַרט

פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי
1941

געדרוקט ביי
מאָררים ס. גראָססמאַן
16 וועסט בראָדוויי

Copyright, 1941
by Wolf Gelbart
Paterson, N. J.

ערשטער קאַפּיטל

עס זיינען געווען אין די יאָרן נײַנצן איינס, צוויי דריי, פיר. ווען די ערשטע איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד, רוסיש-פּוילן, גאַליציע, רומעניע און אַנדערע מקומות איז נאָך אָנגעגאַנגען שטראָמיק. די איינוואַנדערער האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשידענע גרעסערע און קלענערע שטעט; אין שטעט וואו מען האָט שוין געהאַט אַ קרוב, אַ פריינט אָדער גלאַט אַ באַקאַנטן אָן וועמען מען זאָל זיך קענען אָנלענען אין דער ערשטער, שווערער גרינער צייט.

אין אַ געוויסער קלענערער פּראָווינץ-שטאָט אין ניו דזשוירזי סטייט האָבן צו יענער צייט איינגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אַ גרעסערע צאָל אידישע אַרבייטער, זיי זיינען ס׳רוב געקומען פון איין און דעמזעלביקן שטעטל פון רוסיש-פּוילן, אַ שטעטל וואָס איז געלעגן ווי אין אַ זייט; אַ שטעטל, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט געוואָרן אָנגערירט פון דעם ברייטן וועלטלאַכן לעבן. אָט די אַרבייטער פון יענעם שטעטל זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט שווער, כמעט פון גאָר ניט געוואוסט, — בלויז געגאַנגען אין שווערן שפּאַן פון זייער אָרימען, געדריקטן לעבן און געטאָן, וואָס גאָט און פרומע לייט האָבן געבאָטן. ס׳זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויס פון שפּאַן, געוואָרן „וואוילע יונגען“, אָדער גאַסן יונגען, פאַר וועמען באַלעבאַטים, דינסטמיידלאַך און אָנגעפּאָרענע אַרבייטער פון פרעמדע שטעט האָבן מורא געהאַט.

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך דערנערט, אָדער זיך געפּלאָגט ביי איין געוויסן פאַך, ביי וועלכן ס׳רוב אַרבייטער

פון שטעטל האָבן געאַרבייט, די פּראָווינץ-שטאָט אין ניו דזשוירזי סטייט, וואָהין זיי האָבן איינגעוואַנדערט האָט אויך געהאַט דעמזעלביקן פּאָך...ווי נאָר זיי האָבן זיך געהאַט ווי עס איז איינגעפונדעוועט אויף דער נייער ערד, ווי דער שטייגער איז, האָבן זיי געהאָלפן אַהערקומען אַנדערע, ווי: משפּחה, פרײַנט און באַקאַנטע. איז אויסגעקומען, אַז כמעט אַלע אידישע אַרבייטער אין דער אויבן דערמאַנטער-פּראָווינץ שטאָט זיינען לאַנדסלייט פון דער היים. מ'האָט זיך געקענט איינס ס'אַנדערע; מ'האָט געוואוסט יעדן פון וואָסער משפּחה ער קומט; מ'האָט אויך יעדן דאָ גערופן ניט מיט זיין פאַמיליע נאָמען, נאָר מיט'ן היימישן צונאָמען, ווי למשל: שיעלע טויבנכאַפּער, דער בלינדער לעמעל, יונה נאָז, שכר'ל הינערטאַפּער, בערל שמאַדניק, א. א. וו. די פרויען אָדער מיידלעך: די רויטע לאה, מלכה'לע שניף, מינדעלע קאָזאַק, חיה'לע די נאַכטוואַנדלערן (ווייל מ'האָט איר געטראָפן אַמאָל שפּעט באַנאַכט מיט אַ שכנה'שן שגץ), ביילע קלאַפּער, מרים'ל סמאַרק א. א. וו.

מ'האָט אַזוי אַרום זיך געפילט נאָענטער און מער פאַרבונדן מיט יענער אַלטער, ליבער היים, נאָך וועלכער מ'האָט נאָך שטאַרק געבענקט.

געקומען זיינען ס'רוב פאַרהייראַטע מענער, וואָס האָבן נאָך דאָרט איבער געלאָזן זייערע פרויען און קינדער, אויך יונגעלייט וואָס האָבן אין דער היים געלאָזן כלות אָדער געליבטע, וואָס האָבן זיי צו שטייער געגעבן אָפּגעשפּאָרט געלט צו דער רייזע, און ווען מ'האָט געשוואוירן אַהער אַריבער צו ברענגען. פאַרהייראַטע מענער זיינען פאָרט געווען די ערשטע, וואָס האָבן געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט אַריבער צו ברענגען זייערע פרויען און קינדער, די פרויען האָבן דאָ צו געהאָלפן אין דער פרנסה.

אסך האָבן אויך שווער מיטגעאַרבייט און געהאָלפן זייערע מענער זיך אַרויפצואַרבייטן, זיך צו דערשלאָגן צו "ביזנעס". אין דער ערשטער צייט, ווען מ'האָט נאָך שטאַרק געבענקט נאָך יענעם היים-שטעטל מיט וועלכן מ'איז געווען פאַרוואַרצלט און מיט אַמאָל דערפון אָפּגעריסן געוואָרן, איז עס געווען אַ דערלייכטע־רונג פאַר יעדן וואָס ער אָדער זי געפינט זיך דערוויייל צווישן און מיט לאַנדסלייט און אייגענע.

אין די וואָכען-טעג ווען מ'האָט געאַרבייט, גאַנץ אָפט צווישן אַרבייטער ענגלישע, איירישע, איטאַליענישע, סיריעשע און אַנ־דערע מיט וועמען מען האָט זיך ניט געקענט צונויפריידן, און אַלץ אַרום איז געווען אַזוי פרעמד, ווייט און שווער האָט די בענקעניש דאָפּעלט שטאַרק גענאָגט און געדריקט.

דערפאַר האָט מען אָפּגעלעבט שבת נאָכמיטיק און זונטיק ווען מען איז פריי געוואָרן פון דער אַרבייט.

זומער האָט מען זיך צוזאַמען געגומען אין גרופּן: פאַרהיי־ראַטע מענער מיט זייערע פרויען און קינדער; גרינע יונגעלייט און מיידלעך; — מ'האָט זיך אַלע צוזאַמען אַרויסגעלאָזן מיט פּעק־לאַך עסן, מיט קענדלאַך הינטער די אָרעמס, אַרויסגעלאָזן זיך הינ־טערן שטאָט צו די שטראָמיקע וואַסער-פאַלס, דערנאָך צו דעם גרויסן מיט וואַסער אַרומגענומענעם שטאָט-פּאַרק. מ'האָט זיך אַרומגעזעצט אין אַ קרייז עסן, טרינקען און שמועס'ן פון דער אַלטער היים. מ'האָט אַזוי אַרום געשאַפן אַן אייגן, היימיש וועלטל, מ'איז צעבעיסלאַך אַריין אין אַ זיס רירענדער שטימונג, אויפגעלעבט און אָפּגעפרישט ס'לעבן פון יענעם היים-שטעטל, וואו מען האָט נאָך אַזוי פריש איבערגעלאָזן: ווער אַ פרוי מיט קינדער, ווער עלטערן, שוועסטער און ברידער; ווער אַ כלה און

ווער אַ געליבטע און — אַלע צוזאַמען זייערע שענע יוגענט יאָרן. האָט מען זיך מיט אַמאָל צעזונגען, און דאָס געזאַנג האָט זיך צעטראָגן הויך און רירענד איבערן גרויסן פּאַרק, און אַריבער דעם רוישן פון די וואַסער-פֿאַלס.

ערשט ווען די נאַכט האָט גענומען צופאַלן האָט מען צוזאַמענגענומען דאָס ביסל ״גרינוואַרג״ ווי: אידישע צייטונגען ״בעגס״ מיט איבערגעבליבן עסן, ליידיקע קאַווע-קענדלאַך, וואַסער-פלאַשן און — די מענער מיט די מאַרנאַרקעס אַרובערגעוואָרפן איבער די אַקסלען האָט מען זיך ווי אַ וואַנדערנדער ״קאַראוואַן״ גענומען ציען אַהיים צו די אָרימע דירה׳ס און צוריק צו דעם וואָכנדיקן לעבן.

ווינטער איז מ״זיך צוזאַמען געקומען יעדע וואָך ביי אַן אַנדער לאַנדסמאַן אין הויז, מ׳האָט געפּראַוועט מלוה׳ מלכה׳לאַך, צו גלאַט שמחה׳לאַך פון היימישע, באַליבטע מאכלים, ווי: קאַרטאָפל אין די שאָלן מיט הערינג, לאַטקעס גוטע, צוגעברוינטע קאַשע, אָדער פאַרפעל מיט קישקע; ווערמפלאַך, מערן צימעס, גריוועגס, און צו דעם אַ ביסל היימישן, גוטן שנאַפּס, און נאָך אַ ביסל, ביז די צונגען זיינען לויז געוואָרן און מ׳האָט גענומען מיט אַ גוט מוטיקן הומאָר ״קיבעצן״ איינער דעם צווייטענס יחוס פון דער אַלטער היים, פון וואָס אַלע האָבן א הנאה געהאַט, און קיינער האָט זיך ניט באַליידיקט. מיט דער צייט איז דאָס אַזוי אָפטע צוזאַמענקומען שוואַכער געוואָרן. די וואָס זיינען שוין לענגער דאָ געווען האָבן זיך איינגעאָרדנט, זיך איינגעלעבט מיט אַמעריקא און אירע פירלאַכצן. מ׳האָט געקראַגן אַ חשק זיך ״אויסצוגרינען״, האָט מ׳שוין גוט מוטיק און מיט אַ ביסל א הנאה גענומען אָפּלאַכן פון אַ ניי אַריבערגעקומענעם, פון א ״גרינעם״ און דער גרינער לאַנדסמאַן, ווי דער שטייגער איז געווען, האָט זיך

גענומען קאָכן אַז אין אַמעריקאַ איז די לופט ניט קיין לופט, און די הינער האָבּן קיין טעם ניט, און אפילו בּרויט האָט קיין אידישן טעם ניט. האָט שוין אַן אויסגעגרינטער לאַנדסמאַן, מעשה אַמע-ריקאַנער מיט היץ געענטפערט: — שוין צייט כ׳לעבּן צו פאַר-געסן דאָס שטעטל מיט די בּלאָטעס, מיט דער אָרימקייט, געפאַלנ-קייט, מיט דעם גאַנצן פאַרשלומפערטן לעבּן דאָרט, — מ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד.

מ׳האָט געקראָגן אַ חשק צו פאַרגעסן. מ׳האָט אָנגעהויבּן קלערן פון אַ תכלית, אָדער גאָר פון אַרויפאַרבּייטן זיך. ווען ס׳האָט זיך געמאַכט אַ שמחה בּיי אימיצן, ווי: אַ קינד איז גע-בּוירן געוואָרן, צו אַ קינד האָט גראַדואירט פון אַן אַמעריקאַנער ״סקול״, וואָס ס׳איז נאָך דעמאָלט געווען אַ געשעעניש פון גאָר וואַזשנער וויכטיקייט, האָט מען ווידער פאַרבּעטן אַלע לאַנדס-לייט.

מיט דער צייט האָט מען זיך פאַרט אַלס מער דאָ איינגע-לעבּט, איינגעלעבּט מיט דעם אַמעריקאַנער שטייגער לעבּן, און מיט די מעגליכקייטן, וואָס יעדער מענטש אַפילו אַן אַרבּייטער, האָט דאָ אין דעם נייעם לאַנד. האָט זיך בּיי גאָר אסך פון אָט די אַרבּייטער אין יענע נאָך גרינע יאָרן זיך גענומען אויספורעמען אַ שטאַרקער בּאַגער זיך אַרויפצואַרבּייטן, רייך צו ווערן. וואָרום אין דער אַלטער היים, פון וואו מ׳איז געקומען האָט מען דאָס ניט געקענט בּאַווייזן. ס׳איז געווען: נגידים זיינען געווען נגידים פון אבות אבותינו; ס׳איז איבּערגעגאַנגען בּירושה, און דער אָרימאַן איז געווען אַן אָרימאַן, זיין פאָטער, און פאָטערס פאָטער זיינען געווען אָרימע לייט, און זיינע קינדער וועלן זיין אָרימע לייט. אַזוי איז געווען דער שטייגער פון דורות. איז דערפאַר געווען: אַז דער נגיד אַ חוץ געלט און וואוילטאָג האָט אויך געהאַט יחוס און

כבוד, איז געשטאַנען אויף דער מזרח-וואַנט אין שול, געזאָגט א דעה, און אומעטום זיך אָנגעזען. דער אָרימאַן האָט געדאַוונט בײַ דער טיר, צו גאָר אין "פּאָליש", אָפּגעגעבן כבוד דעם גביר, און אַליין געווען שפּל און געפאַלן בײַ זיך. דערפאַר אַז מ'האָט דאָ דערשמעקט א מעגליכקייט זיך צו קענען אַרויפאַרבייטן אפילו רייך צו ווערן, און אפילו אַן אַרבייטער, האָט עס בײַ כמעט יעדן "גרינעם" צערייצט אַן אַפּעטיט, צעשפּילט די פאַנטאַזיע רייך צו ווערן. מ'האָט עס אויך געוואָלט ווי עפּעס א פּראָטעסט פאַר יע-נעם היימיש אָרים און געפאַלן לעבן; עפּעס ווי נקמה צו נעמען פון יענע היימישע נגידים, וועמען מ"האָט אָפּגעגעבן כבוד, און אַליין איז מען געווען שפּל אי בײַ זיי, אי בײַ זיך, האָט מען זיך איינגערעכט ס'לעבן אַזוי:

דער מאַן האָט געאַרבייט. ס'ווײַב אַז זי האָט ניט געקענט מיטאַרבייטן אין פאַבריק צוליב קליינע קינדער, האָט מען אַריינ-גענומען "באָרדערס" אויף צו עסן און שלאָפן. מ'האָט דערצו גע-לעבט אָרים און שפּאָרזאַם. וואָרום די השנה איז נאָך געווען פון דער אַלטער היים אַן אָרימע. אפילו מ'האָט געקענט, האָט מען זיך אָבער ניט געקענט פאַרגינען נאָך צו לעבן ברייטער.

האָט מען געשפּאָרט א דאָלאַר צו א דאָלאַר. כמעט יעדער האָט מיט דער צייט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט. ס'רוב זיינען גע-בליבן צופרידן בלויז מיט'ן געדאַנק, אַז זיי פאַרמאָגן אַביסל אָפּ-געשפּאָרט געלט, געציטערט דאַריבער ווי איבער א טייערן אוצר, וואָס גיט זיי זיכערקייט, און מורא געהאַט דערמיט צו ריזיקירן. זיי זיינען דערפאַר פאַרבליבן אַרבייטער און געפירט אַן ערליך, באַשיידן לעבן. געווען אָבער אַזעלכע וואָס האָבן זיך ניט באַגניגן געלאָזט מיט גלאַט א געשפּאָרטן דאָלאַר און פאַרבלייבן אַרביי-טער. דאָס זיינען געווען די וואָס האָבן בטבע פאַרמאָגט ענערגיע

און חוצפה, און אַ פאַרלאַנג צו לעבן, וואָס זיי האָבן אין דער אַל-טער היים עס ניט געקענט באַווייזן

די ערשטע אַזעלכע צוויי אין יענע גרינע יאָרן, ביי וועמען ס׳האָט זיך צעפּראַלט אַ לאַנג פאַרשטיקטע ענערגיע און אַ חשק צו לעבן זיינען געווען אַלטערל די גאָסן-שטייערינס און שכר׳ל הינערטאַפּער, ווי זיי האָבן געהייסן פון דער היים. אַלטער׳ל פונקט ווי שכר׳ל האָבן מיט דער צייט געעפנט קליינע געשעפטן. אין ווען ס׳איז אַזוועק ניט שלעכט, האָט מען אָנגעהויבן אַרבייטן, קען מען זאָגן, טאָג ווי נאַכט, און די פרויען זייערע איבערהויפּט מינדעל, שכר׳לס ווייב, האָבן מיט געאַרבייט, און מיט געהאָלפן. אפילו אין די זונטיקס איז מען גאַנץ אָפט געלעגן אין געשעפט און געאַרבייט.. און אַלטער׳ל ווי שכר׳ל האָבן זיך אָנגעהויבן אַ-רויפאַרבייטן. דאָס האָט צערייצט אַן אַפּעטיט ביי אַנדערע לאַנדסלייט:

— זעה נאָר אַלטער׳ל און שכר׳ל ? ! —

און שוין די קנאה האָט אסך געטריבן אויך צו פּרואווען מזל. אָבער ניט אַלעמען איז עס געלונגען. אסך פון די לאַנדסלייט האָבן פאַרלוירן די שווער אויסגעהאָרעוועטע פּאָר דאָלאַר, און זיך ווי-דער אָפּגעבריטע געשטעלט מיט די פרויען אַרבייטן, און זיך פאַרגענומען שוין צו היטן אַן אָפּגעשפּאָרטן דאָלאַר.

אָבער אין האַרצן האָט מען פאַרט מקנא געווען, און אפילו באַוואונדערט אַלטער׳לן און נאָך מער שכר׳לן, וואָס איז אין דער היים קיינמאָל קיין ״לייט״ ניט געווען:

— פון וואַנען האָט זיך עס צו זיי גענומען אַזעלכע ״ביזנעס״ פעהיגקייטן ? —

און מ'האָט צו זיי גענומען אַרויפקוקן ווי אויף עקסטראַ פּע-איקע מענשן.

צווייטער קאַפּיטל

אַלטער'ל און שכר'ל זיינען מיט דער צייט רייך געוואָרן. אַלטער'לס באַציאונגען צו די לאַנדסלייט האָבן זיך מיט אַמאָל גע-ענדערט. אויך זיין אייגן לעבן האָט אַלטער'ל מיט אַמאָל, און אין גאַנצן געוואָלט איבּער אַנדערשן. ער האָט געקראָגן אַ שוואַכקייט צו ווערן אַמעריקאַניזירט, איבּערבּרעכן, און — אויבּ ער וועט נאָר קענען, אַרויסרייסן מיט'ן וואָרצעל זיין גאַנץ פריערדיק לעבן. איז ער ס'ערשטע אַרויס פון דעם פאַראיין פון די לאַנדסלייט, איז אַריין אין די "אדפעלאָוס". לייענען און שרייבּן האָט אַלטער'ל ווי-פיל אַנדערע לאַנדסלייט ניט געקענט. אָבּער ענגליש האָט ער גע-נומען רעדן, און דוקאַ ענגליש, אפילו מיט די לאַנדסלייט מיט וועמען ער האָט זיך שוין איצט פון צייט צו צייט בּלויז צוזאַמענגע-טראָפן, האָט ער קיין אידיש וואָרט ניט געוואָלט אויסרעדן. ער האָט זיך אַנטקעגן די אָרימע לאַנדסלייט געגרויסט, דער עיקרשט מיט זיין ענגליש רעדן, זיי האָבּן צו אים גערעט אין אידיש און ער האָט זיי געענטפערט אין ענגליש. האָבּן לאַנדסלייט, וואָס האָבּן שוין דאָ געקראָגן אַן אַנדער בּאַגריף, און אַן אַנדער בּאַצי-אונג צו גבירים, איבּערהויפּט צו אַרויפגעאַרבּייטע, זיך פון אים דערוויטערט נאָך גיכער ווי ער האָט זיך פון זיי געוואָלט דער-ווייטערן.

— אַלטער'ל די גאַסנשטייערנס! האָסטו מיר אַ נייעם בּעל גאוה! האָבּן לאַנדסלייט מיט בּיטל געשאָקלט די קעפּ.

צווישן ענגלישע אָבּער האָט זיך אַלטער'ל גראַד געהיטן צו רעדן ענגליש. וואָרום, אַז ער האָט אַמאָל אויסגערעדט עטליכע

ווערטער צווישן זיי, כאָטש מ׳האָט פון אים ניט געלאַכט, זיינען אָבער די ענגלישע גוי׳אים געבליבן שטיין, געקוקט אויף אים, און ערשט דערנאָך העפליך אָבער מיט אַקוק, ווי אויף אַ ״גרינעם״ און אים אויסגעבעסערט: — דו מיינסט צו זאָגן אַזוי און אַזוי — פון וואָס אַלטער׳ל האָט זיך אַלע מאָל פאַרשעמט. אַלטער׳לס ווייב צירל, כאָטש זיי האָבן שוין געהאַט צוויי קינדער, האָט שווער מיט געאַרבייט און געהאָלפן דעם מאַן זיך אַרויפצואַרבייטן.

צירל איז געווען אַ היימישע אידישע טאָכטער פון אַן אָרים אָבער פרום הויז אַרוים. כאָטש זי איז נאָך געווען פון דער היים אַן אַרבייטער מיידל, איז זי אָבער פון תמיד אַן געווען אַ שטילע, בכבוד׳ע מיידל, און ניט געלאָזן פאַלן אַ שטויבעלע אויף איר נאָמען.

זי איז בטבע געווען אַ גוטע, איבערגעגעבענע און נאָכגע־ביקע: צו ערשט צו די עלטערן, און דערנאָך צום מאַן. זי האָט בעסער געלאָזן איר׳ס איבערגיין, איידער זיך קריגן מיט אימיצן. מ׳האָט איר גערופן די שטילע טויב, און מ׳האָט איר דערפאַר ליב געהאַט און בכבוד געהאַלטן. אַלטער׳ל, כאָטש בטבע ניט קיין שלעכטער, האָט ער אָבער פון נאָך זייער חתונה אויסגענוצט צירל׳ס גוטע, שטילע און נאָכגעביקע נאַטור. ער האָט זיך גענומען אסך פרייהייטן אַלס פאַרהייראַטער מאַן. און צירל האָט תמיד געשוויגן און פאַרשוויגן. און אַזוי אַרום איז זי געווען צופרידן, וואָס זיי לעבן גוט צוזאַמען. ווען אַלטער׳ל האָט אָנגעהויבן ווערן רייך, געקראָגן זיין שוואַכקייט זיך צו אַמעריקאַניזירן, זיך גע־שטופט, וואו אַהין ער האָט ניט באַלאַנגט, האָט די שטילע צירל אים ניט געקענט נאָכהאַלטן.

אַלטער׳ל האָט דאָס אויך ניט געוואָלט. ער האָט זיך אָנגע־הויבן רייך צו קליידן, באַלאַנגען צו רייכע קלאָבס און זוכן פאַר־

געניגנס. ער איז ניט געווען קאַרג אויפ'ן דאָלאַר. ער איז דערפאַר צוזאַמענגעקומען מיט רייכע, אַמעריקאַנער אידן, אפילו מיט גוים עכטע אַמעריקנער.

ער איז געגאַנגען צו ענגלישע טעאַטערס, קאָנצערטן, אָפּע-ראַס, אפילו צו ספּאָרט-גיימס. און זיין שוואַכקייט צו ווערן אין גאַנצן אַמעריקאַניזירט האָט זיך דערפאַר געשטאַרקט. צירל'ן האָט ער ניט מער געלאָזן קומען אין געשעפט אַריין אים מיט צו העלפן. דערנאָך האָט אים שוין גאָר ניט געפּאַסט איר פּשוט'ע היימישקייט, איר פּשוט זיך האַלטן, און איר ניט קענען אַ וואָרט ענגליש רעדן, — ניט פאַר זיין יונגער "בוכ-קיפּער", וואָס ער האָט שוין איצט געהאַט אין אָפיס, און ניט פאַר די געשעפטס-לייט. —געוואָג אַז ד'ווערסט זיך אָפּגעבן מיט'ן הויז און מיט די קינדער— האָט ער מיט איר געגומען איינ'טענה'ן.

— קענסט אפילו אַריינגעמען אַ גויע צו אַ "שוואַרצע" צוויי מאָל אין וואָך צו וואַשן און רוימען ס'הויז. ניט קשה מיר קענען זיך איצט פאַרגינען און דו האָסט שוין גענוג שווער געאַרבייט אין דיין לעבן. —

צירל איז אָנפאַנגס אַזש געווירט געוואָרן פון זיינע ווערטער, פון זיין איר ווערן שאַנעווען. זי איז דערפאַר געווען צופרידן צו פאַרבלייבן די פּשוט'ע, שטילע הויז-פרוי און אָפּהיטן אירע קינ-דערלאַך. איבערהויפּט ווען ס'פעלט איר גאָר ניט, און דער מאַן זשאַלעוועט איר ניט דעם דאָלאַר. זי וואָלט נאָר אַזוי פיל פאַר-לאַנגט פון אים. ווער שמועסט נאָך אַז ער פלעגט איר פון צייט צו צייט אַהיימברענגען אַ שענע מתנה, ווי: אַ דיימאַנד רינגל, צום ווינטער אַ טייערן פוטער-קאָלנער, צו גאָר אַ גאַנצן פוטער-מאַנטל. זי האָט עס אָנפאַנגס גאָר ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן. זי האָט געקראָגן דרך ארץ פאַר אים, איבערהויפּט פאַר זיינע פע-

איגקייטן, וואָס מ'שמועסט אפילו אין די גאַסן דערפֿון. ס'האָט איר אויך פאַרשאַפֿט כבוד.

אַזוי איז אויסגעקומען אַז זי איז געבליבן פאַרשטופּט אין הויז, און ער האָט געלעבט פריי ווי אַ פויגל. נאָר מיט דער צייט האָט זיך יאָ געגומען וועקן אין איר אַ פאַרדרוס: הלמאי, ער קומט לעצטנס אַזוי ווייניק אין הויז אַריין; הלמאי, ווען ער קומט שוין, קומט ער זער שפּעט אין אָוונט: זי האָט אים איינמאָל געפרעגט, האָט ער, אַלטער'ל גיך און ווי אַמאָך מיט'ן האַנט איר געענט-פערט: — ער איז איצט ניט מער קיין באַלעבאַטישער אַרבייטער, ווען די גאַנצע וואָך האָט מען געאַרבייט און זונטיק איז מען זיך צוזאַמען געגאַנגען צו אַ לאַנדסמאַן צו גאַסט. זי דאַרף וויסן, אַז איצט פירט ער אַ גרוים געשעפט. אַן אַנדער לעבן, אַן אַנדער פּי-רעכץ. און נאָך אַלעמען — וואָס וויל זי צירל ?

זי האָט דאָס הויז, קיין געלט פעלט איר ניט, און סתם, — ער וויל ניט זי זאָל זיך מישן אין זיינע געשעפטן און פּטור.

האָט די שטילע, בכבוד'ע צירל פאַרביסן די ליפּן און גע-שוויגן. נאָר שפּעטער, אַז זי האָט דערהערט, אַז ער האָט אַריינ-גענומען אַ יונג מיידל אין אָפיס, האָט איר דער שטילער צירל'ן אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע נייגיריקייט די מיידל צו זען. און אַז זי האָט איר דערזען אַ יונגע, שענע, און אַזאַ פרישע, האָט איר צירל'ן ס'ערשטע מאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ פאַרדרוס, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אַרום האַרץ. ס'האָט איר געכאַפּט אַ פאַרדרוס פאַר וואָס דער מאַן אירער איז אין דער לאַגע אַריינצונעמען אַזאַ מיידל צו זיך אין אָפיס, און זי קען אפילו ניט זאָגן, אַז זי וויל דאָס נים.

ווארום ס'וועט הייסן אַז דאָס געשעפט פאָדערט עס איצט: אַ פאַרוואָס דוקא אַזאַ יונגע און שענע ? איז ערשטענס מ'מוז שוין פירן ביכער, וואָס ניט צירל און ניט אַלטער'ל קען

זי צירל שוין דערפון אַליין געוואָרן דערשלאָגן, און דערנאָך גיי גלאַט און פרעג אַזעלכע קשיות ביי אים פון וואָס זי איז גאָר ניט זיכער צו ער וועט אויף איר ניט אָנפאַלן דערפאַר; און ניט זי האָט דעם מוט, און ניט דעם כח זיך צו שטעלן אַנטקעגן אים; האָט איר שוין ווידער געכאַפּט אַ פּאַרדרוס פאַר וואָס זי איז פאַר-בליבן די שטילע צירל, די הויז-פרוי, און ער, דער מאַן, אַ פרייער פויגל, און טוט וואָס ער וויל; עס האָט איר אויך שוין געכאַפּט אַ פּאַרדרוס, וואָס מער, ווי אַמאָל אין אַ זונטיק, ווען ער רייסט זיך אָפּ און גייט מיט איר און די קינדער צוזאַמען עסן אין אַ רייכן רעסטאָראַנט, זעט זי אים די גאַנצע וואָך אין די אויגן ניט אָן. וואָ-רום אַלטער'ל זינט ער האָט אַריינגעקראָגן די יונגע "בוכ-קיפּער-קע" איז זי, צירל, מיט וועמענס פּראַסטקייט אַלטער'ל האָט זיך שוין איצט געשעמט, נאָך מער ביי אים פּראָסטער און שפּל'ער געוואָרן. אין זיין שטרעבן צו אַמעריקאַניזירן זיך איז די בוכ-קיפּערקע ביי אים גרעסער אויסגעוואַקסן; ער האָט איר בעהאַנ-דעלט מיט גרוים דרך ארץ. — זי רעדט אַזאַ פיינעם ענגליש; זי האָט אַזעלכע פיינע שטילע מאַניערן, און עפּעס אַזאַ דיק, וואָרם שטראַמעלע האָט זיך גענומען ציען אין אים צו איר.

ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן ווי זי רעדט ענגליש צו אים: לאַנגזאַם, יעדעס וואָרט אַזוי קלאָר, אַז ער זאָל איר אי פאַר-שטיין, אי זיך לערנען. אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט גערעדט צו איר האָט זי אים אַלס געמוזט אויסבעסערן. ס'איז אים אַזוי שווער געווען צו כאַפּן דאָס ענגלישע אַפילו ווען זי האָט עס גערעדט. ווען זי פלעגט עס אויסבעסערן די ווערטער, האָט זי עס געטאָן שטיל און איידעל, איבערהויפּט ווען אימיץ איז געווען דערביי. אַלטער'ל האָט זיך לעבן איר געפילט אַמעריקאַניזירטער און דער-הויבענער. —

צירל האָט שוין לעצטענס„ זינט די נייע, יונגע בוך-קיפּער-קע איז אין אָפיס, ניט געקענט מער איינזיצן גאַנצע טעג אין הויז.

האָט זי זיך אָנגעהויבן אין די נאָכמיטאָגס ארויסצוכאַפּן. אַ-מאָל אַזוי אַביסל זיך איבערצושפּאַצירן, ווי זי וואָלט וועלן פון זיך פאַרטרייבן אַן אומעט, וואָס האָט איר לעצטענס גענומען נאָגן; אַמאָל פלעגט זי זיך טאַקע אַריינכאַפּן אין געשעפט, און אויך וועלן פילן דעם טעם אַז זי איז די באַלעבאסטע. אַז דער מאַן איז געוועזן האָט ער בײַ איר אַ פרעג געטאָן, וואָס די קינדער מאַכן און צי ברויך זי ניט אַ נייע קלייד, און באַלד דאַרויף אין אײַלעניש אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט און מאַנטעל: — ער מוז לויפן וועגן אַ געשעפטס-ענין וואָס איז וויכטיקער, ווי צו הרג'ענען צייט איצט מיט דער ווײַב וועגן קלייניקייטן, וואָס זי קען אים דער-ציילן אַן אַנדער מאָל.

אָבער געטאָן האָט ער עס מיט דעם געדאַנק, אַז זי וועט אויך גיין. אָבער צירל איז פאַרבליבן. האָט די יונגע מיידל, די בוך-קי-פּערקע, וואָס ס'איז געווען קאָנטיק, אַז אין דער מינוט וואָס ער פאַרלאָזט דעם אָפּיס איז זי דאָ באַלעבאָסטע, בײַ איר צירלן, גע-נומען עפּעס פרעגן אויף ענגליש, וואָס צירל האָט שווער פאַר-שטאַנען און דערפאַר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט איר די מיידל, פון העפליכקייטס וועגן אָדער גאָר פון יוצא וועגן אונ-טערגערוקט אַ שטול זי זאָל זיך זעצן, גלייך זי וואָלט געווען ניי-געריק צו קענען נאָענטער איר באַלעבאָסעס ווײַב.

נאָר אַז זי האָט ווידער ניט געקענט זיך אַדורכרעדן מיט איר האָט זי אַליין זיך וואַזשנע אַזעצאַוועקגעגעבן איבער אַ גרויס געשעפטס-בוך, און — גלייך זי וואָלט זיך שטאַרק פאַר-טיפט אין דערין. האָט זי, צירל, אי פון דעם מאַנס אַוועקלויפן, ווי ער האָט וויכטיקערע זאַכן צו דערליידיקן, אי פון דער געפאַלנ-

קיט, וואָס זי קען דער בוך־קיפּערקע ניט ענטפערן ווי געהעריק, און אי פון דעם וואָס יענע האָט זיך אַזוי וואַזשנע אָזעצאָוועקגע־געבן איבערן פאָך, גלייך עס איז ניטאָ מיט וועמען צו רעדן, זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן.

ס׳האָט מיט דער צייט פון אָט די קליינינקייטן זיך פאַרזעצט ביי איר אין האַרצן אַ קלעמעניש, וואָס האָט גאָר ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

וואָרום, א חוץ דעם אַלעמען איז דער מאַן גוט צו איר.

מענטשן ווייסן, אַז ער זשאַלעוועט איר חלילה ניט. זי וואָלט נאָר אַזוי פיל געוואָלט, און דאָס אַלץ, פון וואָס ס׳דריקט איר לעצ־טענס זיינען דאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זי צירל וואָלט זיך געשעמט פאַר אימיצן צו דערציילן. קען זי זיך אַפילו פאַר קיינעם ניט אָ־אָראָפּרעדן פון וואָס ס׳וואָלט איר אפשר לייכטער געוואָרן. האָט זי זיך געשטיקט מיט אָט דער קלעמעניש אין דער שטיל. ווער שמועסט נאָך, ווען זי איז איינמאָל אַריינגעקומען אין געשעפט, און געטראָפן, ווי ער, אַלטער׳ל, איר מאַן, זיצט האַרט לעבן דער יונגער, שענער בוך־קיפּערקע. זי ווייזט אים בילס, בריוון; לייענט פאַר אים, און דערקלערט אים, ער זיצט אַריבערגעבויגן גאָר נאָ־ענט צו איר גלייך — אפשר האָט זיך איר, צירלען בלויז אַזוי אויס־געדאַכט — ער וואָלט זיך געמיט זיין פּנים זאָל זיך אָנרירן אָן אירס. ס׳זענען פּונקט געווען אין אָפיס אָן עקספּרעסמאַן, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביי וואָרעס. און אַ יונגער אַגענט פון עפּעס אַ גרויסער פירמא.

צירלען האָט זיך שטיל דאָס בלוט אַ גאָס געטאָן אין פּנים אַ־ריין. ס׳איז איר געווען אַ בזיון: צו פאַר זיך, צו פאַר אַנדערע, זי האָט אַליין ניט געוואוסט. זי האָט אָבער דערפילט ווי די קלעמע־

ניש, וואָס האָט זיך לעצטענס בײַ איר פֿאַרזעצט, דריקט איר שטאַרק בײַם האַרצן אַז זי וואָלט זיך געקענט צעווײנען. איז זי צוגעגאַנגען צום מאַן, כלומרשט בײַ אים עפּעס פֿרעגן, און פּונקט, ווען ער האָט זיך אַ דריי געטאָן איר צו ענטפֿערן, האָט ער זיך פּלוצים און מיט אימפּעט אַרים געטאָן מיט אַ געשריי צום עקס-פּרעסמאַן: אַז ניט די וואַרע האָט ער אים געזאָגט צו נעמען, נאָר יענע — האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט, און דערנאָך: — ס'טע געהערט ? ! אַז מ'קען זיך אויף דער חברה ניט פֿאַרלאָזן פֿון דאַנען אַהער; אַז דו מוזט אַמעטום זײַן און קוקן מיט צען אויגן — האָט אַלטער'ל שוין געטענה'ט מער צום יונגען אַגענט ווי צום עקספּרעסמאַן, און אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז צירל, ס'ווײַב זײַנס איז דאָ און בײַ אים עפּעס געפֿרעגט. איז צירל דערפֿון נאָך מער פֿאַרקלעמט געוואָרן. זי האָט זיך שטיל פֿאַרשעמט און באַ-לײדיקט און ווי אומבאַמערקט זיך אַרויסגערוקט פֿון געשעפֿט.

ערשט אין דרויסן האָבן זיך עטליכע טרערן אַ קײַקל געטאָן איבער אירע באַקן און ס'איז איר אַביסל לײַכטער געוואָרן.

נאָר אַהיים גײן איצט ווידער אין הויז אַרײַן, וואו מען האָט איר אַרײַנגעזעצט ווי אַ פֿויגל אין שטײַג, האָט זי דערווײַל ניט געפֿילט. ס'האָט איר עפּעס ווײַגעטאָן אויף אירע יאָרן, און אויף דעם וואָס זײ זײַנען רײַך געוואָרן. האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַן אַלטער חבר'טע וועמען זי האָט שוין לאַנג ניט געזען. זי וואוינט דאָ אַרום, דער מאַן אירער איז פֿאַרבליבן אַן אַרבײַטער, אָבער זי האָט געהערט, צירל, אַז זײ שלאָגן זיך גאַנץ פֿײַן אַדורך, און לעבן צופֿרידן.

— אוי — וויי ! אוי — וויי ! ס'אַרע גאַסט ! —

האָט די אַלטע חבר'טע צופֿרידן אויסגערופֿן, ווען זי האָט צירל'ן דערזען. זי האָט דערבײַ אויף איר געקוקט מיט וואַרעמער

נאָענטקייט, און אַלע מאָל פון ס'ניי א רוף געטאָן: — צירל ? ! —
ווי זי וואָלט דערמיט זאָגן: דו ביזט פאָרט נאָך פארבליבן די אַל-
טע צירל; כאָטש דו ביסט איצט אַ נגידית, דערמאָנסטו זיך נאָך
אַריינצוקומען צו אַן אַלטער, אָרימער חבר'טע — .

אויך צירל איז געווען שטארק צופרידן און איז אָנגעשטעקט
געוואָרן מיט אַן אַלט היימיש ווארם געפיל פון דער חבר'טעס
אויפנאַמע.

ביידע אַלטע חבר'טעס האָבן זיך אַוועקגעזעצט און לאנג, און
ווארם געשמועסט פון פארגאַנגענע יאָרן און פון איצט:

— כ'האָב זיך ניט צו באַקלאָגן — האָט די חבר'טע צום סוף,
ווען צירל האָט זיך שוין אויפגעשטעלט צום גיין, באַמערקט, —
מיינער אַרבייט און מ'קומט אַדורך; מ'האָט נאָך אַן אָפּגעשפּאָרטן
דאָלאַר פאַר אַ נויט. —

— דערנאָך, קוקענדיק אויף צירל'ן, האָט זי צו געלייגט:

— דו ביסט אַ נגידית, אָבער גלויב מיר צירל, איך פארגין
עס דיר מיט'ן גאַנצן הארצן כאָטש איך בין דיך פאָרט מקנא. דו
ביסט פאָרט אַ גביר'טע, און ווערליג מ'רעט צווישן לאַנדסלייט
פון דיין מאַנס פעאיגקייטן, וועט נאָך אַלטער'ל מיט דער צייט
ווערן אַ מיליאָנער. —

— יאָ באלטשע, — האָט צירל אָפּגעזיפצט און אַרונטער גע-
לאָזן איר בליק, ווי זי וואָלט זיך פארקוקט אויף די שפּיצן פון
אירע צען — דאָלארדיקע שיך.

— זיי געזונט צירל, גרים אַלטערן; ער וועט דאָך צו אונז
ניט קומען. אָבער דו צירל, כאַפּ זיך ווידער אַמאָל אַריין. מיר זיי-
נען דאָך פאָרט אַלטע חבר'טעס.

דריטער קאַפּיטל

אויך שכר'ל אָדער שכר'ל הינערטאַפּער ווי מען האָט אים גע-רופן, איז רייך געוואָרן. אויך אים האָט ס'מזל צו געשפּילט. שכר'ל איז נאָך אין דער אַלטער היים געווען אַ יונג אַ הפקר. ער האָט זיינע עלטערן, וואָס זיינען אַליין געווען חשוב און געשטאַמט פון אַ חשוב'ער פאַמיליע, אסך חרפּה'ס און בושה'ס פאַרשאַפט. אין שבתים, צוזאַמען מיט גאַסן-יונגן געלעגן אין דער גוי'אישער שענק הינטערן שטעטל, און ווי מען האָט דערציילט, אפילו גע-רויכערט אים שבת, און געטאַנצט מיט "שיקסעס". זיין איצטיקע פרוי מינדל, איז געווען אַ דינסט אין נגידישע הייזער. זי איז גע-ווען אַ מויד אַ פאַרשוין; אַ מויד א ברען; זי איז געווען געזונט ווי אייזן. אַז א וואוילער-יונג, ווער מען מינדל האָט ניט איבריגס ליב געהאַט, האָט זיך צו פיל צו איר געטשעפּעט, האָט זי אים געקענט דערלאַנגען אַ פּראַסק, אַז ער זאָל דערזען פונקן פאַר די אויגן. צו-ריקגעבן האָט יענער ניט געוואַגט. ערשטענס האָט ער מורא גע-האַט פאַר איר אַליין. דערנאָך זיינען חברה, וואָס האָבן אָנגע-קוואָלן פון מינדלען, פון דער כוואַטסקער מויד, אַלע מאָל געווען גרייט פאַר איר זיך איינצושטעלן.

שכר'ל, וואָס כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער גיבור, האָט אָבער געהאַט חוצפּה פאַר צען אַנדערע. ער האָט איר מינדלען, איינמאָל ביי אַ טאַנץ צוגענומען ביי אַ וואוילן-יונג אין מיטן טאַנצן. ס'האָט דערפאַר געקענט אַרויסקומען אַ געשלעג, וואָס שכר'ל האָט געקענט גע' הרג'ט ווערן. נאָר מינדעל האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן שכר'לן און יענעם: — ס'זאָל מיך מיין לעבן קאָסטן, וועסט שכר'ן ניט אָנרירן! — האָט זי אַ געשריי גע-טאָן, אַז חברה, וואָס האָבן געוואוסט אַז יענער, לויט "זייער מאָ-ראַל, האָט אַ רעכט שכר'לן אפילו צו דער'הרג'ענען, פאַר אַזאַ

זאַך, האָבן זיי זיך פֿאַרט אַ שטעל געטאָן אַרום מינדלען און יע-נעם איינגעשטילט.

שכר'ל איז מינדלען געפֿעלן געוואָרן. ערשטענס, טאַקע פֿאַר זיין חוצפּה, פֿאַר זיין געוואַגטקייט. דערנאָך האָט עס איר גע-לאָקט, וואָס ער איז אַ באַלעבאַטישער זוהן. ער וועט זיין אַ יחוס פֿאַר איר אַלטער מאַמען, וואָס שטייט מיט באָב אין גאַס, און טאַקע פֿאַר איר אַליין אויך.

ווען זיינע עלטערן, איבערהויפּט די מאַמע זיינע, וואָס האָט געהאַט אַ זיידן אַ רב, האָט דערפֿון געוואויר געוואָר,ן האָט זי גע-האַט גרויס עגמת נפש. זי האָט זיך געשטעלט שטאַרק אַקעגן. וואָרום, זי האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז שכר'ל וועט מיט דער צייט טאָן, ווי אַנדערע אַזעלכע צעלאָזענע קינדער טאָן; ווי עס טרעפֿט אין אַסך באַלעבאַטישע אפֿילו אין נגידישע הייזער. זיי זיינען צעלאָזן ביז עס קומט צו אַ שידוך; דעמאָלט ווערן זיי געזעצט און טוען אַ שידוך מיט געלט און — ווי עס פּאַסט פֿאַר דער פֿאַמיליע. אָבער ביי שכר'לן האָבן די עלטערן, אַפֿילו די מאַמע, ניט געקענט אויספֿירן. ער האָט מיט מינדלען חתונה גע-האַט און איז מיט איר אַוועק קיין אַמעריקאַ. אָבער אויך דאָ אין אַמעריקאַ האָט זיך שכר'ל ניט געענדערט. אמת אין דער ערש-טער צייט ווען מינדעל איז נאָך געווען יונג, איז נאָך געווען די כוואַטסקע מינדעל און שכר'ל איז נאָך געווען אין דער ברען צו איר, האָט ער איר פֿיל נאָכגעגעבן. ס'האָט אָנפֿאַנגס אויסגע-קוקט, אַז מינדל וועט אים אַוועקזעצן און מאַכן אַ לייט פֿון אים. פּונקט ווי לאה'טשע האָט געמאַכט אַ לייט פֿון יאָסל טשוטשע מאיר'ס, וואָס איז אין דער היים געווען אַ יונג, אַ שלעגער, וועמען אַנגעפֿאַרענע שניידער-יונגען און דינסטמיידלאַך האָבן געמוזט צאָלן פּראָטעקציע-געלט. ס'גאַנצע שטעטל האָט געציטערט פֿאַר

אים. אָבער ווי נאָר לאה׳טשע האָט מיט אים חתונה געהאַט און אים געבראַכט קיין אַמעריקאַ, האָט זי אים גענומען אין די הענט אַריין. זי האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט פאַר אַ קלאַפּ, וואָס זי האָט ניט איינמאָל פון אים געקראָגן. אָבער זי האָט אים מיט דער צייט אָוועקגעזעצט. ער האָט גענומען אַרבייטן ״סטעדי״ און אַהיימברענגען די ״פּיידעס״ צו לאה׳טשען. ער איז אַריין אין אַ בּרענטש פון אַרבייטער רינג. ער איז געוואָרן אַן ערליכער אַרבייטער און אַ געזעצטער מענטש און — לאה׳טשע האָט די דעה און ער האָט מורא פאַר איר

אַזוי איז אויך געווען מיט שימעלע טאַנצמייסטער. אויך ער איז דאָ געוואָרן אַ געזעצטער מענטש און אַן ערליכער אַרבייטער, בּרענגט אַהיים יעדן סענט צו זיין שרה׳טשן, וואָס האָט אין דער היים געדינט בּיי ר׳פישעלע דאָזער. אויך איר, שרה׳טשן האָט עס גענומען צייט בּיז זי האָט שימעלען איינגעבּראָכן. זי האָט שוין אָפּגעשפּאָרט פון איר שימעלעס פאַרדינסטן אַ היפּשע פאַר דאָ-לאַר, ווי עס מאַכט זיך מיט אַ מענטשן. אויך שימעלע איז אַריין אין אַרבייטער רינג. ער האַלט שוין דאָרט גאַנצע רעדעס בּיי די מיטינגגן.

— אַ גאַנצער קניאַקער געוואָרן — שימעלע — ! — זאָגן לאַנדסלייט. איז טאַקע מינדעל אויך געווען זיכער, אַז אויך זי וועט שכר׳ן אָוועקזעצן, מאַכן אַ לייט פון אים. און לאַנדסלייט האָבן טאַקע אַזוי געמיינט:

— שכר׳ל אַז ד׳עסט מיך פאָלגן וועט אונז גוט זיין אין אַמע-ריקאַ — האָט מינדל גענומען טענה׳ן צו אים מיט גוטן און מיט בּייזן.

— אין יענע יאָרן האָבּן אפילו אַרבּייטער-פרויען געבּוירן זייערע קינדער אין הויז. זיי האָבּן זיך געשראָקן פאַר אַ שפּיטאָל.

האָט מינדל קוים גע׳פּויל׳ט אַז שכר׳ל זאָל זיך אויסלערנען אַ מלאכה און אַליין איז זי געוואָרן אַ וואַרטספּרוי ביי קימפּעטאָרנס. ס׳האָט זיך גוט באַצאָלט. וואַרום אַ חוץ געלט האָט זי נאָך אַהיימגעבראַכט פון די פלעצער: — פּרוכט, קייק, פערטל טשיקענס, געשמאַקע בילקעלאַך און איינגעמאַכטס. מ׳האָט זיך געריסן איבער איר. וואַרום, וואָס מינדל האָט געקענט צעטאָן מיט אירע געזונטע הענט האָבן אַנדערע ניט געקענט. האָט זי דערפאַר תמיד געאַרבייט און גוט פאַרדינט. האָט מינדל געהאָפט אַז שכר׳ל וועט ווערן אַ לייט. ער וועט אַרבייטן און פאַרדינען ווי אַנדערע אויף צום לעבן און זי וועט קענען אָפּשפּאָרן איר גאַנץ געלט וואָס זי פאַרדינט און זיי וועלן מיט דער צייט זיך קענען אַרויפאַרבייטן. זיך אַרויפאַרבייטן, רייך ווערן דאָס האָט שכר׳ן אויך געררייצט. אָבער קיין לייט, ווי מינדל האָט געוואָלט און זיך געוואונשן איז ער ניט געוואָרן. אמת, ער האָט אין אָנפאַנג געאַרבייט. ווען מינדל איז געווען אויף אַ פּלאַץ, איז ער ניט אַהיימגעקומען פאַר טעג און נעכט. איבערהויפּט אין די ערשטע טעג ווען די געווינערן האָט געבוירן. די קימפּעטאָרן איז נאָך געווען שוואַך און די וואַרטספּרוי האָט געמוזט זיין אַרום איר יעדע מינוט.

איז שכר׳ל דעמאָלט, ווי נאָר ער איז געוואָרן פריי פון דער אַרבייט אָדער גאַנץ אָפּט גאָר ניט געגאַנגען צו דער אַרבייט, אַרומגעלאָפן, זיך געטשעפּעט צו ווייבלאַך, אַז ניט איז ער אָבער געלעגן אין שענקן ביי אַ ביליאַרד אָדער גאָר ערגיץ אין אַ קאָרטן הייזל. אַז מינדל איז אַהיימגעקומען האָט זי ניט איינמאָל פאַרפירט אַ קריגעריי מיט אים, אַז שכנים האָבן געעפנט טירן און זיך איינגעהערט. שפּעטער ווען ער איז מיט מינדלס הילף רייך געוואָרן איז ער אין גאַנצן געוואָרן הפקר, ווי אַמאָל.

ער האָט זיך באַקענט מיט רייכע הולטייעס און זיך געוואָרפן

מיט געלט. ער האָט אויך געגעבן און געשפּענט געלט מיט אַל-טע, גוטע ברידער. ס'איז אים ניט געווען קיין חילוק מיט וועמען. ס'איז אפילו דערגאַנגען צו מינדלען, אַז ער שפּענט געלט אויף שיקסעס. און כאָטש מינדל איז שוין ניט געווען די כוואַטסקע מויד פון אַמאָל — דאָך שוין עלטער און אַביסל אויסגעאַרבייט— אָבער פאַרשוויגן האָט זי איהם ניט. זי האָט אים ניט איינמאָל געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן.

— שכר'ל! האָט זי געשריגן—שכר'ל, ד'עסט דיר אַ שוואַרץ, פינסטער יאָר אויסריכטן!

— שכר'ל הינערטאַפּער! ד'מיינסט כ'על זיך שעמען, ווייל כ'בין אַ נגידית? !—שכר'ל טרפה'נער ביין; אַ בראָך וועט זיין צו דיינע יאָר, אַז ד'עסט מיר ניט סטאָפּן דיינע חזר'שע ביזנעס! —

אויף דאַרויף האָט שכרל געענטפערט:

— מינדעליע, קענסט פּלאַצן; קענסט קריגן די נכפה און איך'ל טאָן וואָס איך'ל וועלן! —

— שכר'ל כל-בויניק, ד'עסט טאָן הינטער דיר!

— שכר'ל הינערטאַפּער, ד'עסט ביי מיר פריער פאַרלייגן מיט'ן קאָפּ

— מינדעליע כ'האָב דיך אין דר'ערד; כ'על מיר נאָך ברענגען אַ שיקסע אין הויז אַריין אויך און דו וועסט קענען פּלאַצן! —

— שכר'ל משומד! ! — האָט מינדל געגעבן אַ געשריי און אַ טעלער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, איז אַפּלי געטאָן אי-בער שכר'לס שנעל אַרופגעבויגענעם קאָפּ. אָבער שכר'ל האָט באַלד געכאַפּט, וויפיל טעלער ס'האָבן זיך געפונען אַרום און גע-

נומען ווארפן זיי אויף מינדלען. ער איז איבערהויפט אריין אין אזא רציחה, אז די אמאליקע, כוואטסקע מינדל איז געל און בלאס געווארן. ווען שכנים זיינען זיך צוזאמענגעלאפן זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין איינס אנטקעגן ס'צווייטע: ער רויט ווי א צע-רייצטער האן, און זי, מינדל, בלאס און צעשראקן, גלייך, ווי אויף אזעלכעס האט זי זיך אויף אים ניט גערעכנט:

כ'על דיר נאך אויפהערן צו געבן געלט אויף צו לעבן; ד'עסט נאך ביי מיר קייען די ערד מינדעליע! — האט שכר'ל, א צע-פלאמטער פון רציחה אשפּי געטאן, ניט קוקענדיק אויף קיינעם און זיך ניט שעמענדיק פאר די אנגעלאפענע שכנים. און איז ארוים פון הויז.

פירטער קאפּיטל

אין יענע יארן איז אויך אהער אריבערגעקומען לייבל יתום. ער האט אין דער היים געהאט געלאזן א כלה, וועמען ער האט באדארפט אריבערברענגען.

לייבל איז געווארן א יתום צו אכט יאר. א יתום אן א טאטן און אן א מאמען. זיינע עלטערן זיינען געשטארבן פון א מגפה אין שטעטל. א אינגער שוועסטערל האט צו גענומען א מומע, וואס האט געוואוינט אין אן אנדער שטאט. און כאטש זי איז אליין געווען אן ארימע און אליין געהאט דריי קינדער, האט זי דאך דאס שוועסטערל גענומען צו זיך. ווייל א מיידל איז ניט א אינגעל; ווייל א מיידל קען מען פארט ניט לאזן אויף הפקר. איז לייבל דערפאר געבליבן ווי אויף גאטס בארעט.

איז אבער לייבל געווען א געלאסן, ארנטלאך און שטיל אינגל. האבן אידן אויף אים רחמנות געקראגן. האט אים אלע מאל אן אנדער בעל הבית גענומען צו זיך אויף א שטיקל צייט.

ביז מ׳האָט אים אָפּגעגעבן צו אַ בעל מלאכה אויף׳ן זמן פאַר עסן און שלאָפן.

דאָס וואָס ער איז געוואָרן אַזוי פרי אַ יתום, זיך געוואָלגערט אין דער פרעמדה, ניט געהאָט די ליבע ווארעמקייט, וואָס אַ קינד האָט ביי עלטערן, איז ער געוואָרן דערשלאָגן און געפאַלן ביי זיך און איז געוואָרן אונטערטעניג צו יעדן שוין אין זיינע גאַנץ יונגע יאָרן. ער האָט זיך אַלע מאָל געזוכט אויסצופיינען, מ׳זאָל ניט האָבן צו רעדן אויף אים. ער איז געוואָרן נאָכגיביק, פאַרליטן אַן עולה און אויסגעמיטן צו קריגן זיך מיט אימיצן.

דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן ביי אים אין זיין שפּעטער-דיק לעבן. אין זיין געפאַלן לעבן האָט זיך אָבער איינגעגעסן אין אים אַ שטילער אָבער שטאַרקער באַגער, וואָס האָט פּשוט אויס-געפילט זיין אָרים לעבן, אַמאָל רייך צו ווערן: רייך צו ווערן און דערהויבן זיך פון זיין געפאַלנקייט. דאָס איז געוואָרן זיין חלום, זיין שטרעבן.

שפּעטער, ווי נאָר ער האָט, אחוץ עסן און שלאָפן, אויך שוין אָנגעהויבן קריגן באַצאָלט פאַר זיין אַרבייט האָט ער גענומען שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן. ער האָט זיך אפילו גענומען אין קאָפּ אַריין צו פאָרן קיין אַמעריקא פּונקט ווי אַלטער׳ל, שכר׳ל, דער בלינדער איציק און אַנדערע זיינען געפאָרן. און — מ׳הערט שוין אַז ס׳איז זיי דאָרט גוט. אָבער ס׳איז אים פאַרט געווען שווער ביי זיין גאַנצער שפּאָרעניש אָנצוזאַמלען געלט אויף צו פאָרן; ביז ער האָט זיך באַקענט מיט חאנטשען.

חאנטשע איז געווען אַן אָרים, געזונט, שיין מיידל.

זי איז אויך געווען אַ יתום אָבער בלויז אָן אַ טאַטן.

איר מוטער האָט געטראָגן הינער און געפּאַשעט גענז פֿאַר נגידישע הייזער. חאַנטשע איז געווען איר איינציק קינד. האָט די מוטער ניט געוואָלט זי זאָל ווערן אַ דינסט; אויך ניט גע-וואָלט זי זאָל ווערן אַ "פֿאַבריקן-מויד" צו וועמען געזעלן-יונגען טשעפּען זיך, פֿון וואָס ביי די פֿאַבריקן-מיידלעך זעט מען אַלע מאָל פֿאָרנט אויף די בלוזקעס שוואַרצע, פֿעטע פֿלעקן פֿון די יונ-גענס פֿעטע הענט. האָט זי בעסער חאַנטשען געהאַלטן ביי זיך זי זאָל איר העלפֿן אין דער פּרנסה.

אויף לייבלען האָט שוין די מוטער לאַנג געהאַט אַן אויג, — אַ שידוך פֿאַר איר חאַנטשען. וואָרום לייבל אַ געלאַסענער, אָרנטלאַכער יונג און ווי די מוטער האָט זיך אויסגעדריקט:— ער האָט גאָט אין האַרצן — ער וועט קיין מיידל, בפרט אַ יתומה, ניט פֿאַרפֿירן.

און לייבל, ווי נאָר ער האָט זיך באַקענט מיט חאַנטשען און זיי האָבן זיך ליב באַקומען, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט דוקא אַז ער מוז פֿאָרן קיין אַמעריקא:

—ער וויל ניט — האָט ער גע'טענה'ט — דאָ אין שטעטל פֿאַרשוואַרצן זיינע יאָרן און דערצו נאָך מיט אַ ווייב צוזאַמען.

האָט חאַנטשעס מאַמע אים געגלייבט און געהאַט צוטרוי צו אים. זי האָט בלויז פֿאַרלאַנגט ער זאָל חאַנטשען געבן אַ "האַנט תקיעת-כף" פֿאַר עדות, אַז ער וועט איר, חאַנטשען, אַריבער נעמען קיין אַמעריקא אַזוי גיך ווי ער וועט קענען. און — זי האָט אים צו שטייער געגעבן די פֿינף און זיבעציק רובל, וואָס זי האָט שוין געהאַט פֿאַר חאַנטשען אָפּגעשפּאָרט. און — לייבל איז אַוועקגע-פֿאָרן קיין אַמעריקא.

ס'זיינען נאָך געווען יונגע לייט אין שטעטל, וועמען מיידלאַך

האָבן געגעבן געלט אויף צו פאָרן קיין אַמעריקא און זיי האָבן אויך געגעבן "האַנט תקיעת-כף" אַז זיי וועלן די מיידלאַך דער-נאָך ברענגען קיין אַמעריקא און מיט זיי חתונה האָבן. אָבער ווי נאָר זיי זיינען אַהער אַריבערגעקומען, אָנגעהויבן פאַרדינען, דער-שמעקט די פרייע אַמעריקאַנער לופט און זיך באַקענט מיט אַנדע-רע מיידלאַך, האָבן זיי גיך פאַרגעסן אָן יענע מיידלאַך פון דער היים, וועמען זיי האָבן געגעבן אַ "האַנט תקיעת-כף" און רוף זיי קנאַקניסל. ניט אַזוי לייבל. ווי נאָר ער איז אַהערגעקומען, אָנ-געהויבן פאַרדינען האָט ער זיך פאַרגענומען זיין חאַנטשן אַהער צו ברענגען און וואָס גיכער. ער האָט אויף דאַרויף גענומען שפּאָרן געלט. אמת, אין יענער, ערשטער, גרינער צייט האָט ער, לייבל, וויניק פאַרדינט: דערפאַר איז עס אָבער נאָך געווען אַ צייט, ווען מען האָט נאָך געקענט אַריינגיין אין אַ "סאַלון" און בלויז קויפן פאַר פינף סענט אַ גלאָז ביר און קענען דערפאַר עסן אָן אַ פּעני געצאָלט:—ברויט, הערינג, קאַרטאָפל-סאַלאַד, קעז, וואורשט און אפילו זופּ. און אַזוי ווי לייבל האָט געאַרבייט אויף אַ פאַבריק הינטערן שטאָט, מער צווישן גויאים, ווי צווישן לאַנדסלייט, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט. ער האָט געשפּאָרט אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר. אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט ער אַהער אַריבערגעבראַכט זיין חאַנטשן און זיי האָבן חתונה געהאַט.

חאַנטשע, וואָס איז נאָך אַלס מיידל געווען אַ שפּאָרזאַמע און אויסגערעכנטע, וואָס איר מוטער האָט עס נאָך לייבלען איינגע-שאַצט, ווען ער האָט זיך מיט חאַנטשן באַקענט, איז עס אויך פאַרבליבן דאָ אין אַמעריקא; זי איז עס פאַרבליבן אפילו שפּע-טער, ווען זיי זיינען שוין רייך געוואָרן.

חאַנטשע האָט אויסמעבעלירט אַן אָרימע דירה פון פיר צי-מערלאַך. און ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט ביי

ס׳רוב איינגעוואנדערטע, אידישע ארבייטער-פאמיליעס, האט אויך חאנטשע אריינגענומען צוויי ״באָרדערס״ אויף צו עסן און שלאָפן. זי האט די ״באָרדערס״ געהאלטן און זיי באדינט אפילו דאן, ווען ס׳איז געקומען אַ קינד און נאָך קינדער.

זי האט ניט געזשאלעוועט דאָס ביסל היימישע, יונגע כוחות, וואָס זי האט אהער אריבערגעבראכט. זי איז געווען שפּאָרעוודי-קער, אפילו קאַרג אנטקעגן איר לייבלען. שפּעטער, ווען די קינ-דער זיינען אויסגעוואקסן, די פאַרדינסטן פון ארבייטער האָבן זיך פאַרבעסערט און ארבייטער האָבן אויסגעפעלט אין׳ם פאַך, וואו לייבל האט געארבייט, האט חאנטשע פאַרקאַרטשעט די אַרבל און איז אַוועק אין פאַבריק אַרבייטן מיט׳ן מאן צוזאמען. זי האט איצט געאַרבייט אי אין פאַבריק און אי אין הויז. דער גע-דאנק, אַז זי קען איצט יעדע וואך אוועקטראָגן אין באַנק אריין אַ פינף און צוואנציקער און מיט דער צייט קומען צו געלט, וואָס אירע אבות אבותנו האָבן אין חלום ניט געזעען, אַט דער געדאַנק האט איר פאַר׳ שיכור׳ט.

דערצו איז לייבל געווען זער שטרעבזאָם זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס, זיך אַרויפצואַרבייטן און זי, חאנטשע, האט אים גע-וואָלט מיטהעלפן. זי האט דערפאַר ניט געפילט ווי די דאָפּעלטע אַרבייט עסט אויף אירע יונגע כוחות.

ווען זיי האָבן שוין פארמאגט אַריבער טויזנט דאָלאַר און ווען אַלטערל און שכרל זיינען שוין געווען אַריין אין ביזנעס און ס׳איז זיי אַוועק גוט, האט אויך ער, לייבל, אָדער ווי ער הייסט שוין איצט, לואי פינק, באַשלאָסן צו פּרואוון מזל.

לייבל איז געווען אַ באַנד וועבער. האט ער באַשלאָסן צו עפענען אַ קליין באַנד פאַבריקל.

לייבל, בטבע אַ געלאַסענער, אַ מער אויסגערעכנטער, האָט ניט געוואָלט, באַלד אָנהויבן גרויס, ווי אַלטערל און שכרל האָבן געטאָן. זיי שפּילן שוין אַ ראָלע; מ'פּייפט און מ'טוט אַלץ אויפ'ן גרויסן פוס, מיט אַ קניאַק; ער לייבל האָט צייט: — לאַנגזאַם און דייטלאַך קומט אַלץ צייטלאַך — .

ער איז אַוועק צו זיין באַלעבאָס, וואו ער האָט ביז איצט גע-אַרבייט, אַ רייכן העמ-בענד פאַבריקאַנט. ער האָט דעם באַלע-באָס דערציילט אַז ער האָט געקויפט עטליכע מאַשינען און ער וויל דער באַלעבאָס זאָל אים געבן אַרבייט אויף "קאָמישן". לייבל האָט ניט געוואָלט אָנהויבן באַלד אַליין.

ווארום, ערשטענס האָט ער נאָך ניט געוואוסט ווי וואו איינ-צוקויפן רויע מאַטעריאַל אויף אַליין צו פאַבריצירן די וואַרעס; פונקט אַזוי האָט ער נאָך ניט געוואוסט וואו צו פאַרקויפן די פאַר-טיקע באַנד אין ניו יאָרק.

האָבן זיי, ער און חאַנטשע זיך אַליין אַוועקגעשטעלט ביי די מאַשינען און בלויז געהאַלטן נאָך צוויי פרעמדע אַרבייטער.

זיי האָבן שוין איצט ביי דער "קאָמישן-אַרבייט" פאַרדינט צוויי און דריי מאָל אַזוי פיל ווי פריער.

דערפאַר האָט ער, לייבל, איצט געקענט זיך דערלויבן אַביסל אַרויסצוכאַפּן זיך אויף אויסצוגעפינען איינצעלהייטן, וועגן אַלץ וואָס איז אים נויטיק געווען אויף אָנצוהויבן אַליין צו פאַבריצירן מיט דער צייט. און דאָ האָט ער זיך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאַר אַ פעאיקן מענשן: מען האָט עס גאַר ניט פריער געקענט רעכענען אויף אים. ער האָט אַריינגעלייגט אין געשעפט זיינע גאַנצע חושים.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט ער אויפגעגעבן די "קאָמישן-אַרבייט", ער האָט שוין צוגעקויפט מער מאַשינעס. ער האָט אַפי-לו אַליין אָנגעהויבן איינקויפן די רויע מאַטעריאַל און אַליין גע-פאָרן פאַרקויפן די פאַרטיקע באַנד אין ניו יאָרק.

לייבל איז אפילו איצט, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן רייך ווערן, געווען אויסגערעכנט אי אויפן סענט און אי אין זיינע פירעכצן.

ער איז ניט אַוועק אויף די וועגן, ווי אַלטערל און שכרל זיינען אַוועק. אפילו ער וואָלט עס געוואָלט, וואָלט אים חאַנטשע דער-צו ניט דערלאָזן.

ווארום זינט ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און געזען איר טריישאַפט צו אים און צו די קינדער, וויל ער זיך, דער גע-לאַסענער, צוריקגעהאַלטענער לייבל, מיט איר ניט איינרייסן און גיט איר, חאַנטשען, אסך נאָך.

שוין אַזאַ טבע ביי אים, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פון יע-נע יאָרן וואָס ער איז געווען אַ בידנער, ביי זיך געפאַלענער, יתום. דערפאַר איז לייבל, אָדער איצט לואי פינק, אין אַ קורצער צייט אויף אַן אמת רייך געוואָרן.

פינפטער קאַפיטל.

די שטאָדט האָט געקלונגען מיט אַלטערלן און שכרלן: — זיי זיינען שטיין רייך געוואָרן — האָט עס געקאַכט צווישן לאַנדס-לייט. ווארום, סיי אַלטערל און סיי שכרל האָבן זיך ליב געהאַט צי באַרימען, צו גרויסן זיך מער, ווי עס איז אין דער אמת'ן גע-ווען. פונקט אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן און געפירט זייערע גע-שעפטן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, ווי די כוחות האָבן אויסגע-טראָגן.

זייערע געשעפטן זיינען אַלע מאָל געווען מער אויפגעבלאָזן, ווי אַוועקגעשטעלט אויף געזונטע יסודות. נאָר דערווייל איז די צייט געווען גינסטיג פאַר זיי. ס'רעדל, ווי ס'זאָגט אַ ווערטל, האָט זיך געדרייט.

זיינען די געשעפטן זייערע געגאַנגען אויפ'ן גרויסן פוס.

ער איז געווען גוט צו איר, און איר אַהיימגעבראַכט שענע מתנות.

אַלטערל האָט צירלן געגעבן געלט גענוג פאַר'ן הויז.

ער איז אפילו געווען גוט צו איר און פון צייט צו צייט איר אַהיימגעבראַכט אַ טייערע מתנה.

די שטילע צירל האָט די מתנות צו גענומען. אָבער זיי זיינען איר ניט באַקומען. וואָרום אַלטערל האָט שוין איצט געלעבט אויף אַ גאָר גרויסן און רייכן שטייגער; זיין רייכע קליידונג, זיין גאַנצער אויסזעהן: — ס'איז גאָר ניט מער געווען צו דערקענען אים.

ס'זיינען געווען טעג, וואָס ער איז אין גאַנצן ניט מער אַהיימגעקומען. דאָ האָט ער געהאַט אַ באַנקעט אין אַ רייכן קלאַב; דאָרט אַ הוליאַנקע מיט רייכע געשעפטסלייט, אָדער גלאַט ערגיץ פאַרבראַכט מיט רייכע הולטייעס.

צירל וואָס איז אַלץ פאַרבליבן, די פשוט'ע שטילע הויז-פרוי האָט שוין איצט אודאי ניט געקענט מיט אים מיטהאַלטן, אפילו אַז זי וואָלט עס געוואָלט. וואָרן אַ חוץ אין הויז, האָט ער זיך איצט געשעמט מיט איר. עס איז עפּעס אויסגעקומען ווי עס וואָלט באַשטימט געוואָרן זייער גורל זינט זיי זיינען רייך געוואָרן אַזוי: — ער זאָל לעבן, ברענען אַ וועלט און זי, צירל, זאָל פאַר-

בלייבן די שטילע, נאָכגיביקע הויז פרוי, וואָס דאַרף אַרויפקוקן צום מאַן און אַליין זיך מיט אַלץ באַגניגן לאָזן.

ער פלעגט זיך יאָ אַמאָל אין אַ יובל אָפּרייסן אין אַ זונטיק און מיט איר אַרויספאָרן אין ניו יאָרק אין אַ אידישן טעאַטער.

איז אפילו דעמאָלט אויסגעקומען ווי: ער איז ער דער אַמע-ריקאַנער געשעפטסמאַן און זי שלעפּט זיך בלויז נאָך. האָט זי דערפון נאָך מער דערפילט איר געפאַלנקייט: עס האָט איר שטאַרק פאַרקלעמט ביים הארצן.

אין די ערשטע צייטן, האָט זי יאָ אַמאָל געפּרובט מיט אים רעדן און אים געפּרובט געבן צו פאַרשטיין, וואָס זי פילט און ליידט. האָט ער אָבער, אַלטערל עס אַ מאַך אַוועק געגעבן מיט'ן האַנט און עס מבטל געווען:

— האָסטו דיר גאָר אַ נייעס! וואָס אַ נאַרישע אידינע פּלוי-דערט.

— ס'טע געהערט נאַרישקייטן ? און אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט ווי ס'איז אַן עבירה אַן איבריק וואָרט און איר איבערגע-שלאָגן און איז אַוועק.

נאָך אַזאַ איר אַוועקמאַכן מיט'ן האַנט, גלייך זי וואָלט אים געזאָגט די גרעסטע נאַרישקייט און היינט דעם "שטעל" וואָס ער האָט זיך געגעבן אַנטגעגן איר, האָט איר, דער שטילער, נאָכגיבי-קער צירלן פאַרקלעמט און דערשלאָגן צו דערזעלבער צייט.

אַזאַ שטילע, צוריקגעהאַלטענע און בכבוד'ע ווי צירל איז בטבע געווען, האָט זי זיך געשעמט אפילו צו דערציילן פאַר אי-מיצן, וואָס איר דריקט; אפילו ניט פאַר דעם נאָענטסטן. האָט זי געשטיקט אין זיך.

זי האָט בלויז פון צייט צו צייט, ווען זי איז געבליבן אַליין

אין הויז, זיך שטיל אויסגעוויינט. ס'איז איר דערפון ניט גרינ-גער געוואָרן. פאַרקערט:

ס'איז איר אַלע מאָל שווערער געוואָרן. און ביים האַרצן האָט געפּרעסט און זי האָט געפילט, אַז זי וועט אַמאָל אַזוי אין דער שטיל דערדריקט ווערן.

אַנטקעגן דעם אייגענעם מאַן, זינט זיי זיינען רייך געוואָרן, פילט זי זיך געפאַלן און דערשלאָגן.

ער לעבט מער אין דרויסן ווי אין הויז. און אַז זי האָט יאָ אַמאָל אַ געלעגענהייט מיט אים צו רעדן גיט ער עס אַמאַך אַוועק מיט'ן האַנט, איז עס מבטל. טאָ ווי אַזוי קען זי זאָגן אַ פרעמדן וואָס איר דריקט? און אגב, וואָס קען איר אַ פרעמדער מער העלפן ווי מיט אַ זיפץ? פון וואָס זי וואָלט זיך געפילט נאָך מער געפאַלן און דערשלאָגן? —

מיט דער צייט האָט מען שטאַרק גענומען רעדן אין שטאָט, אַז צווישן אַלטערלן און זיין יונגער, שענער בוכ-קיפּערקע איז עפּעס גאָר קוצעניו, מוצעניו. מען טרעפט זיי לעצטענס שוין צו אָפט צוזאַמען. ער פירט איר יעדן טאָג אַהיים מיט זיין מאַשין. מען האָט זיי אפילו שוין געטראָפן אַמאָל שפּעט ביינאַכט אין אַ קאַבערעי צוזאַמען אין אַ דערבייאיקער גרעסערער שטאָט..

די נייעס האָט זיך שנעל ווי אַ מגפה צעטראָגן איבערן שטאָט און צווישן די לאַנדסלייט:

— און צירל זיצט אין הויז ווי אַ באַבעניצע —

האָבן לאַנדסלייט גענומען רעדן מיט כעס און קנאה און לאַנדספרויען מיט אַ טיפן מיטגעפיל צו צירלען.

און צירל איז זיי מיט אַמאָל טייער און ליב געוואָרן:

— פֿאַר וואָס דערלאָזט זי עס צירל?

— מ'דאַרף איר עפֿענען די אויגן איידער ס'ווערט צו שפּעט! — האָט אַ לאַנדספּרוי זיך געקאַכט.

— גיי שוין גיי לאה'טשע ס'וועט ניט העלפֿן.

צירל לאָזט זיך מיט אַלץ צופֿרידן.

— אַלטערל האָט אַלע מאָל געקענט בײַ איר טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט —

— אַז זי האָט קיינמאָל אפילו ניט געפּרובט נעמען אים אין די הענט אַרײַן —

— און איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז מען דאַרף דער אָרימער צירלן עפֿענען די אויגן איידער ס'ווערט צו שפּעט —

— און פֿון וואַנען ווייסטו ניט, אַז ס'איז שוין ניט צו שפּעט?

— און פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז צירל ווייס שוין ניט דערפֿון נאָר זי מאַכט זיך ניט ווּיסנדיק?

— זי שטיקט עס מסתמא אין זיך און שעמט זיך מיט איר בראָך, ווי עס איז אַלע מאָל געווען איר טבע —

— דערפֿאַר קען אַלטערל אַזוי רודערן —

— אודאי, אַז ער האָט אַזאַ ווייב ווי צירל —

— לאָמיך אייך עפּעס זאָגן — האָט אַ לאַנדספּרוי פּונקט ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַ גרויסן אמת, זיך אַ שטעל געטאָן: —

— אַז די בוכ-קיפּערקע, דער יונגער שנעק, האָט געלייגט אַן

אויג דאַרויף צו לעבן פאַר זיין געלט, וועט שוין צירלן קיין צרות ניט פעלן; אָדער אַלטערל, וועט זען פון איר פּטור צו ווערן, און חתונה האָבן מיט דער שענער בּוך-קיפּערקע, אָדער זי, צירל, וויים דערפון און ליידט אין דער שטיל בּיז זי וועט דערדריקט ווערן און קייען יונגערהייט די ערד. —

— און דעמאָלט וועט שוין די יונגע בּוך-קיפּערקע לעבן פאַר'ן געלט און ניט אַלטערל —

— מ'זאָגט, אַז זי, צירל, קומט אַמאָל אַריין אין געשעפט האַלט זיך די בּוך-קיפּערקע, דער שנעק, אַנטקעגן איר, ווי זי וואָלט שוין איצט געווע די בּאַלעבּאָסטע און ניט צירל. —

— קען מע' ניט פּלאַצן? —

— דאַרף מען אַ מאַן העלפן זיך אַרויפצואַרבּייטן?

אַזעלכע שמועסן זיינען פאָרגעקומען גאַנץ אָפט צווישן לאַנדסלייט נאָך מער צווישן לאַנדספרויען, זינט מען האָט אַלטערן אָנגעהויבּן טרעפן צו אָפט מיט דער יונגער בּוך-קיפּערקע אין פאַרשידענע פּלעצער.

די לאַנדספרויען, וואָס האָבן אַזוי פּלוצים דערפילט, ווי צירל וואָלט געווען פלייש פון זייער פלייש, האָבן געפילט ווי עס וואָלט בּאַגאַנגען געוואָרן אַ גרויס אומרעכט ניט בּלויז צו צירלן נאָר אויך צו זיי. צירלן, וועמען זיי האָבן געקענט פון קינד ווייז אויף, איז זיי איצט טייער, נאָענט און אייגן געוואָרן.

ס'האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס די גוטע, שטילע צירל האָט אים דעם געשפאַן אירן, נאָך צוגעהאָלפן רייך צו ווערן.

— און דאָס איז די בּאַלוינונג, וואָס זי קריגט דערפאַר?

האָט אַ לאַנדספרוי מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ און אַלע לאַנדספרויען צוזאַמען האָבן געוואונשן זיי זאָלן נאָך דערלעבן אַלטערל׳ס מפּלה.

*״ס׳זאָל אים נאָר צוהאַנדן קומען״

* * *

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט זיך צעטראָגן די נייעס צווישן די לאַנדסלייט אַז צירל איז געשטאָרבן.

— ווען ! ? —

— ווי אַזוי ! ?

— זי איז, ווי מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, דערדריקט געוואָרן — האָט אַן אַלטע חבר׳טע צירל׳ס טרויריק געשאָקלט דעם קאָפּ.

— ווייז איז מיר ! — האָבן עטליכע לאַנדספרויען מיט אַמאָל אויסגערופן.

— אַז דאָס איז אַלע מאָל געווען אַ שטילע טויב. —

— אַז זי האָט דאָך אפילו פאַר קיינעם ניט דערציילט אַז זי ליידט —

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳אַרט איר ניט וואָס אַלטערל טוט.

— אודאי! זי איז טאַקע געווען אַ שטילע, אַ בכבוד׳ע אָבער געפילן ווי יעדער לעבעדיקער מענטש האָט זי דאָך געהאַט —

* ס׳מיינט אין פוילן: אַז גאָט זאָל אים באַצאָלן דערפאַר

— און אַ האַרץ, ווי יעדער מענטש וואָס קען פלאַצן, האָט זי אויך געהאַט. —

— מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט איר פאַר׳סמ׳ט ! —

— נו, דאָס איז שווער צו גלויבן —

— אַזאַ מערדער, איז אַלטערל ניט —

— יאָ טייערע אַזוי זאָגט מען — האָט די לאַנדספרוי ווי זי וואָלט אַלעמען וועלן איבערצייגן אין דערין ניט געוואָלט אַפּלאָזן.

— יאָ, די שלעכטע לעבן און זיינען שטאַרק און די גוטע קייען די ערד. —

— מ׳זאָגט אויך, אַז ער האָט שוין מיט דער בוכ-קיפּערקע געלעבט, ווי מאַן און ווייב נאָך ביי צירל׳ס לעבן.

— איצט, אַז צירל האָט איינגענומען אַזאַ סוף, איז דאָך שוין אַלץ צו גלויבן. —

עס זיינען קוים אַוועק צוויי חדשים נאָך צירל׳ס טויט, ווי אַלטערל האָט זיך באַזעצט מיט זיין יונגער, שענער בוכ-קיפּערקע אַלס מאַן און ווייב אין אַ נייער, מעבעלירטער היים.

זי, די יונגע בוכ-קיפּערקע, האָט אין זיין אַלטער היים, וואו ער האָט געוואוינט מיט צירלן, ניט געוואָלט אַריינגיין.

די לאַנדסלייט, איבערהויפּט די לאַנדספרויען, האָבן ניט אויפגעהערט צו רעדן פון דער געשעעניש.

זיי האָבן געזאָטן מיט כעס און שנאה צו אַלטערלן און זיי

האָבן געוואונשן אַלטערלן מיט זיין יונג ווייבל אַ גיכן, פינסטערן סוף.

זעקסטער קאַפּיטל.

ווען די העט-באַנד-פאַבריק פון לואי פונק האָט זיך ווידער פאַרגרעסערט און דאָס רייכטום האָט זיך צעוואַקסן, האָט לייבל ניט געוואָלט מער, אַז חאַנטשע זאָל קומען אין פאַבריק אַריין אַרבייטן:

— זיי אין הויז און פיר דיך ווי אַ נגידית — האָט לייבל גע-נומען טענה'ן צו חאַנטשען.

וואָרום, זינט לייבל אָדער לואי פונק, איז געוואָרן אויף אַן אמת רייך, האָט ער געוואָלט, אַז סיי חאַנטשע און סיי ער זאָלן זיך פאַרגינען: מען זאָל לעבן אַביסל ברייטער, ווי עס פּאַסט פאַר נגידים.

אָבער ביי חאַנטשען איז דאָס ניט געווען צו פּויעל'ן.

זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אָפּגעוואוינען פון צו קאַרגן און שפּאָרן; פּונקט ווי זי האָט זיך ניט געקענט צו געוואוי-נען צום געדאַנק, אַז זי זאָל ניט מער העלפן דעם מאַן זיך אַרויפ-צואַרבייטן: גלייך זי וואָלט ניט יוצא געווען פאַר איר געוויסן.

איז זי אַלץ נאָך יעדן טאָג געקומען אין פאַבריק אַריין כאָטש פאַר אַ שעה אָדער צוויי און דאָרט אַביסל אַרויסגעהאָלפן; פּונקט אַזוי האָט זי ניט געקענט פאָלגן דעם מאַן צו לעבן ווי אַ נגידית. זי האָט נאָך אסך מאָל הינטער דעם מאַנס און הינטער די קינדערס וויסן אַליין אויסגעוואַשן די וועש איינצושפּאָרן געלט. דאָס שפּאָרן, איינבּרענגען געלט און צען מאָל איבּעררעכענען דעם

דאָלאַר איידער זי גיט אים אויס, איז ביי האַנטשען געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. דאָס שפּאָרן איז איר אַריין אין די ביינער.

אין דער פּראָווינץ-שטאָט וואו זיי וואוינען און ווי זיי זיינען רייך געוואָרן, איז פאַראַן אַ גרויסער פּלאַץ א "מארקעט", וואוא-הין פאַרמערס פון די אַרומיקע פאַרמס ברענגען צוויי מאָל אין וואָך אַלערליי פאַרם פּראָדוקטן. ווייניקער ווי אַ קעסטל, באַס-קעט אָדער בושל פאַרקויפט דער פאַרמער ניט.

פאַרטאָגס קומען די סטאָרקיפּערס, גראָסערי לייט מיט זייע-רע וועגעלאַך און קויפן איין וואַרעס פאַר'ן טאָג: פריש און ביליק. ערשט אין מיטן טאָג ביז אין אָוונט קומען אַרבייטער פרויען, וואָס דעם מאַנס פאַרדינסטן קלעקן ניט אויף צו קויפן אַזעלכע זאַכן אויפ'ן "פונטעלע".

זיי קומען מיט גרויסע, דיק-פּאַפּירענע "בעגס", נעמען זיך צעזאַמען צו דריי, פיר פרויען און קויפן צו זאַמען ביים פאַרמער אַ קעסטל, באַסקעט אָדער בושל. איינע קויפט דערנאָך צעטיילט מען עס זיך אין גלייכע חלקים.

שפּעט אין אָוונט, ווען קונים ווייזן זיך שוין זעלטן און דעם פאַרמער איז געבליבן וואַרע, וואָס איז שוין האַלב קאַליע און ער וויל עס ניט צוריק אַהיימפירן, פאַרקויפט ער דעמאָלט די איבער-געבליבענע פּראָדוקטן פאַר האַלבע פּרייזן.

איז צוויי מאָל אין וואָך האָט לייבל מיט דער מאַשין, האַנ-טשען געמוזט אַרונטערפירן, עלף, צוועלף שפּעט אין אָוונט אין מאַרקעט אַריין איינקויפן ביליק. מען קען זאָגן, פאַר חצי חינם אָט די איבערגעבליבענע שוין האַלב קאַליע געוואָרענע פּרוכט און "וועדזשטייבלס".

אַז לייבל האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי קען זיך פאַרגינען

קויפֿן בײַם גראָסערי מאַן, אַז עס פּאַסט גאָר ניט איצט פֿאַר אים; אַז אַ באַקאַנטער טרעפֿט אים אַמאָל אָן קומט אים דאָס בלוט אין פּנים אַריין; און גלאַט האַלט ער ניט אַז די פּראָדוקטן, דאָס "אי-בערבלײַבאַכץ" איז כדי צו קויפֿן: וואָרום די פֿרישע, בעסערע פּראָדוקטן האָט מען דאָך איבער'ן טאָג אויסגעקויפֿט. האָט אים דאַרויף חאַנטשע געענטפֿערט:

— אַז דער בויך איז ניט פֿון גלאָז און קיינער קען ניט אַדורכ-קוקן. —

לייבל האָט איינגעזען מיט דער צייט, אַז עס וועט ניט העלפֿן זײַן טענה'ן מיט חאַנטשען; ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט אפֿי-לו פֿאַרמאָגן אַ מיליאָן דאָלאַרס, וועט חאַנטשע אַלס קאַרגן, אָפּ-היטן דעם סענט און ניט קענען לעבן ווי אַ נגידית. ס'האָט אים אמת, ווײ געטאָן. אָבער קריגן זיך מיט איר דאַריבער האָט ער פֿאָרט ניט געוואָלט: דער געלאַסענער לייבל.

צוליב זײַן רײַכקייט, צוליב זײַנע איצט גרויסע געשעפֿטס-פֿאַרבינדונגען איז ער איצט צוזאַמענגעקומען מיט רײַכע, אי פֿון יחוס און אי מיט אויפֿגעקומענע גבירים פּונקט ווי ער. זיי אַלע, נאָך מער די אויפֿגעקומענע גבירים, ווי דער שטייגער איז, האָבן שוין באַלאַנגט צו רײַכע קלאָבס און צו אַלערליי געזעלשאַפֿטלי-כע אינסטיטוציעס.

דאָס, ווי זיי האָבן געגלויבט, גיט זיי כבוד, חשיבות און אָנ-זען. די אויפֿגעקומענע גבירים האָבן זיך אודאי געשטופּט אין די דאָזיקע קלאָבס. האָבן זיי ניט איינמאָל גע'טענה'ט מיט לייבלען:

— די שטאָט וויים, אַז דו ביסט אַ גביר. פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט באַלאַנגען צו עטליכע שטאָטישע אינסטיטוציעס? —

— מ'וויל דיך דאָרט האָבן לואי. און דו ווי דו ביסט גע-

שטעלט אויף די פּיס און קאָנסט זיך פאַרגינען צו געבן אַ ברייטע נדבה, דו וואָלסט זיך ערשט דערפילט אָנגעזען און דערהויבן. —

לייבל האָט איצט, ווען גאָט האָט אים געהאָלפן צו וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט, טאַקע חשק געהאַט צו באַלאַנ-גען צו עטליכע אַזעלכע אינסטיטוציעס.

וואָרים, פאַר די אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען אַ יתום און איז געווען דערשלאָגן, וואָלט ער איצט ערשט געקענט פילן דעם טעם פון זיין אַ גביר און זיין אָנגעזען. אפילו, ווען מען וויל אים דאָרט האָבן פאַר געלט; וועט עס אים קאָסטן עטליכע הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. פאַרוואָס טאַקע ניט?

האָט ער דאָס גענומען איבעררעדן מיט חאַנטשען:

— אַז גאָט האָט אונז געהאָלפן און מיר זיינען בכוח פאַר-וואָס זאָלן מיר ניט זיין מיט לייטן גלייך ? —

האָט חאַנטשע זיך דוקא איינגעשפּאַרט: ניין ! און ניין !

— ס'וועט אים מוזן קאָסטן כאָטש טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

— זי זעט ניט איין צו וואָס מען דאַרף עס. דערנאָך, אַז ער וועט באַלאַנגען מוז זי דאָך אויך באַלאַנגען; זי ווייסט ניט, ווי ס'איז ביי די מענער; נאָר די פרויען אין אַזעלכע קלאָבס און סאָ-סייעטיס בלאָזן פון זיך, גרויסן זיך מיט רייכע קליידער און צי-רונג. און אויב זי וועט ניט וועלן האָבן אַ פּנים פון חוזק וועט זי נאָך מוזן טראָגן טייערע קליידער און צירונג; זי וועט נאָך דערצו מוזן געבן אַמאָל אַ "הונדערטער" און מער דאָ און דאָרט, אַז ניט וועט זי האָבן אַ פּנים פון חוזק. צו וואָס טויג איר דאָס ? צו וואָס דאַרף זי דאָס ? פאַר איר זיינען גוט גענוג די פּשוט'ע פרויען מיט וועמען זי באַלאַנגט. זיי האַלטן איר סיי ווי

פאַר אַ נגידית, ווען זי גיט אַמאָל אַ פינפערל; ווער שמועסט, אַז זי גיט אַ צענערל?

— טאָ צו וואָס ברויך זי די רייכע, פאַרצוויגענע "לײדיס" און אינסטיטוציעס? זי ברויך עס ניט און ער ברויך עס ניט אָט די רייכע קלאָבס און אינסטיטוציעס.

איז ווידער געבליבן ווי חאַנטשע האָט געוואָלט.

אַז ניט האָט עס באַדאַרפן קומען צו מחלוקת'ן און ברוגז'ן.

און דאָס האָט ער, דער געלאַסענער לייבל, פיינט געהאַט.

אין שטאָט האָט מען געוואוסט אַז חאַנטשע דערלאָזט ניט אַז לייבל זאָל באַלאַנגען און געבן געלט. אַז מ'האָט מיט אים, לייבלען, גערעט האָט מען עס אים געגעבן צו פילן: מען האָט דערביי אַלעמאָל פאַרענדיקט: ס'וואָלט אָנגעקומען אויף אים, לייבלען, וואָלט ער שוין יאָ געהאַט אַ ברייטע האַנט. —

דעם איצט רייכן לייבלען פלעגט דאָס בלוט שפּאַרן אין פּנים אַריין. נאָר ער האָט עס פאַרענטפערט אַזוי:

— אַ געטרייע איבערגעבענע פרוי איז זי דאָך חאַנטשע.

די קינדער האָט זי ליב און קען זיך פאַר זיי מקריב זיין.

איז צוליב שלום בית וועגן, ווייל ער זיך מיט איר ניט איינ-רייסן.

ער וועט אַזוי געבן פון צייט צו צייט אַ נדבה, נאָר —

מען זאָל זיין נאָמען ניט דערמאָנען.

איינס האָט ער, לייבל, יאָ גע'פועל'ט ביי איר.

אין דער פּראָווינץ-שטאָט, וואו זיי וואוינען, איז אין די לעצ-

טע יאָרן געווען אַ מאָדע, אַז אויך אידישע פאַרמעגלאַכע פאמי־
ליעס, פונקט ווי גוי־אישע, גייען זונטיק עסן מיטיק אין אַ פיינעם
רעסטאָראַנט. אויף דארויף איז זי, חאַנטשע, שוין איצט, אַלס
גביר'טע איינגעגאַנגען. זי וויל אָבער ניט גיין אין די "סוועל",
וואו די רייכע גייען; זי וויל אַ פשוט'ן, אידישן רעסטאָראַנט:

— ערשטענס — האָט זי גע'טענה'ט — שמעקן איר די
פשוט'ע, אידישע עסענס בעסער. דערנאָך איז עס גלאַט אַן
עבירה אַרויסצוואַרפן אַזוי פיל מער געלט פאר די "פענסי"
שפייזן, וואָס, זי זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, זי קען זיי אין מויל
ניט נעמען.

און גלאַט וויל זי ניט די "פענסי", שטייפע ווייטערס אין די
יוניפאָרמס, וואָס שטייען דיר כסדר הינטער דעם רוקן, אַז דער
ביסן עסן באַקומט דיר ניט. דערצו גיב זיי נאָך אַ "טיפ" כאָטש
אַ האַלבן "טולער". —

אַזוי אַרום איז ער, לואי פונק, לייבל, ביי זיין גאַנצער איצטי־
קער עשירות, געבליבן וואוינען אין אַ פשוט הויז, אין אַ ניט ריי־
כער געגענט, וואו גבירים איבערהויפט אויפגעקומענע גבירים,
וואוינען ניט און בכלל האָט ער ניט געקענט לעבן פיל רייכער און
ברייטער, ווי אין יענע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַן אַרביי־
טער.

זיבעטער אַרטיקל.

נאָך באַלד אין אָנפאַנג, ווען די העט־באַנד־פאַבריק, ווי דאָס
געשעפט האָבן זיך גענומען פאַרגרעסערן, האָט לייבל איינגעזען,
אַז מיט זיין שרייבן און מעקן אין די ביכער וועט ער שוין ניט
אויסקומען: ער מוז נעמען אַ מיידל, וואָס קען, — זי זאָל פירן די
ביכער.

וואָרום ער האָט שוין איצט געמוזט צו שטעלן "סטייט-מענטס" צו די ניו יאָרקער געשעפטסהייזער אויך צו די באַנקן.

ער האָט שוין געמוזט שיקן בילס אָדער געשעפטס-בריוו, זיי זאָלן האָבן אַ קוק: מען זאָל זיי קאָנען לייענען, אַז זיי קומען פון אַ פירמאַ.

וואָרום, אַז ער האָט אַמאָל אַריינגענומען אַן "אַקאַונטענט", יענער זאָל מאַכן פאַר אים די "סטייטמענטס", איז יענער געזעסן טעג לאַנג, כסדר געשאָקלט דעם קאָפּ אויף די קאָלטענעס און לאַפּעטעס ביז ער האָט געקאָנט דערגיין עפּעס אַ טאָלק.

צו יענער צייט פונקט איז געהאַט געשטאָרבן זיינער, לייבעלס, אַ יונגענט פריינט, אַן אַרבייטער, וואָס ווען ער האָט געלעבט, האָט ער קוים געמאַכט אַלעבן פאַר זיין פרוי און זיינע דריי קינדער.

איצט איז די פרוי געבליבן אַן אלמנה מיט דריי יתומים אָן מיטלען אויף צום לעבן. ס'עלטסטע מיידל ביטרים איז שוין אַלט געווען אַכטצען יאָר. זי האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט געענדיקט אַ ביזנעס-סקול. איצט נאָך'ן פאָטערס טויט, זיך גענויטיקט אין אַ דזשאַב צו קענען אַרויסהעלפן דער מוטער. אַזוי ווי לייבל האָט פונקט געהאַלטן אין נעמען אַ מיידל פאַר זיין אָפיס, איז געווען ניט מער ווי רעכט ער זאָל נעמען ביטרים'ן.

ער און אפילו חאַנטשע זיינען געווען צופרידן.

זיי קענען אַזוי אַרום עפּעס טאָן פאַר דער אלמנה און די יתומים פון זייער פאַרשטאָרבענעם פריינט. ער האָט איר אפילו געצאָלט מער ווי ער האָט געדאַרפט צאָלן אַן אַנדער מיידל אויף איר אָרט.

אפילו מיט דערמיט איז האַנטשע געווען צופרידן.

לייבל האָט איר געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד, זיך באַצויגן צו איר פאָטערליך און מיט דעם געפיל אַז זי איז אַן אַכטצען יאָריקע יתומה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט.

ביטרים איז ניט געווען קיין מיאוסע מיידל. דאָך האָט זיך איר ניט איינגעגעבן חתונה צו האָבן. וואָרום, ווען זי איז נאָך געווען אַ סקול-מיידעלע האָט מען שוין אויף איר אַרויפגעלייגט אַ לאַסט ווי אויף אַ גרויסער, דערוואַקסענער מויד.

פאָטער און מוטער האָבן דעמאָלט ביידע געאַרבייט אין פאַבריק.

זיי זיינען אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אין דער היים. האָט זי, ביטרים, שוין באַדאַרפן אויפפאַסן אויף זיך און אויף די אַנדערע צוויי קינדער:

זיך נעמען אַליין עסן און געבן די אינגערע קינדער עסן, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט פאַר'ן טאָג. אַז זי איז אַהיימגעקומען פון סקול האָט זי באַדאַרפט אַביסל צורוימען ס'הויז און נאָך מאַכן די שול-אַרבייט.

דער איינציקער טאָג, וואָס זי האָט געקענט שפּילן מיט די קינדער אין דרויסן איז געווען זונטיק.

איז אָבער די מאַמע געווען אויסגעמאַטערט פון דער גאַנצער וואָך אַרבייט אין פאַבריק. דאָס וואַשן, פּוצן און אויפרוימען ס'הויז אים זונטיק, אפילו אַז דער מאַן האָט איר געהאָלפן, איז איר געפאַלן שווער. און דערצו איז נאָך געשטאַנען אַ פולע סינק מיט ניט געוואַשענע געשיר.

האָט די מוטער געפילט, אַז ניט זי וועט האָבן צייט און ניט

זי וועט שוין האָבן כוח נאָך צו צעוואַשן דאָס געפעס.

איז זי געוועזן נערוועאיש און אין כעס: —

— אַ מויד שוין אין צוועלפטן יאָר זאָל ניט כאָטש צעוואַשן דאָס געשיר? וואו איז זי די מויד? !

און שוין אַ צעפלאַמטע פון כעס איז זי, די צערייצטע, נער־וועאישע מאַמע אַרוים אין דרויסן און גענומען שרייען:

— ביטרים! ביטרים! —

האָט שוין ביטרים איבערגעלאָזן די מיידלאַך מיט דער שפּיל צוזאַמען און איז מיט אַן אַרופּגעלאָזן קעפּל און מיט אַ פאַרבי־טערט הערצל געלאָפן צו דער מאַמען:

— שוין זאָלסטו מיר אַריין גיין און צעוואַשן ס'געפעס, אַז ניט וועל איך דיר צעפּראַסקען די פּיסקעס! —

ביטרים האָט געקענט וואַקסן אַ לעבעדיק, שטיפעריש מיידל פּונקט ווי אַנדערע. האָט זי אָבער מיט דער צייט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו שפּילן זיך מיט קינדער. וואָרום גאַנץ אָפט האָט די מאַמע זיך ניט באַגניגן געלאָזן מיט בלויז איר רופן אין שטוב אַריין. ווען אירע נערוועז זיינען געווען שטאַרק צערייצט און דער כעס אין איר האָט געזאָטן האָט די מאַמע איר געגעבן עטליכע פּעטש פאַר די חבר'טעס אין די אויגן. ביטרים האָט זיך שטאַרק געשעמט. און כאָטש זי האָט שטאַרק געבענקט דערנאָך האָט זי בעסער געלאָזן די שפּיל מיט די קינדער.

אין איר יונג האַרץ האָט זיך דערפאַר אָנגעקליבן מיט דער צייט אסך ביטערקייט. זי האָט אפילו ניט געוואוסט אַקוראַט אַנטקעגן וועמען.

יונג ווי זי איז געווען איז זי שוין געוואָרן ערנסט, האָט זעלטן געשמייכלט און נאָך ווייניגער געשטיפט.

אויף איר יונג פּנים האָט זיך דערפאַר אויסגעפורעמט אַ ביי-נערדיקע הארטקייט, ווי תמיד ברוגז אויף אימיצן און איר גע-מאַכט אויסזען עלטער פון אירע יאָרן.

אַז א שכנה האָט אין איילעניש עפּעס געבּרויכט פון גראָסע-רי און ניט געהאַט אירע קינדער ביי דער האַנט אָדער זיי ניט גע-וואָלט רופן און ווען זי האָט פונקט דערזען ביטריסן אין דרויסן, האָט זי געקענט אַ געשריי טאָן, ווי פאַר באַר געלט:

— ביטרים ברענג מיר נאָר אַ פונט רייז פון גראָסערי. —

און אַז ביטרים, וואָס האָט זיך פון "פרעמדע" ניט געלאָזן שפּייען אין דער קאַשע, איז געבליבן שטיין און אַ קוק געטאָן אויף דער שכנה, ווי זי וואָלט זאָגן: — זע נאָר, כ'דאַרף נאָך זיין איר משרת אויך. —

האָט די שכנה געקענט אַ געשריי טאָן:

— זע נאָר דאָס אַלטע געמיט ! האָט די שכנה נאָכגערופן.

אָט דאָס אַלטע געמיט האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגערופן אויף ביטרים'ס שפּעטערדיק לעבן. וואָרום עס האָט זיך ווי איינגע-קריצט אין איר פּנים אַ פאַרהאַרטעוועטער ערנסטקייט און ווי אַ ברוגז זיין אויף דער גאַנצער וועלט.

ווען זי איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר,, האָט, דעם פאָטערס פּלוצים'דיקער טויט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין איר דאָס אַלטע געמיט; אפילו דעמאָלט, ווען זי האָט שוין געאַרבּייט ביי לואי פונק אין אָפיס.

אַז זי האָט זיך אין אָוונט אָדער זונטיק געטראָפֿן מיט יונגע לייט פֿון איר עלטער, וואָס זיינען ס'רוב געווען זינגנדיקע, שפּרינגנדיקע און טאַנצנדיקע, האָט זי זיי ניט געקענט פאַרליידן.

זיי זיינען איר אויסגעקומען „סימים" קינדיש און נאַריש.

ז י האָט געקוקט אויף זיי מיט די אויגן פֿון איר אַלט געמיט און דערפֿאַר זעלטן אויסגערעדט צו זיי אַ וואָרט.

האָבן זיך די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אין אָנפאַנג געוואָלט צו איר דערנענטערן, זיך פֿון איר אָוועקגעשאַרט: ס'האָט געיאָגט אַ קאַלטקייט פֿון איר.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. ביטרים איז עלטער געוואָרן און אויך אָפּגעפרעמדט געוואָרן פֿון יונגע לייט און פֿון מענער..

די גאַנצע וואָך איז זי איצט געווען אין אָפֿיס.

אַלס בוכ-קיפּערקע האָט זי מיט די אַרבייטער פֿון דער העמט-באַנד-פאַבריק ניט געקענט און ס'האָט ניט געפּאַסט מיט זיי צו האָבן פּריינטליכע באַציהונגען. איז, דעם איינציקן מאַן וואָס זי האָט די גאַנצע וואָך געזען פאַר זיך און אַרום זיך איז געווען איר באַלעבאָס, לואי פּונק. ער איז געווען אַ שענער און גאַנץ געזונטער מאַנספאַרשוין. עס איז איר ניט איינמאָל געקומען אויפ'ן געדאַנק, ווי רייכע, עלטערע באַלעבאַטים פאַרליבן זיך אין זייערע בוכ-קיפּערקערס און האָבן מיט זיי חתונה.

איז ערשטענס האָט ער, לייבל, זיך צו איר נאָך אַלס באַצויגן מיט דעם פאָטערליכן געפֿיל, מיט דעם געפֿיל צו אַ יתומה פֿון זיינעם אַ פאַרשטאָרבענעם פריינט. אַ חוץ דעם איז ער, לייבל, נאָך אַלס אַרומגעגאַנגען סיי אין פאַבריק, סיי אין אָפֿיס אין אַ פּאָר „אָוועראָלס" נאָך געטאָן גאַנץ פּראָסטע אַרבייט, ווי ער וואָלט

זיך גאָרניט געקענט אָפּגעוואוינען דערפון; ווי עס וואָלט אים אַריין אין די ביינער.

דער אַמאָליקער דערשלאָגענער יתום, דער איצט געלאַסע-נער לייבל איז אין גאַנצן געוואָרן אַריינגעטאָן אין אַרבייט און — אין אַרויפאַרבייטן דאָס געשעפט.

ער איז דערפאַר געוואָרן נאַכלעסיג אויף זיך. ער איז זעלטן געווען געשייווט. ער האָט בכלל ניט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ באַלעבאָס פון אַזאַ גרויס, רייך געשעפט, ווי ער האָט שוין איצט געהאַט.

אין די "אָוועראָלס" און זיין נאַכלעסיקייט, האָט ער אויפגע-נומען די פיינסטע געשעפטסלייט. ער האָט אפילו ניט געהאַט דאָס געפיל פון שעמען זיך מיט זיין הילוך. און די געשעפטסלייט האָבן דערפון אַוועקגעקוקט. ווארום לואי פונק איז געווען שוין "געריעטעט" גרויס.

ער האָט ס'רוב געקויפט פאַר קעש. און וואָס ער האָט ניט געקויפט פאַר קעש, האָט ער געצאָלט זיינע בילס צו דער מינוט.

געשעפטסלייט האָבן דאָס געוואוסט; זיי האָבן אויך גע-וואוסט, אַז זיין געשעפט איז סאָליד. זיי האָבן דערפאַר גערן געטאָן ביזנעס מיט אים.

עס זיינען גאַנץ אָפט אַריינגעקומען אין אָפיס יונגע סוחרים אָדער יונגע אַגענטן פון גרויסע געשעפטן, געזונטע, פרישע מאַנס-פאַרשוינען, שען און זויבער אָנגעטאָן. אין ביטרים'ן האָט זיך ניט, איינמאָל, אַ צינד געטאָן אַ באַגער פון איר שטאַרק רייף גע-וואָרענער מיידלשאַפט, וואָס האָט איר אין גאַנצן אָנגעגליט. זי האָט עס דערשטיקט אין זיך. ווארום, מער ווי זיי בגנבה נאָכ-קוקן, ווען זיי זיינען אַוועק פון אָפיס האָט זי ניט געקענט.

אַזוי זיינען ווידער אַוועק עטליכע יאָר.

די העט-באַנד-פאַבריק איז דריי מאָל אַזוי גרויס אויסגע-וואַקסן; לייבל אָדער לואי פּונק איז דריי מאָל אַזוי רייך געוואָרן. דערצו האָט אַסך מיטגעהאָלפן זיין שווער אַרבייטן; זיין זיין אַ-ריינגעטאָן אין געשעפט מיט אַלע זיינע חושים, מיט זיין גאַנץ לעבן.

ס'האָט אויך מיטגעהאָלפן דערצו זיין געזעצטקייט, זיין גע-לאַסנקייט, און — זיין שטאַרקער ווילן, ווען עס איז נויטיק גע-ווען, וואָס אַזוי אין זיין טאָג טעגליכן לעבן האָט מען עס גאָר ניט געקענט גלויבן, אויף אים.

זיין אָפּיס איז איצט שוין געווען דריי מאָל אַזוי גרויס. אין אָפּיס האָבן איצט שוין געאַרבייט נאָך דריי מיידלאַך און ביטרים איז דערהויבן געוואָרן איבער זיי אַלע.

עס האָבן איצט געקלאַפּט טייפּרייטערס; עס זיינען אָנגע-פאָרן און אַוועקגעפאָרן, מאַשינען, עקספּרעסווענגן געפּאַקט מיט וואַרעס.

עס זיינען געקומען און געגאַנגען סוחרים, אַגענטן מיט פאַרשידענע פּראָבן און פרייזן פון רויע מאַטעריאַלן; פאַרבערס, פינישערס וואָס האָבן אָנגעבאָטן גוטע אַרבייט און ביליקע פרייזן; אַגענטן פון אויל פירמאַס; אַגענטן פון עלעקטריק "גלאָובס", פון לעדער און פון אַלערליי אַנדערע זאַכן, וואָס לואי פונקס גרויסע פאַבריק קען נוצן.

דער אָפּיס האָט געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק.

לייבל אָדער לואי פינק, האָט שוין איצט געהאַט זיין פּרי-וואַט-אָפּיס; באַזונדער פון דעם הויפּט אָפּיס. ביטרים איז שוין איצט געווען זיין פּריוואַט סעקרעטאַר.

דאָס האָבן בײַ אים געפּועל'ט די צוויי שוין אונטערגעוואַק־סענע זיהן, בעני און היימי, וואָס האָבן שוין מיטגעאַרבייט מיט'ן פאָטער אין געשעפט. זיי האָבן אויך געפּועל'ט בײַ אים ער זאָל אויסטאָן די "אָוועראָלס", יעדן טאָג נעמען אַ שעיוו און גיין זוי־בער און רייך אָנגעטאָן;

זיי האָבן אויך געפּועל'ט בײַ אים ער זאָל בכלל ניט מער אַזויפיל אַרבייטן: — גענוג פאַר אים איצט בלויז זיך אָבצוגעבן מיט'ן אָפּיס און האָבן די חשיבות פון אַ רייכן געשעפטסמאַן. האָבן די זיהן אויך שוין געפּועל'ט בײַ אים, אַז ער זאָל אין די אָוונטן זיך לערנען שרייבן און לעזן ענגליש בײַ פּריוואַט לערער.

פונקט אַזוי האָבן זיי געפּועל'ט בײַ דער מוטער זי זאָל ניט מער אַריינקומען אין פאַבריק טאָן פּשוט'ע אַרבייט.

— ס'איז ניט שען מאַמע — האָבן זיי גענומען מיט איר איינ'טענה'ן — ווילסט קומען אין געשעפט אַריין טו זיך אָן ווי אַ נגידית און זאָלסט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ נגידית.

אָבער אַז חאַנטשע זאָל זיך אָנטאָן ווי אַ נגידית און מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ נגידית דאָס האָבן אפילו די צוויי זיהן ניט געקענט פּועל'ן בײַ איר. איז זי, זיך ניט איינצורייסן מיט די קינ־דער, איצט זעלטן געקומען אין געשעפט אַריין.

לייבל אָדער לואי פונק, האָט איצט אין זיין רייכער קליי־דונג, אין זיין פרישער זויבערקייט, אין זיין אויסרוען זיך געקראָגן דעם אויסזען פון אַ גביר און אַ חשק צו לעבן אחוץ דעם געשעפט. ער האָט זיך בכלל געפילט אין זיין נייער ראָל, אין זיין ניי לעבן ווי אַ ניי געבוירענער מענש. ער האָט מיט אַמאָל גענומען קוקען אַנדערש אויף זאַכן ווי ער האָט פריער געקוקט. עפּעס האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען רירן, רעגן און וועקן אין אים געפילן און באַ־

גערן, וואָס זיינען אים ביז איצט אין גאַנצן פרעמד געווען. אפילו ביטרים, מיט וועמען עס איז אים איצט אויסגעקומען אַזוי אָפט צו בלייבן אַליין איז אים פאָרגעקומען אַ גאַנץ נייע.

עס איז איצט ביסלעך-ווייז פאַרשוואונדן אין אים דער געפיל, וואָס האָט אים אַלע מאָל באַהערשט; דער געפיל, אַז זי איז די יתומה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט.

ער האָט פלוצים פאַר זיך איצט דערזען אַ צעוואַקסענע, רייפע, גוט אַנטוויקלטע, באַגערענדיקע פרוי.

ער האָט זיך בלויז געוואונדערט, ווי אַזוי ער האָט דאָס ביז איצט ניט געזען אין איר.

פונקט אַזוי האָט איצט ביטרים מיט אַמאָל דערזען אין איר זויבער געשעיווטן, רייכגעקליידטן באַלעבאָס אַ נייעם מענטשן, אַ מאַנספאַרשוין, פון וועמען עס שלאָגט מיט פרישקייט, ריינקייט און געזונטקייט, וואָס האָט איר מיט אַמאָל ווי איבעררעאשט.

ביטרים איז שוין איצט געווען אַ מיידל אַריבער דרייסיק.

זי איז געווען צעוואַקסן און אַנטוויקלט ווי אַ יונגע פרוי.

זי איז שוין לאַנג ניט מער געווען ראָמאַנטיש און עמפפינדלאַך, ווי יונגע מיידלאַך זיינען. עס איז אין איר לאַנג שוין רייף געוואָרן אַ געזונטער, ממשות'דיקער, ווייבליכער הונגער נאָך אַ מאַנספערשוין, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט ניט געוואוסט דעם טעם דערפון. זי איז דערפאַר תמיד געווען אָנגעגאָסן מיט אַ באַגער, וואָס זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אים צו שטילן.

אין אָנפאַנג איז זי צעטומעלט געוואָרן פון דעם נייעם געפיל צו איר באַלעבאָס. עס האָט איצט, יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט זיין איצטיקער פרישקייט, מיט זיין גבירישער ברייט-

קייט אַ זעץ געגעבן לעבן איר, עפּעס אויפגעציטערט אין איר; עס האָט אויפגעציטערט אין איר אַזאַ דינע הייסקייט, וואָס איז איר אַ גיי געגעבן דורכן גאַנצן לייב.

אַסך גורם געווען דערצו האָט איר ווייבליכער הונגער, וואָס איז ביז איצט ניט געשטילט געוואָרן אין איר.

עס איז איצט אויסגעקומען, אַז ער איז כמעט יעדן טאָג מיט איר פאַרבליבן אַליין פאַר עטליכע שטונדן.

שוין דאָס זיין מיט אים אַליין, אַזוי נאָענט לעבן אַ מאַנספּאַר־שוין, האָט געצונדן אירע בלוטן.

אירע אויגן זיינען איר געוואָרן רויט און ווי פאַרנעפּעלט פון תאווה און באַגער. זי האָט קוים פאַרשטאַנען, ווי אַזוי די ענדע־רונג איז פאָרגעקומען אין איר. זי האָט זיך אַסך מאָל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער איז פאַרט איר באַלעבאָס און אַ פריינט פון איר פאַרשטאָרבענעם טאַטען.

האָט זי געפּרובט צו קאָנטראָלירן זיך. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַ זעץ געגעבן לעבן איר, איר צו דיקטירן אַ בריוו אָדער מיט איר צוזאַמען איבער צו קוקן בילס און זי האָט דערשפּירט זיין נאָענטקייט, האָט איר הונגעריקע ווייבליכקייט זיך גענומען ציען צו אים, צו דעם מאַנספּאַרשוין אין אים; זי האָט גאַנץ אָפּט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך.

זי האָט אין אַזעלכע מאָמענטן אפילו פאַרגעסן אַז ער האָט אַ פרוי מיט דערוואַקסענע קינדער. איר הונגעריקע ווייבליכ־קייט האָט ניט דערלאָזן צו קיין חשבונות. זי האָט מיט דער צייט געקראָגן בלויז איין פאַרלאַנג: — אַז, ווען ער זיצט לעבן איר, זאָל זי אין אים, דעם צוריקגעהאַלטענעם און אין אַזעלכע זאַכן אָפּגע־היטענעם, קענען אָנצינדן זיינע בלוטן, פּונקט ווי אירע זיינען אָנ־געצונדן.

וואָרום זי וויל ניט זיין די ערשטע זיך צו וואַרפן אים אין די הענט אַריין. אַזוי פיל שטאָלץ און קאָנטראָל איבער זיך האָט זי נאָך.

ער דאַרף זיין דער ערשטער, וואָס זאָל זיך פאַרלירן.

— וואָס ער וועט דאַן טאָן מיט איר, איז איר אַלץ איינס.

— אָבער דאַמאָלט וועט זי אים האָבן אין די הענט.

האָט זי זיך אפילו ניט געשראָקן פאַר אַזאַ געוואָקטן געדאַנק; דעמאָלט וועט איר אפילו ניט אַרן, אַז ער זאָל אָפּ׳גט׳ן זיין ווייב און מיט איר חתונה האָבן. זי וועט ניט זיין די איינציקע בוכ-קיפּערקע צוליב וועמען אַן אַרויפגעאַרבייטער, רייכער באַ-לעבאָס וועט זיך גט׳ן מיט׳ן ווייב און חתונה האָבן מיט איר.

לייבל אָדער לואי פונק, כאָטש ער האָט שוין איצט אין דער שטיל געגלוסט צו ביטריסן, איר בגנבה געגעסן מיט די אויגן האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי אָנצוהויבן.

ער האָט, קען מען זאָגן, אין זיין גאַנץ פריערדיק לעבן ניט געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן. אגב האָט ער מורא געהאַט ער זאָל ניט קריגן איבער די הענט, פון וואָס ער וואָלט זיך אַ לעבעדיקער באַגראָבן פאַר חרפה. האָט ביטריס עס גענומען אין אירע הענט אַריין.

בשעת ער פלעגט זיצן לעבן איר ביי דיקטירן איר אַ בריוו האָט זי זיך אָנגעשטרענגט, אַז אירע ווייבלאַכע קערפּער-ליניעס זאָלן זיך, ביים קלאַפּן אויפן טייפּרייטער אָדער ביים אַרויסנעמען אָדער אַריינלייגן אַ פרישן בויגן פּאַפּיר, רייצענד צייכענען: זאָלן זיך ממש שטופּן אים אין פּנים אַריין. גאַנץ אָפט פלעגט זי אין מיטן טייפּרייטן זיך פלוצים אָפּשטעלן — זי האָט כלומרשט פאַר-הערט די לעצטע ווערטער זיינע. זי האָט גענומען קוקן אויף

אים מיט אַ דערצונדענעם, לײדנשאַפטלאַכן בליק, אַז לײבל האָט זיך פאַרלוירן; ער האָט מיט אַמאָל דערשפּירט ווי דאָס גאַנצע בלוט גיט אים אַ יאָג אין פּנים אַרײַן און די אויגן בײַ אים זײַנען געוואָרן פאַר'שיכור'ט און פאַרנעפּעלט. זײ האָבן גאָר ניט מער געזען ווי איר, ביטריסן, פון וועמען און צו וועמען עס שלאָגן אַזעלכע הײסע כוואַליעס.

ער האָט זיך קוים מיט די לעצטע כוחות צוריקגעהאַלטן ניט אין גאַנצן פריטשמעליעט צו ווערן.

ס'ערשטע מאָל, זינט ער איז פאַרהײראַט צו זײַן חאַנטשען האָט ער דערשפּירט, אַז ער שטײט פאַר אַ נסיון; עס האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן אין אים, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ הײסער, גליענדיקער און באַגערנדיקער. און לײבל האָט זיך געשראָקן.

אָבער אַנשטאָט עס אויסצומײדן האָט ער אינסטינקטיוו געזוכט איצט, וואָס מער צו בלײַבן מיט ביטריסן אַלײן.

עס איז אין גאַנצן געוועזן אַ נײַע דערשײַנונג אין זײַן לעבן.

און די נײַע דערשײַנונג איז געקומען איבער אים אַזוי פּלוצים און אַזוי הײס, וואָס ער האָט שוין יאָרן לאַנג ניט געוואוסט דערפון.

ס'איז געווען בײַ אים אין דער ערשטער צײַט נאָך דער חתונה, חאַנטשע איז נאָך געווען יונג, פריש און געזונט.

זי איז געווען פול מיט באַגער און באַפרידיקט זײַן יעדן פאַרלאַנג: שפּעטער, ווי דער שטײַגער איז, האָט זיך עס אָפּגעקילט.

דערנאָך איז ער געוואָרן אַרײַנגעטאָן אין אַרויפאַרבײַטן אַ געשעפט, וואָס האָט אים אין גאַנצן פאַרשלונגען. איז יענער גע-

פיל פון זיסער איבערלעבונג פּשוט ביי אים פאַרשלעפּערט גע-וואָרן.

ניט ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט און ניט ס'איז געווען ווער, וואָס זאָל אין אים אויפוועקן דעם פאַרלאַנג צו אַ פרוי, — צו אַ ביסל אויפטרייסלונג פון זיינע געזונטע אין אים פאַרשלע-פּערטע גליסטונגען.

אַז ביטריס האָט אים גענומען רייצן, יאָגן היים דאָס בלוט אין אים, האָט עס מיט אַמאָל אויפגעשטורעמט זיין פאַרלאַזירטע מענליכקייט אין אים. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו וואָגן. זיין איינגעבוירענע צוריקגעהאַלטנקייט האָט אים אַלס אָפּגעהאַלטן פון צו באַגיין אַ נאַרישקייט, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן: — אַז קיין גוטעס וועט דערפון ניט אַרויסקומען.

אַכטער קאַפּיטל

שוין זינט עטליכע יאָר, ווי חאַנטשע פאָרט אין די הייסע זו-מער חדשים צו אַ קילען ים-ברעג. דער באַלעבאַטישער לייבל דערפילט זיך דעמאָלט, עפּעס ווי אַ באַפרייטער: פון וואָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. אָבער ער קען זיך דעמאָלט, מיט אַ פריי-ער און אַ גרינגער געמיט, דערלויבן צו פאַרבלייבן שפּעט מיט ביטריסן אין אָפיס. אפילו נאָכדעם ווי דאָס געשעפט'ס און פאַב-ריק-לעבן שטעלט זיך אָפּ.

עס איז געווען איינמאָל אין אַ זער הייסן טאָג אין אויגוסט. ער איז מיט איר, ביטריסן, פאַרבליבן שפּעט מיט דעם תירוץ, זי זאָל מיט אים צו זאַמען איבערקוקן בילס, ווען זיי זיינען צאָל-באַר. ביטריס, וואָס האָט שוין לאַנג געוואַרט פאַר אַזאַ מאָמענט, האָט פאַרשטאַנען זיין מיין. דערצו האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג, וואָס איז אַזוי אייגן ביי פרויען: איבערצולעבן דעם זיסן פאַרגניגן, ווי אַזוי אַ מאַן וועט איר באַפאַלן; ווי אַזוי לואי,

איר באַלעבאָס וועט איר באַפאַלן. אַט דער פאַרלאַנג צו זאַמען מיט אַ שטאַרקער נייגעריקייט האָט איר אין גאַנצן באַהערשט.

זי האָט גענומען נאָכקוקן און צוזאַמענרעכענען בילס, וואָס ער האָט איר מיט צידערדיקע הענט אונטערגערוקט.

זי איז געזעסן מיט די אויגן פאַרגראָבן אין די בילס.

זי האָט געטראָגן אַ לייכט זומער-קליידל, וואָס זי האָט גע־האַט שוין פון פריער האַלב אָפּגעשפּיליעט צו ליב דער היטץ פון טאָג.

ס׳האָבן זיך דערפון אַנטבלויזט אַ טייל פון אירע ווייסע, שען געפורעמטע ברוסטן. אַ זיסע וואַרעמקייט האָט אַ שלאָג געטאָן לואין אין די אויגן, אַנגעגליט זיין אָטעם, וואָס האָט געבריט אויף איר אַנטבלויזטן לייב.

ס׳האָט ווידער אַ בליטץ געטאָן פאַר איר זיין רייכקייט דאָס גרויסע געשעפט מיט דער פאַבריק, מיט דעם אָפיס מיט אַלע אָנ־געשטעלטע פון וואָס זי קען ווערן די באַלעבאַסטע. און איין מאָל פאַר אַלע מאָל עס צו דערפירן צו אַ קלימאַקס, האָט זי כלומרשט, פון לאַנג זיצן שוין אויף אַן אָרט, גענומען מיט אַמאָל ראַנגלען איר קערפּער.

..און מיט אַמאָל האָט זי מיט איר גאַנצער ווייבליכקייט זיך אַ שטרעק געטאָן אויף צוריק איבערן אָנלען פון שטול מיט דער־הויבענע הענט, פון וואָס לואי האָט פּלוצים פאַרלוירן זיין גלייכ־געוויכט.

ער איז אַ פאַרשאַדעטער, אַ צעגליטער אַפּאַל געטאָן איבער איר און זיך איינגעקלאַמערט אין איר לייב. ביטרים אַנשטאַט אים אָפּצושטויסן, ווי לייבל אפילו אין זיין באַרוישונג האָט דער־וואַרט, האָט זי געלאָזן איר לייב הפקר.

דאָס האָט לייבלען אין לעצטן מאָמענט אויסגעניכטערט, ער איז פּלוצים פון איר צוריקגעטראָטן, היים אָטעמנדיק, סאָפּענדיק

אָבער מיט דעם צופרידענעם באַוואוסטזיין, אַז ער האָט זיך אויס-געהיטן פון צו באַגיין אַ נאַרישקייט; אַ נאַרישקייט וואָס וואָלט געקענט צערודערן און צעטרייסלען זיין איינגעפונדעוועט, רואיק און געלאַסן לעבן: אַ נאַרישקייט, וואָס וואָלט אים געקענט צו טייער קאָסטן.

ביטריס איז געבליבן ליגן אויפ׳ן שטול אַן אָנטוישטע, אַן אָפּגענאַרטע און אַ ביז אין ביין באַליידיקטע.

און לואי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר נאַריש און פאַר-לוירן.

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז ביטריס איז שטאַרק באַ-ליידיקט דערפון, וואָס ער, איר פאַרשטאָרבענעם פאָטערס פריינט וואָס איז אַלעמאָל געווען ווי אַ פאָטער צו איר, האָט זיך דער-לויבט:

— ביטריס—האָט ער געגומען שטאַמלען: — ביטריס כ׳בין ניט מער ווי אַ מענטש, זיי מיר מוחל. לאָמיר ערגיץ צופאָרן עסן וואו קיינער קען אונז ניט. כ׳וועל דיך נאָכדעם אַהיימברענגען מיט מיין מאַשין און פאַרגעס דערפון. —

אָבער ביטריס האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

די באַליידיגונג אַלס פרוי פון איר ניט באַפרידיקטן פאַרלאַנג האָט געזאָטן אין איר און זיך איינגעשניטן אין איר גאַנץ אינגע-ווייד.

אָבער לאָזן אים אַזוי שטיין האָט זי אויך ניט געקענט.

האָט זי זיך ענדליך אויסגעגלייכט, זיך אויפגעשטעלט מיט דער זיכערקייט, אַז אויב עס האָט ניט פּאַסירט איצט וועט זי אים קריגן אַ צווייטן מאָל.

— ניין מר. פונק האָט זי אַ ברוגז׳ע און באַליידיקטע קורץ און אָפּגעהאַקט געענטפערט:

— איך וויל איצט אין ערגיץ ניט גיין... אויב איר ווילט

פירט מיך גלייך אַהיים. —

— איך וויל איצט אין ערגיץ ניט גיין. אויב איר ווילט לוירענער און פאַרשילדיקטער. דער באַלעבאַטישער לייבל האָט אַלץ אָנגענומען אַז זי איז שטאַרק באַליידיקט פאַר וואָס ער האָט זיך דערלויבט:

האָט ער איר אַהיימגעפירט אַ שווייגענדיקער און זיך געגעסן פון חרטה. ער האָט זיך אפילו געשעמט אויפצוהויבן דעם בליק צו איר.

***

נאָך דער דאָזיקער פאַסירונג האָט ער זיך לאַנג געשראָקן צו קומען ווידער נאָענט מיט איר.

ווען ער איז מיט איר ווידער געבליבן אַליין האָט ער זיך שטאַרק קאָנטראָלירט. אויך ביטרים האָט זיך אַ צייט לאַנג צוריקגעהאַלטן: זי האָט זיך אפילו פאַרהאַלטן קאַלט צו אים: ..

ווייל אַזוי, וואָלט פון יוצא וועגן נאָך אַזאַ פאַסירונג, געהאַנדעלט יעדע מיידל. אגב, ווען זי האָט אים שוין איינמאָל געקענט צערייצן, וועט רק איר קאַלט פאַרהאַלטן זיך צו אים, אים גיכער ברענגען ער זאָל זוכען ווידער איר נאָענטקייט.

אָבער לואי, לייבל, האָט ניט געזוכט איר נאָענטקייט.

פאַרקערט ער האָט זיך איצט אַלס מער צוריקגעהאַלטן פון איר אפילו ווען ער איז מיט איר פאַרבליבן אַליין.

האָט ביטרים, גלייך אַ גרויס גליק גליטשט זיך פון אירע הענט אַרויס, ווידער אים גענומען רייצן ביי יעדע געלעגנהייט און מיט יעדן גליד פון איר קערפּער מיט איר רייפער, באַגערענדער ווייבליכקייט. עס איז איצט שוין געוואָרן ביי איר אַן אַמביציע אירס אויסצופירן. אָבער מער ווי צו אַ קוש אָדער עטליכע קושען איז עס ניט מער דערגאַנגען. גלייך ער וואָלט זיך געשראָקן ער זאָל ניט ווידער געשטעלט ווערן פאַר אַ נסיון, דערגע-

לאסענער צוריקגעהאלטענער און זיכער איינגעפונדעוועטער לייבל.

דאס האט איר, ביטרים'ן מער באליידיקט, ווי און באנג געטאן.

אבער מיט דער צייט, ווען ס'איז ניט אנדערש געווארן, האט זי זיך דערצו צו געוואוינט.

ווידער זיך ווארפן אים אין די הענט אריין האט זי ניט גע-וואלט.

זי וועטווארטן וואס די צייט וועט מיטברענגען.

נײַנטער קאפיטל

עס איז געווען איינעם א טאג אין חדש יאנואר. לואי פונק איז פאר עטליכע טעג געווען אוועקגעפארן צוליב געשעפט.

שוין טעג לאנג, ווי עס איז געשטאנען א שטארקער פראסט און א דינער שניי האט באדעקט די ערד... ווען לואי איז אהיים-געקומען האט ער געטראפן חאנטשען אין בעט מיט א הויכן פי-בער:

— וואס איז דא מיט אמאל געשען, חאנטשע ? —

איז ער א צעשראקענער געבליבן שטיין לעבן איר בעט.

חאנטשע האט אין אנפאנג געשוויגן. ס'האט איר גערירט, וואס איר לואי לייגט צו זיין האנט צו איר פנים, וואס פלאמט פון היץ און ער קוקט אויס שטארק באזארגט וועגן איר געזונט.

— כ'וויים ניט. כ'האב זיך צו געקילט. —

— האט זי שוואך, און א קראנקע געענטפערט.

— ווען, און ווי אזוי אז דו זאלסט ליגען אין אזא היטץ ? !

דו ברענסט דאָך ווי אַ קויל ! זאָג מיר דעם אמת חאַנטשע.

האָט לואי ניט אַרופגענומען זיין בליק פון איר.

חאַנטשע האָט ווידער אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זי מיט אַ שוואַך קראַנק און געצויגן קול אָנגעהויבן:

— די גויע וואָס קומט אַלע מאָל וואַשען איז דאָס מאָל ניט געקומען. האָב איך אַליין אויסגעוואַשען אַביסל וועש. —

—און אין אַ ווינט, וואָס האָט ס'פּנים געשניטן אַרויסגעהאָנ-גען. —

האָט לינאַ, זייער זעכצען יאָריק טעכטערל, וואָס האָט זיך מיטן פאָטער צוזאַמען לעבן בעט געשטעלט, פאַרענדיקט.

לואי האָט מיט באַדוירן און מיט רחמנות גענומען שאָקלען דעם קאָפּ און צום סוף געזאָגט:

חאַנטשע ! חאַנטשע ! האָסט שוין דאַכט זיך, צוגעזאָגט אויף דיין ערן וואָרט אַז ד'עסט מער אַליין ניט וואַשען. און אַז די גויע איז ניט געקומען גיט מען אַוועק צו וואַשען אין לאַנדרי. האָסטו דאָך מסתמא מורא געהאַט אַז ס'וועט קאָסטן אַ פּאָר סענט. וואָסי, ס'פעלט דיר חלילה דער דאָלאַר ?

— קענסט זיך ניט פאַרגינען ?

חאַנטשע, וואָס האָט ס'ערשטע מאָל געפילט אַז זי איז אויף אַן אמת קראַנק האָט איצט געפילט אַז דער מאַן איז גערעכט. זי האָט זיך אָבער געוואָלט פאַרטיידיקן:

— ס'אי ניט די פּאָר סענט לואי. אין די לאַנדרים מאַכן זיי אַ תל מיט אַ ביסל וועש; זי האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געלאָזן אויפנייען ציכן און ציכלאָך און אַנדערע זאַכן פון בעטערן שטאָף. דו לואי ביסט אַ מאַן פילסטו ניט און ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט. אָבער איך — איך בין דאָך די באַלעבאָסטע פון הויז . . .

לואי האָט שוין קוים געהערט אַ וואָרט וואָס זי זאָגט.

ער האָט מיט שרעק און מיט רחמנות געקוקט אויף איר, ווי ס'פּנים און דער גאַנצער לייב בײַ איר פלאַמט פון היטץ.

— האָט מען שוין געהאַט אַ דאָקטאָר ?

האָט ער אַ פרעג געטאָן.

—כ'האָב געמיינט ס'וועט פאַראיבערגיין — האָט זי זיך ווי-דער פאַרענטפערט:

— ס'ערשטע מאָל אַז איך קריג אַ "קאַלט" ? נאָר איצט מיינט זי מען זאָל ניט וואַרטן — האָט חאַנטשקע שוואַך און ווי מיט רחמנות צו זיך אַליין פאַרענדיקט.

לואי האָט געקוקט אויף איר און אָפּגעזיפצט.

ער איז אַריין צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען דעם דאָקטאָר.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער פיל באַדייטענדיק געשאָקלט דעם קאָפּ: — לונגען אָנטצינדונג ! —

האָט דער דאָקטאָר דערקלערט. ער וועט טאָן אַלץ וואָס מעגליך איז. אָבער דערווייל ראָט ער מען זאָל גלייך נעמען אַ נוירס וואָס זאָל פון דער קראַנקער ניט אָפּטרעטן.

חאַנטשע הערענדיק דעם דאָקטאָרס רייד און זיין פאָרזאָג צו נעמען אַ נוירס האָט טיף אָפּגעזיפצט. ווען דער מאַן און לינאַ האָבן איצט טיף באַזאָרגט געקוקט אויף איר, האָט זי שווייגע-דיק מסכים געווען מען זאָל נעמען אַ נוירס, אפילו צוויי. עס איז געווען קאָנטיק, אַז ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן איז איר, חאַנט-שען, עפּעס קלאָר געוואָרן; ס'איז איר קלאָר געוואָרן אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי געפאַר: מען קען חלילה אַלץ מוזן איבער-לאָזן און אַוועקגיין פון דער וועלט.

אַ טיפער רחמנות צו זיך צום מאַן צו די קינדער און צו אַלץ פאַר וואָס זי האָט ביז איצט איר לעבן און אירע כוחות אוועקגע-געבן, האָט איר מיט אַמאָל אַרומגענומען.

חאַנטשען איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן ווי נאַריש, ניט מוחל צו זיין, ס'איז אַזוי צוריקצוהאַלטן געלט, ווען מען האָט עס און מען קען איצט חלילה אַלץ דאַרפן איבערלאָזן.

אָט דער געפיל האָט איר איצט צענומען.

זי האָט צוגערופן דעם מאַן און איר טעכטערל, נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר איז אוועק און זיי אָנגעוויזן זיי זאָלן זיך זעצן ביי איר אויפן בעט. אַ שטילע טרער האָט זיך באַוויזן אין איר אויג...

חאַנטשע איז נאָך אין איר גאַנץ לעבן ניט ערנסט קראַנק גע-ווען. זי האָט אין אַלע אירע יאָרן געאַרבייט און געגלויבט אין אירע כוחות. אין איר איצטיקער קראַנקהייט האָט זי ס'ערשטע מאָל דערפילט, ווי עפּעס אַ פרעמדער כוח האָט איר אוועקגע-לייגט.

לעבן איר און אַרום איר איז פאַראַן אַ קראַנקן-שוועסטער אָנגעטאָן אין ווייסן . . . זי פאַרשפּרייט אַזאַ שטילקייט אַרום;

אַ שטילקייט וואָס טראָגט אין זיך עפּעס אַזאַ ווייטע שרעק . . .

עס איז פון דערפון חאַנטשען געוואָרן ענג און שווער אַרום האַרצן . . . . אַ שטילע טרער האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויס-געפּערלט פון אירע אויגן און איז געבליבן הענגען אויף איר ברעם . . . זי האָט זיך כסדר געשראָקן פאַר דער קראַנקן-שוועס-טער און פאַר דער שטילקייט אַרום, וואָס זי פאַרשפּרייט מיט איר דאָ זיין.

דערפאַר, ווי נאָר דער מאַן אָדער אַ קינד האָט זיך באַוויזן,

האָט זי געגעבן צייכענס אָדער שטיל געבעטן זיי זאָלן זיין לעבן איר.

האָט אָבער די קראַנקן-שוועסטער קיינעם ניט געלאָזן בלייבן ביי איר: — די קראַנקע מוז בלייבן אַליין: זי מוז האָבן רו —

איז דער קראַנקער חאַנטשען דערפון נאָך שווערער געוואָרן.

זי האָט גענומען זוכן מיט די אויגן, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט ערגיץ איבערגעלאָזן אַליין אין אַ ווייט, פאַרלאָזן אָרט.

ס'וויל וויינען פון גרוים בענקשאַפט און ס'קען ניט.

חאַנטשע האָט געפילט, אַז די קראַנקן-שוועסטער אין ווייסן און די שטילקייט, וואָס זי פאַרשפרייט, רייסט איר אַלץ מער אָפּ פון אַלץ מיט וואָס זי איז ביז איצט געווען פאַרבונדן;

עפּעס רוקט זיך אָן, וואָס וועט איר סוף כל סוף פאַרשלונגען . . .

איר פיבער האָט גענומען שטייגן פון טאָג צו טאָג. זי האָט אָנגעהויבן צו שוועבן ערגיץ אין אַ ליכטיקייט אַריין. אַלץ א'ז געוואָרן אַזוי גרינג און ליכטיק. זי האָט זיך דערזען, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידלע, די איינציקע ביי דער מאַמען.

זי האָט שוין אַזוי לאַנג ניט מער געזען די מאַמע.

נאָר זע, מיט אַמאָל וואַקסט די מאַמע אוים פאַר איר . . .

ווי יונג און ליכטיק זי זעט אוים . . . אָבער זי קען זיך צו דער מאַמען ניט דערנענטערן . . . . און מיט אַמאָל באַווייזן זיך טרערן אין די מאַמעס אויגן . . . און לעבן דער מאַמען שטייען לייבל און די קינדער . . . אויך אין זייערע אויגן באַווייזן זיך טרערן; זי וויל ביי זיי עפּעס פרעגן צו גאָר שרייען : —

כאָטש וויינען ווי זיי וויינען . . . נאָר זי קען ניט : . . .

ס'הויפּט אָן טונקל צו ווערן דערנאָך ווידער ליכטיק . . .

זי זעט קיינעם ניט מער . . . ס'באַפאַלט איר אַזאַ שווערע בענקעניש . . . זי וויל ווידער וויינען נאָר זי קען ניט . . .

זי האָט ניט קיין כוח צו וויינען . . .

* * *

אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך חאַנטשע געפונען איבער אַ וואָך צייט. זי האָט ניט מער דערקענט ווער ס'שטייט לעבן איר . . .

ווען דער דאָקטאָר איז ווידער געקומען און איר באַטראַכט האָט ער שטיל צוגעגעבן אַז אירע שעה'ן זיינען געציילטע . . . —

* * *

געשטאָרבן איז חאַנטשע שבת פאַרנאַכט.

די נייעס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט צווישן די אידן פון שטאָט און נאָך מער צווישן די לאַנדסלייט אַז לואי פונקס פרוי איז געשטאָרבן:

צווישן לאַנדסלייט: אַז חאַנטשע איז געשטאָרבן.

מאָרגן, זונטיק, וועט זיין די לויה.

די לאַנדספרויען האָבן חאַנטשען ביים לעבן ניט איבעריקס ליב געהאַט פאַר איר קאָרגשאַפט.

אַז זי האָט אַמאָל געגעבן אַ נדבה צו פאַרן פאַריין פון די לאַנדסלייט, צו מען האָט געזאַמעלט געלט פאַרן היימישן שטעטל, האָבן די לאַנדספרויען אַלע מאָל, נאָכדעם ווען זיי האָבן שוין גע-האַט ס'געלט אין דער האַנט געזאָגט:

— עלעהיי אַ חזר אַ האָר אויסגעריסן. —

נאָר איצט אַז זי איז געשטאָרבן, האָט עס אַלעמען אַ צופּ גע-

טאָן בײַם האַרצן. לאַנדספּרויען האָבן מיט אַמאָל דערפֿילט, אַז זי איז פֿאַרט געווען אַן אײגענע. ווען מען האָט געקענט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד און געהאָלפֿן שלעפּן דער מאַמען, דער אַלמנה, די הינער און גענז צו די נגידים. — קײן שלעכטס האָט זי, נאָך אַלעמען, קײנעם ניט געטאָן. — האָבן לאַנדספּרויען באַ-דויערט איר יונגן טויט.

ס'זײַנען כמעט אַלע געקומען צו דער לויה: סײַ אָרים סײַ רײַך:

— געשטאָרבן אויך חאַנטשע! — האָבן לאַנדספּרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען באַזונדער, טרויריק געשאָקלט די קעפּ, גלײַך דער טויט מײַדט קײנעם ניט אויס.

— געהאָרעוועט ס'גאַנצע לעבן, געהאָלפֿן דעם מאַן רײַך ווערן און אַלײן זיך ניט פֿאַרגונען.

— אַן אַנדערע וועט זיך שוין פֿאַרגינען פֿאַר אירטוועגן.

— נו, קײן שלעכטער מאַן איז לײבל קײנמאָל צו איר ניט געווען.

— ער האָט גראַד יאָ געוואָלט זי זאָל זיך פֿאַרגינען.

— נו, דערפֿאַר וועט ער ניט אײַן גיכן התונה האָבן? —

האָט זיך אַן אַנדער פֿרוי, וואָס טראָגט שוין זינט יאָרן אַ כעס אויף מענער זיך אַזש אונטערגעוויגט.

— און טאַקע מיט אַ יונגער טשיקן, מיט אַן אַמעריקאַנער פֿלעפּערקע.

זי וועט שוין לעבן און זיך פֿאַרגינען; חאַנטשעס אויסגעהאָ-רעוועט געלט וועט שוין קריגן בײַ איר אַ תיקון.

ס'אַז נאָך גאָר ניט אַזוי זיכער, אַז דער געלאַסענער, צוריק-געהאַלטענער לײבל וועט נעמען אַזאַ פֿלעפּערקע.

גיי שוין גיי שרה'טשע ! אַז די מענער אַרבּייטן זיך אַרויף און בּאַהיט זאָל מען ווערן, אַז די ווייבּ שטאַרבּט איז קיין איינס פון זיי ניט בּעסער. רק עס פאַרגלוסט זיך זיי יונגע טשיקענס, פּלעפּערקעס, וואָס פאַרבּן זיך די בּעקעלעך און לערנען דעם מאַן, דעם גרינהאָרן, וואָס וויל נאָך דוקא ווערן אַן אַמעריקאַנער, מאַניערן און ענגליש רעדן, וואָס זיי לערנען זיך קיינמאָל ניט אויס..

— איז מענדל חיל מאירס בּעסער געווען ?

— און שכרל ? אַ בּראָך איז צו די יאָר !

— שכרל הינערטאַפּער לעבּט דאָך אפילו בּיי מינדעלס לעבּן מיט אַ שיקסע. —

אַזוי האָבּן צווישן זיך גערעט די פרויען.

פּונקט פאַרקערט האָבּן צווישן זיך גערעט די מענער, וואָס זיינען ווי דער שטייגער איז בּיי אַ לויה, געשטאַנען בּאַזונדער:

— איז שוין לייבּל אויך אַן אלמן !

— נאָך איינער וואָס בּאַגראָבּט אַ ווייבּ, וואָס האָט אים געהאָלפן צו זיין עשירות און אַליין וועט זי פוילן אין ד'ר ערד. —

— לייבּל איז טאַקע אויף אַן אמת רייך; גאָר רייך !

— און בּיי זיין רייכקייט איז ער געווען איינער פון די געציילטע וואָס האָט אין דער שטיל ניט אויסגעהאַלטן קיין געליבּטע.

— לייבּל איז געווען אַ גוטער מאַן צו חאַנטשן.

— וועט ער דערפאַר איצט ניט נעמען אַ יונג, פריש ווייבּל ?

— אַ בּהמה וואָלט ער געווען ער זאָל עס ניט טון.

— בין איך אים אסור ניט מקנה . . .

— פאַר וואָס ? !

— מ׳זעט דאָך ס׳אַרע גוט לעבן מענדל חיל מאירס האָט בײַ זײַן יונג ווײַבל !

און אפילו אַלטערל בײַ זײַן יונגער בוכקיפערקע ? !

— מ׳לעבט נאָר איינמאָל אויף דער וועלט.

— ווייל ס׳פאַרגלוסט זיך דיר אויך אַ יונג ווײַבל, האַ ?

— פאַר וואָס ניט ? ! און דיר ? וועסט מיר זאָגן גלוסט זיך ניט ?

— נו, קענען מיר בלייבן בײַם גליסטן. קבצנים ווי מיר קענען בלויז קוקן ווי אַנדערע לעבן און אַליין קענען מיר צעפיקעט ווערן.

— אַ פאַלע זאָל מען פאַרזעצן נאָר אַ גביר זאָל מען זײַן. ..

— און דערצו נאָך האָבן דעם טריפה׳נעם מזל, אַז די ווייב זאָל זיך פאַרגלוסטן אַריבערצופעקלען זיך אויפן עולם האמת.

— צו וואָס ? ס׳איז גאָר ניט נויטיק! אונזערע פרויען זיינען דאָך פאַרט די מאַמעס פון אונזערע קינדער. נאָר ברודערל, אַז מען האָט די ״אַפּויטיקע״ קען מען ממילא שוין אויך האָבן אַנדערע גוטע זאַכן. זעסט דאָך שכרל ?

— נו, פון שכרל הפקר איז ניטו וואָס צו רעדן.
ניט אַלע קענען טון, וואָס שכרל טוט.

* * *

מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ טראָג געטאָן דורכ׳ן עולם.
אַלע מיט אַמאָל האָבן אַ דריי געטאָן די קעפּ.

— מ׳טראָגט אַרויס דאָס מת. —

פּנים׳ער זיינען געוואָרן ערנסט.

עפּעס אַ שטילער הויך האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן און גע-שפּרייט בּית-עולם—שטילקייט.

שטיל ווי עס פּאַסט זיך אין אַזאַ מאָמענט, האָבּן זיך אוים-געשטעלט צוויי לאַנגע רייען פון פרויען און מענער.

דורך די רייען זיינען געגאַנגען עטליכע מענער מיט דער מיטה וואָס עס איז געלעגן די פאַרשטאָרבּענע. אין פרויענס אויגן האָבּן זיך גענומען קייקלען טרערן און איינע צו דער אַנדע-רער האָבּן געשאָקלט די קעפּ: חאַנטשע! — און גלייך זיי וואָלטן צוגעגעבּן;

- אָט דאָס איז דער סוף.

בּאַלד האָט אימיץ געגעבּן אַ צייכן: פאָרן!

דער טויטן-וואָגן האָט זיך גענומען רירן. דער עולם בּאַגליי-טער, וואָס טוען דעם לעצטן חסד צו אַ מיטמענטשען, נאָך אים.

דער מאַן לואי פונק און מיט אים די צוויי עלטערע זיהן, האָבּן זיך אָפּגעזאָגט זיך גלייך אַריינצוזעצן אין אַ מאַשין און נאָכפאָרן.

דאָס האָט צוגעגעבּן דער לויה אַ שטילע פייערליכקייט און אַ מער בּכבוד׳ן אַנדענק דער נאָר וואָס פאַרשטאָרבּענער.

צענטער קאַפּיטל

אין אַ שטילער, קריסטליכער געגענט הינטערן שטאָט אין אַ רייך ״איין פאַמיליע-הויז״ אָדער ״בּאָנגעלאָו״, האָט שוין זינט חדשים געוואוינט שכרל מיט דער צוויי און צוואַנציק יאָריקער, שענער און געזונטער שיקסע מאַרגאַרעט.

זינט ער האָט זיך מיט איר באַקענט איז נאָך קיין יאָר ניט.

ער איז אין איינעם אַ טאָג אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויס געשעפט, וואו זי איז געשטאַנען ביי אַ פענסטערל, וואו עס איז געווען אָנגעשריבן: "אינפאָרמיישאָן"; ס'הייסט אַז קיינער קען ניט, איבערהויפט ס'ערשטע מאָל אַריינגיין אין געשעפט, אַז מען זאָל ניט פריער מוזן אָנקומען צו איר. זי האָט יענעם געדאַרפט אַפריער אָנמעלדן.

ווען שכרל האָט איר ס'ערשטע מאָל דערזעען האָט ער שיער ניט די נכפה געקראָגן: איר שמייכלדיקע צוגעלאָזנקייט, איר יונגע, געזונטע, לעבעדיקע און שען געפאָרמטע פיגור, איבערהויפט איר פייערדיקער, דורכדרינגענדער און צוגלייך גלעטענדיקער בליק האָבן געשפרייט אַרום זיך תאוה און האָט ווי עפּעס צוגעזאָגט.

באַלד אין דער ערשטער מינוט האָט שכרל, ווען ער האָט איר דערזעען, אַ טראַכט געטאָן, אַז ער מוז אָט די שיקסע קריגן: ס'זאָל אים אפילו קאָסטן וואָס. וואָרום, ער, שכרל, איז...אַ מבין אויף די זאַכן.

איר גאַנצער, פרייער און צוגעלאָזענער האַלטן זיך, איבערהויפט איר בליק, וואָס ברענט מיט תאוה און צינדט תאוה האָבן אים געגעבן זיכערקייט, אַז זיין אויג נאַרט אים ניט: ער וועט איר קריגן.

שוין צום אַרויסגיין צוריק פון געשעפט, מיט וועלכן ער האָט שוין צוליב דער שיקסע געמאַכט פאַרבינדונגען און זיך געפילט שוין היימישער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט רעדן צו איר. ס'האָט אים ניט געלאָזן מער אַוועקגיין פון איר. זיין איינגעבוירענע חוצפה און אומפאַרשעמטקייט, וואָס שכרל האָט אַלע מאָל פאַר-

מאַגנט, האָט אים אפילו איצט ניט אָפּגעהאַלטן, אַז ער קען מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק אויף די געשעפטס אייגנטימער: וואָרום ס'וועט הייסן אַז גלייך ביים ערשטן מאָל דאָ אין געשעפט זוכט ער שוין די באַקאַנטשאַפט מיט דער אינפאָרמאַציע מיידל. וואָס קיין איבריקע צדקות האָט מען שוין אין געשעפט געוואוסט, איז זי ניט. שכרל האָט באַלד אָן קונצן אין דער שטיל גענומען רעדן צו איר:

איך האָב דאָ געמאַכט געשעפטס-פאַרבינדונגען; איך זע דאָך, אַז דו ביסט דאָ ניט קיין גרינע, וואָלט איך געוואָלט מיט דיר רעדן.

און גלאַט: וואָלסטו ניט געוואָלט האָבן מיט מיר סאַפּער היינט אָוונט?

— או — הו — או — הו —האָט די יונגע שיקסע שטיל צו געברומט: ס'הייסט אַז זי איז מסכים. נאָר זי וויל ניט אַז מען זאָל זיך דאָ אין געשעפט אָנשטויסן, זאָל ער זיין פאָרזיכטיק. —

האָט איר שכרל אין דער שטיל אָנגערופן דעם פּלאַץ, וואו זיי זאָלן זיך טרעפן: — פּונקט זיבן אַזייגער אין אָוונט. — און שכרל איז אַוועק.

די שיקסע האָט אים בגנבה נאָכגעקוקט, געשמייכלט און אין זינען געהאַט:

— אויב ער איז טאַקע רייך און קען ספּענדן געלט וועלן מיר זען.

מאַרגאַרעט אַרבייט שוין דאָ אין גרויסן געשעפט איבער צוויי יאָר

די פיפצען דאָלאַר אַוואָך וואָס זי פאַרדינט, דאַרף זי, צען

דאָלאַר דערפון אַוועקגעגעבן דעם פאָטער, מיט וועמען זי וואוינט צעזאַמען, ווייל זיינע פאַרדינסטן קלעקן ניט אויפצוהאַלטן ס'הויז פאַר ביידן.

וואָרום זינט די מאַמע איז אַוועק מיט אַ געליבטן האָט ער זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן. זי וואָלט ניט געוואוינט מיט אים צוזאַמען. האָט ער אָבער, דער פאָטער, איר אַלע מאָל ליב געהאַט און איר גוט באַהאַנדלט, אפילו איצט וואָס ער איז מער שיכור ווי ניכטער. האָט זי רחמנות אויף אים. כאָטש איין גאָט ווייס, אַז זי קען ניט פאַרליידן דעם שטענדיקן גערוך פון שנאַפּס, ווען ער קומט אַהיים אין מיטן דער נאַכט; אַ גערוך וואָס די גאַנצע שטוב ווערט פול מיט אים, שטיקט איר און וועקט איר אויף. מאַרגאַרעט וויים דאָך אָבער פאַר וואָס ער, דער טאַטע, האָט אָנגעהויבן טרינקען. זי האָט די מאַמע אויך ניט פיינט געהאַט.

אויך אויף דער מאַמען האָט זי אַלע מאָל רחמנות געהאַט

איבערהויפּט ווען דער פאָטער האָט איר געשלאָגן.

אויך די מאַמע איז אַ שענע און אַ געזוויקסיקע נאָך מער פאַר איר. אין אירע אויגן האָט זיך תמיד געשפּילט אַ פייערל פון תאווה און ס'בלוט האָט תמיד געזאָטן אין איר און האָט איר קיין רו ניט געגעבן.

זי איז אַלע מאָל פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַ טאָג, צוויי און מער. דער טאַטע, וואָס האָט איר שטאַרק ליב געהאַט, האָט איר אַלע מאָל געפונען אין אַן אַנדער האָטעל מיט אַ געליבטן. ער פלעגט איר דערנאָך שלאָגן מכת רצח. דעמאָלט פלעגט זי, מאַרגאַרעט, אויף דער מאַמען שטאַרק רחמנות האָבן. ווייל אויך זי, וואָס איז קוים אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט שוין געפילט אין זיך די תאווה'דיקע אומרואיקייט פון וועלכער זי האָט גאַנץ אָפט קיין

אָרט ניט געקענט געפינען. זי האָט געשפּירט, מאַרגאַרעט, אַז זי איז געראָטן אין דער מאַמען. אויך איר, אויב זי וועט חתונה האָבן, וועט זי אַנטלויפן מיט אַ געליבטן און דער מאַן וועט איר שלאָגן.

אָבער ס'וועט ניט העלפן, פּונקט ווי ס'האָט דער מאַמען ניט געהאָלפן.

וואָרום מיט יעדן יאָר וואָס זי, מאַרגאַרעט, איז עלטער געוואָרן, האָט דאָס טרפה בלוט אין איר אַלץ מער גע'שרפ'ט. אַז זי וועט חתנה האָבן, וויס זי, אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען.

אָבער מאַרגאַרעט איז פאָרט געווען אַביסל אַנדערש פון דער מאַמען:

אפילו נאָר לפנים וועגן. דער טאַטע האָט איר געלאָזן אַ-דורכגיין היי-סקול... ער האָט אויך געוועןן זי זאָל קריגן אַ פיינעם, בכבוד'ן דזשאַב. האָט זי זיך עפּעטליך אַביסל געשעמט.

איבערהויפּט דאָרט, וואו מען האָט איר געקענט. ווען ס'איז געווען נויטיק, איז זי געווען איינגעהאַלטן און זיך קאָנטראָלירט. זי האָט זיך אפילו אויפגעפירט סטאַטעטשנע. אָבער דאָס איז נאָר געווען אויסערליך. אינערליך אָבער, האָט זי פּונקט ווי איר מאַמע. ווען ס'טריפה'נע תאוה'דיקע בלוט האָט זיך צעקאָכט אין איר קיין שום אחריות ניט געהאַט. יעדער געזונטער מאַן איז געווען גוט.

אָט די ירושה האָט זי איבערגענומען פון דער מאַמען מיט די ביינער. מאַרגאַרעט האָט זיך אין דער שטיל אויך ניט אָפּגעזאָגט פון קיינעם וואָס האָט זיך איר אונטערגערוקט, וואו עס האָט זיך געלוינט און ווען יענער איז ניט געווען אָפּשטויסענד.

* * *

פּונקט זיבן אַזייגער צו דער באַשטימטער צייט, איז מאַרגאַ-רעט אָנגעקומען. דאָס האָט שכרלן, וואָס האָט מיט אומגעדולד אויף איר געוואַרט ווידער געגעבן די האָפנונג און די זיכערקייט, אַז ער וועט איר קריגן... אינסטינקטיוו האָט ער איר אין זיין גע-דאַנק שוין צוגעציילט צו די פּיל אַנדערע פּרויען, וואָס ער האָט שוין פאַר די יאָרן, זינט ער איז רייך געוואָרן, געהאַט.

ער איז מיט איר אַריין אין אַ רייכן רעסטאָראַנט, וואו אַלץ איז איינגעאָרדנט פאַר פאָרלאַך. דער רעסטאָראַנט האָט מער גע-מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּריוואַט פּלאַץ; זיין שמאָלע טיר און זיינע שמאָלע פענסטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט דיקע גאַר-דינען.

ער איז געווען אַ לענגליכער, טונקל באַלויכטן פון קאָלירנדי-קע לעמפּלעך. דער פּלאַץ האָט באַלד ביים אַריינקומען געמאַכט אַ סודות׳דיקן איינדרוק, געוועקט נייגעריקייט און תאוה צו עפּעס געהיימעס, וואָס זיין לאַנגע, שטילע און קאָלירנדיקע טונקלקייט וועט באַלד אַנטפּלעקן. איבער די גאַנצע לענג פון די ווענט זיינען געשטאַנען טישלעך פאַרשטעלט פון ווענטלעך מען זאָל זיין גע-שיצט פון פרעמדע, נייגעריקע בליקן.

פּונקט אַזוי איז אין דערמיט איבער דער גאַנצער לענג פון רעסטאָראַנט געווען אויפגעשטעלט, די הויך פון אַ גרויסן מענט-שען, אַ קאָלירטע און פאָלירטע הילצערנע וואַנט, וואָס האָט ווי-דער געשיצט, מען זאָל ניט קענען אַריבערקוקן פון איין זייט טישלעך צו דער צווייטער.

אָט אין אַזאַ רעסטאָראַנט, ביי אַזאַ טיש׳ל, געשיצט פון יעדן זייטיקן בליק אַ חוץ דעם ווייטער, וואָס מ׳רופט אים בלויז דורכן קלינגען פון אַ קליין גלעקל אַז מען וויל אים, זיינען געזעסן שכרל און מאַרגאַרעט.

שכרל, ווען ער האָט איצט דערזעען מאַרגאַרעט איז פון דאָס נײַ געוואָרן איבערראַשט און אַ פרישער באַגער צו איר. האָט אים אין גאַנצן אָנגעצונדן. זי האָט איצט ניט געטראָגן דאָס פולע צניעות'דיקע קלייד, פון בײַ טאָג, וואָס האָט כמעט פאַרדעקט יעדן טייל פון איר שענעם קערפּער ווען ער האָט איר געטראָפן אין געשעפט. ווי נאָר ער האָט פון איר אַרונטערגענומען דאָס אויבער־מאַנטעלע, האָט אים אַ בלענד געטאָן אַנטקעגן אַן אַל־באַסטער, לענגליכער האַלז און דער גאַנצער טייל קערפּער ביז צו די בריסטן, כאָטש ער האָט זיי ניט געקענט זעען האָט ער זיי גע־פילט. ווען ער האָט דערזעען דעם שניט וואָס הויבט זיי אָן פאַר־נאַנדערטיילן.

דאָס פּנים בײַ איר, וואָס איז ערשט פריש געוואַשן, געפּאָ־דערט און פאַרשמעקט געוואָרן, האָט ליכטיקער געמאַכט אַרום דעם טונקל־באַלויכטענעם טיש. פון אירע צוויי גרויסע, פייער־דיקע אויגן פונקט ווי פון יעדן באַוועג פון איר יונגן, פרישן און געזונטן קערפּער האָט געשלאָגן מיט ריין און תאווה. בײַ שכרלן האָבן זיך אַזש די אויגן פאַרזשמורעט. ער האָט באַשטעלט די בעסטע שפּייזן און דער'עיקרשט — גוטן וויין — האָט ער באַ־טאַנט דעם קעלנער. ווען ער האָט געגעבן דעם אָרדער.

אָבער באַלד איז שכרל געוואָרן איבערראַשט. עס איז אים ניט געווען פאַרשטענדליך מאַרגאַרעטס פאַרהאַלטן זיך. ..

בשעת'ן עסען און טרינקען דעם שטאַרקן וויין וואָס האָט גע־שלאָגן אין די בלוטן פון וואָס בײַ שכרלן האָט אַלץ גענומען צי־טערן — און אים הויבן פון באַגער איז זי, מאַרגאַרעט, וואָס איז קאָנטיק אויך שוין געווען איין שטיק תאווה, דאָך געזעסן ווי מיט עקשנות'דיקער איינגעהאַלטנקייט. זי האָט בלויז פון צייט צו צייט אַ צי געטאָן דעם אָטעם, זיך אַ לען צוריקגעגעבן אויף אַ־

הינטער גלייך זי וואָלט וועלן אויסגלייכן אירע גלידער פון דעם אַביסל געבויגענעם זיצן. די ברוסטן ביי איר, האָבן זיך דערפון שטייפליך אַ שפּאַר געטאָן דורך דעם האַלב אָפענעם, זיידענעם קלייד, פון וואָס אַ זודיקע הייסקייט האָט אַ שלאָג געטאָן שכרלן אין פּנים אַריין. ער האָט איר יעדעם מאָל אַכאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט. זי האָט זיך ניט געווערט. נאָר אַז ער האָט זיך אַבויג גע־טאָן איר אַכאַפּ אַרום צו געבן, האָט זי אים פריינטליך אָבער מיט אַזאַ שטילער קראַפט צוריקגעהאַלטן, וואָס האָט אים, אַ צע־רייצטן, אַ ניט באַפרידיקטן געצוואונגען זיך צוריק אַוועקצוזעצן.

זי האָט דערנאָך גענומען רעדן צו אים פון פאַרשידענע זאַכן. און זי האָט גערעט צו אים מיט אַזאַ געלאַסנקייט, מיט אַ פריינט־ליכן שמייכל און אַלע מאָל בגנבה געכאַפּט אַ קוק אין זיינע פון צערייצטע תאוה פאַר'שיכור'טע אויגלעך און — ווי קיין מאָל גאָרניט. צייטנווייז האָט, פון אָט דאָס אים יעדעם מאָל צוריק אַוועקזעצן, זיך אַ צינד געטאָן אַ כעס אין אים:

וואָס איז זי דאָ אויסן, די שיקסע ? ! — וואָס מאַכט זי גנבה־שע שטיק ? ווארן ער קען זי ניט ?

אויב ניט, צו וואָס איז זי דאָ מיט אים אַהערגעקומען ? —

— אויב יאָ, וואָס איז זי אַזוי איינגעשפּאַרט ? —

און פון אָט די אַלע פראַגן, וואָס האָבן גליענדיק געשניטן אין זיין מוח, האָט ער מיט אַמאָל ווי עפּעס אַן אָנפאַנג, ווי אַן אַ־טאַקע איר אַ שטעל געטאָן אַ חוצפה'דיקע פראַגע:

— מאַרגאַרעט, איך בין דאָך מסתמא ניט דער ערשטער מאַן, מיט וועמען דו גייסט אַרוים ? —

מאַרגאַרעט האָט זיך ניט באַליידיקט, האָט אויך צו אים ניט געענדערט איר פּאָזיציע, ניט אַרויסגעוויזן קיין שום ענדע־

רונג אין איר שטימונג. זי האָט כסדר און רואיק געקוקט אויף אים און אויף זיין פראַגע גאַנץ איינגעהאַלטן געצויגן אַן ענט-פער: — וועל ! — וואָס האָט געקענט מיינען אַזוי און אַנדערש.

שכרל וואָס איז שוין אַריין אין דעם אימפעט פון חוצפה און האָט אויסגעטייטשט איר אומבאַשטימטן ענטפער ווי : —

— וואָס האָסטו אַנצוביטן ? — ווי ער איז עס שוין געווען געוואוינט ביי פרויען פון פריער, איז נאָך דרייסטער און חוצפה'דיקער צוגעטראָטן צום ענין:

— מאַרגאַרעט, דער זייגער האַלט שוין נאָך צען... איך ווייס, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ. אָבער איך ווייס דאָ אַרום אַ פּריוואַט צימער: פון קיין געלט וועט קיין מניעה ניט זיין. —

— פאַר ווּעמען האַלסטו מיך ? !

האָט זיך מאַרגאַרעט מיט אַמאָל אַ שטעל אויפגעגעבן.

דיי אויגן ביי איר האָבן זיך אַ צינד געטאָן — צו פון תאווה צו פון כעס און זי האָט אַ שטרעק געטאָן איר האַנט נאָכ'ן מאַנ-טעלע מיטן הוט.

שכרל איז צעטומעלט געוואָרן. ס'ערשטע מאָל אין זיין דערפאַרונג מיט פרויען טרעפט אים אַזעלכעס. זיין באַגער דורך איר האַנדלונג אָדער דורך זיין אַנטוישונג, איז צו איר שטאַרקער געוואָרן. ..ניט בלויז דער באַגער, נאָר אויך אַ דרך ארץ און אַ לי-בע צו איר פון וואָס, מען קען זאָגן, ער האָט נאָך ביז איצט ניט געוואוסט דערפון:

— מאַרגאַרעט אַנטשולדיג — האָט ער גענומען שטאַמלען גלייך ער וואָלט ניט געוואָלט פאַרלירן עפּעס, וואָס איז אים מיט אַמאָל טייער געוואָרן:

— מאַרגאַרעט, כ׳האָב ניט געוואוסט . . . כ׳בין דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, אַ מאַן און דו ביסט אַ שענע פרוי און אַזעלכע זאַכן טרעפן דאָך . . . און — אַנטשולדיג — דו האָסט דאָך איינגעשטימט מיט מיר אַרוים צו גיין אמת ?

— וועל — איז זי ווידער געבליבן שטיין און אויסגעצויגן דאָס וואָרט ״וועל״ פון וואָס ער האָט ווידער ניט געוואוסט צו מיינט עס אַזוי אָדער אַנדערש. ערשט דערנאָך, ווי נאָך אַ ישוב הדעת האָט זי צו געלייגט: — ניט פאַר דעם בין איך אַהער געקומען.

— ס׳איז אַ חוצפה !

— אַנטשולדיג דאַרלינג — האָט שכרל ווידער אָנגעהויבן.

— לאָמיר פאַרגעסן דערוועגן . . . כ׳וועל דיך איצט אַהיימפירן.

אָבער זאָג מיר ניט אָפּ זיך מיט דיר נאָכאַמאָל צו טרעפן. —

און ער האָט איר אונטערטעניק געקוקט אין די אויגן אַריין.

זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט איר גאַנצער, שענער, רייצענדער יונגער ווייבליכקייט און צו ערשט געשוויגן און דערנאָך געענטפערט:

— אַז דו עסט זיך באַנעמען אַנשטענדיק ?

— איך זאָג עס דיר צו דאַרלינג.

שכרל האָט איר אַהיימבאַגלייט. כאָטש שוין מיט אַ ניי געפיל צו איר דאָך מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט איר סוף כל סוף קריגן

מאַרגאַרעט איז געווען שטאַרק צופרידן מיט זיך און פון

דעם וואָס זי האָט זיך ניט פאַרלוירן; וואָס זי האָט זיך געהאַלטן, ווי זי האָט זיך געהאַלטן.

אַז ער איז רייך און פירט אַ גרויס געשעפט האָט זי שוין דערפון געהערט רעדן אירע באַלעבאַטים צווישן זיך, ווען ער איז היינט אַוועק.

דעם שטאַרקן באַגער וואָס זי האָט אין אים אָנגעצונדן צו זיך און מיט דעם זיך צוריקהאַלטן פון אים, האָט זי שוין געהאַט דאָס זיכערע געפיל, אַז זי האָט אים געקראָגן אין אירע הענט אַריין.

ער וועט זיך שוין פון איר ניט אַרויסדרייען.

אַז זי איז געראָטן אין דער מאַמען, איבערגענומען בירושה איר היים טריפה בלוט, וויים זי שוין פון לאַנג, מאַרגאַרעט. פונקט אַזוי לאַנג האָט זי שוין דערפאַר באַשלאָסן, אַז חתנה האָבן מיט אַ מאַן אַן איירישן אָדער אַן אַנדערן, ווי איר טאַטע, ער זאָל איר שלאָגן, וועט זי ניט. אַזוי ווייטער בלייבן וואוינען מיטן טאַטן, דעם שיכור, איז איר אויך שוין מיאוס און נמאס געוואָרן. ביי אַזאַ רייכן איר אונטערטעניקן מאַן וועט זי קענען אַי האָבן אַלץ וואָס איר האַרץ וועט גלוסטן און אַי זי וועט נאָך קענען צולעבן פון דער זייט מיט וועמען עס וועט איר געפעלן ווערן. אָט דער מר. סטאָון (אַזוי האָט שכרל איצט געהייסן) וועט זיין צופרידן אַז זי וועט אים שענקן אַ פריינטליכן בליק.

עלפטער קאַפּיטל

ס'איז געווען פונקט אַ וואָך נאָך יענעם אָוונט, ווי שכרל האָט ווידער געוואַרט פאַר מאַרגאַרעט אין פראָנט פון אַ טעאַטער אין בראָדוויי. ער האָט שוין געהאַט געקויפט צוויי בילעטן. אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך. אָבער היינט איז שוין מאַרגאַרעט ניט

געקומען צו דער באַשטימטער צייט, ווי לעצטעס מאָל. ס'איז שוין געווען פּיפצען מינוטן אַריבער די צייט. אַ שאַרפע לופט, ווי אַן אָנזאָג אויף רעגן צו גאַר אויף שניי האָט געביסן און זיך פאַר-קליבן אין די ביינער. דאָס האָט גורם געווען אַז מענשען, וואָס זיינען געקומען צום טעאַטער, האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אין דרויסן ווי דער שטייגער איז, ווען מען האָט נאָך ניט אָנגעהויבן שפּילן. זיי זיינען גלייך אַריין אין טעאַטער וואָס שנעלער צו פילן די באַקוועמליכקייט פון זיצן אין אַ ווייכן, וואַרעמען זיץ.

שכרלן האָט די שאַרפע, בייסנדיקע לופט און די אומגעדולד פון וואַרטן געהויבן פון אָרט. ס'האָט זיך אין אים אַלעמאָל אויפ-געכאַפּט אַ פאַרדרוס איבערצולאָזן דאָס טעאַטער מיט דער שיק-סע צו זאַמען:

— ער האָט איר אין דר'ערד! איז ניט זי וועט זיין אַן אַנ-דערע. —

און דאָך איז ער געשטאַנען, ווי עפּעס אַ פרעמדער כוח וואָלט אים צוריקגעהאַלטן און אַ באַגער מיט אַ בענקשאַפט צע-זאַמען איר צו זען איז אים פאַרגאַנגען הינטערן האַרצן.

ווען זי איז אָנגעקומען איז שוין באַלד געווען ניין דער זייגער. אין טעאַטער איז שוין אָנגעגאַנגען די פאָרשטעלונג:

— קום! קום! — האָט זי צו אים אַ רוף געטאָן, ווען זי האָט זיך נאָך אַפילו ניט אין גאַנצן דערנענטערט צו אים.

זי האָט אים אַזוי אַרום אַפילו ניט געגעבן די מעגליכקייט ביי איר צו פרעגן פאַרוואָס זי איז שפּעט געקומען. און — ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

נאָכ'ן טעאַטער זיינען זיי ווידער אַריין אין יענעם רעסטאָ-ראַנט וואָס פון לעצטן מאָל. זי איז צו אים היינט געווען פריינט-

לאַך און צוגעלאָזן. זי האָט זיך געלאָזן פון אים צערטלען און אים אויך געלאָזן פאַרשיכורן זיך פון באַגער צו איר. ווען די אויגן ביי אים זיינען שוין געווען תאוות'דיק פאַרנעפּלט אַז ער האָט שוין קוים געקענט זען דורך זיי, האָט ער ווידער פאַרגעסן זיין צוזאָג פון לעצטער וואָך. די צונג איז ווידער ביי אים לויז געוואָרן:

— מאַרגאַרעט, דאַרלינג! ס'איז שוין אַזוי שפּעט...

הערסט? — עס רעגענט אין דרויסן... ס'איז קאַלט...

דער רעגן און די קעלט נעמען דורך די ביינער...

דאַרלינג, מאַרגאַרעט!... ווי 'עסטו זיך איצט אַהיים־שלעפּן?...

דו האָסט דאָך אודאי אַ קאַלטע דירה אויך...

דאַרלינג, כ'על רופן אַ טעקסי... מיר'ן צופאָרן צו אַ האָטעל...

פאַרוואָס ניט דאַרלינג? — און דערביי האָט ער מיט אַזוי־פיל באַגער, געבעט און הכנעה געקוקט איר אין די אויגן אַריין זי זאָל ניט בייז ווערן. און מאַרגאַרעט איז היינט ניט בייז געוואָרן.

נאָר זי האָט אים צו ערשט אָנגעקוקט דערנאָך מיט אַ זיכערן טאָן גענומען צו אים רעדן:

— ס'ברענט ניט דערווייל; אַז דו 'עסט קענען איינגיין און אויספירן צו דינגען פאַר מיר אַ שענעם "פלעט" און דערצו שריפט־לאַך זיך פאַרפליכטן מיך אויסצוהאַלטן, וועל איך זיין דיינע... מיר מוזן ניט דוקא גלזעצליך חתונה האָבן...

שכרל איז אין דער ערשטער מינוט געבליבן זיצן, ווי אָן לשון.

וואָרום דאָס וואָס מאַרגאַרעט האָט נאָר וואָס געזאָגט, האָט אים צעטומלט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן...

האָט זיך מאַרגאַרעט ווידער אַ שטעל אויפגעגעבן און ווידער מיט אַ געלאַסענעם אָבער זיכערן טאָן געזאָגט: —

— וועל, איצט וועסטו אַזוי גוט זיין און מיך ווידער אַהיימפירן. און ווען נאָר וועסט זיין גרייט און וויליג איינצוגיין אויף מיין פאַרלאַנג רוף מיך.

שכרל האָט איינגעזען אַז זי מיינט וואָס זי זאָגט.

איז ער מיט אַמאָל ווי צעשמאָלצן געוואָרן אי פון איר כוח, וואָס זי האָט שוין איבער אים, אי פון אַ נייעם באַגער צו איר.

האָט ער נאָך אַלץ אָבער שוין אין גאַנצן אַ פריטשמעליעטער אָנגעהויבן שטאַמלען:

— מאַרגאַרעט! דאַרלינג! איך גיי איין אויף דיין פאַרלאַנג...

כ׳גיב דיר דאַרויף מיין ערן-וואָרט. אָבער לאָז מיך ניט איצט אַהיימגיין מיט גאָר ניט . . . דאַרלינג ! . . דייער ! : : :

— ניט פריער ווי דו ׳עסט מיך האָבן אַריינגעפירט אין אַן "אַפּאַרטמענט" און איך וועל דערצו האָבן אַזאַ אונטערגעשריבן פּאַפּיר.

וואו דו עסט נעמען דעם "אַפּאַרטמענט" דאָס לאָז איך צו דיר. —

און זי האָט אַנעם געטאָן איר הוט און איר מאַנטעלע . . .

***

ווען די שטאָט, דער עיקרשט די לאַנדסלייט, האָבן זיך דערוואוסט, אַז שכרל האָט אַ יונגע שיקסע אין אַ פּראַכטפולער איין פאַמיליע-הויז און לעבט מיט איר האָט עס גענומען גיין ווי אויף רעדלאַך.

עס איז אָבער ניט געווען אַזאַ איבעראַשונג ווי, ווען זיי האָבן ס'ערשטע מאָל דערהערט אַז אַלטערל איז געוואָרן קוצעניו. מוצעניו מיט דער בוכקיפערקע זיינער, ווייל מען האָט מיט טיפן מיטגעפיל און רחמנות באַדויערט דער שטילער, גוטער צירלן און מען האָט מורא געהאַט איר אויסצוזאָגן. ס'איז ניט געווען אַזאַ איבעררעאַשונג, ווייל זיי האָבן געוואוסט די לאַנדסלייט, אַז שכרל איז אַלע מאָל און נאָך אין דער אַלטער היים, געווען הפקר.

וואָס זיי האָט יאָ איבעראַשט איז געווען אויף מינדלען.

פאַרוואָס האָט זי דערלאָזן ?! פאַרוואוס האָט זי, די כוואַטס-קע מינדל, וואָס שעמט זיך ניט וואָס צירל האָט זיך געשעמט אים שכרל הפקר, ניט געקענט איינהאַלטן, איינצאַמען, ער זאָל מורא האָבן פאַר איר ? דערנאָך, — האָבן זיך ווידער אַריינגע-מישט די לאַנדספרויען — מסתמא ווייס מינדל ניט דערפון, אַז ניט וואָלט זי אים צערפראַסקעט די צורה זיינע:

— דאַרף מען איר זאָגן.

— און טאַקע ניט וואַרטן.

אַז מינדל האָט אויסגעהערט, וואָס די לאַנדספרויען דער-ציילן איר האָט זי זיי צו ערשט אָנגעקוקט און דערנאָך געענט פערט:

— כ'זוויים מיין בראָך! כ'וויים אַז שכרל איז ניט קיין צדיק;

— אָבער זיינט עץ זיכער, אַז עס איז אַזוי?

— אַז די גאַנצע שטאָט ווייס שוין דערפון.

— וואו וואוינט ער מיט דער שיקסע?! — האָט מינדל מיט גרוים געוואָרענע אויגן אַ פרעג געטאָן.

— ערגיץ אין אַן איין פאַמיליע-הויז הינטער די שטאָט. ס'איז לייכט אויסצוגעפינען, אַז מ'ווויל.

— אַז ער קומט דאָך טאַקע טעג לאַנג אין גאַנצן ניט אַ-היים — האָט זיך מינדל גענומען שטיקן מיט די רייד.

— און כ׳על אייך זאָגן דעם אמת מיינע טייערע: כ׳וואָלט אים געשלאָגן פאַר א כפרה, דעם הינערטאַפּער. אָבער כ׳האָב דאָך אַ מיידל זאָל לעבן, אַ פיין קינד: זי גייט שוין אין היי-סקול:

— ווי וועט אַזאַ קינד פילן ? . . .

— ניין מינדל ! דו ? ! אַזאַ ברען ווי דו ביסט זאָל אַמאָן ביי דיר זיין אַזוי צולאָזן ? זיין פריי ווי אַ פויגל און טאָן וואָס ער וויל ? ! האָבן די לאַנדספרויען געזאָגט מיט קנאה.

אַ רציחה האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין מינדלס פּנים:

— אָלרייט ! ... אָלרייט ! ... האָט זיך מינדל אומגעדולדיק אַ רים געטאָן, ווי זי וואָלט זאָגן: — לאָזט עס צו מיר — און די רציחה האָט זיך גענומען שטאַרקן אין איר.

ווען שכרל איז פּריטיק אָוונט אַהיימגעקומען איז שוין מינ דעל געהאַט געוווען הינטערן שטאָט און געזעען די רייכע ״באָנ-געלאָו״, וואָס איר שכרלס שיקסע באַוואוינט זיך. צוערשט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און כסדר געקוקט אויף אים; געקוקט אויף אים מיט אַ בליק וואָס גיסט זיך אָן מיט אויפריים שטאָף. אַז שכרל אַזש האָט זיך פון דעם דאָזיקן בליק אָנגעהויבן צו פילן אומרואיק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קוקעניש מיט אַמאָל?—האָט שכרל אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו איר.

— שכרל ! !

— כ׳היים אַזוי.

— שכרל ! !

— כ'האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך היים אַזוי . . .

— שכרל הינערטאַפּער ! !

— מינדעליע וואָס ווילסטו ? !

— שכרל, וואָס מאַכט דיין שיקסע ? !

שכרל איז געבליבן שטיין, ווי אַלץ איז אים מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן.

אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט די טבע צו פאַרלייקענען זאַכן און זיך קיין מאָל פאַר גאָר ניט, ניט געשראָקן האָט ער שוין, ווי זיין שטייגער איז, הפקר'דיק געענטפערט

— נו, וואָס ווילסטו ? !

— כ'וויל אַז דו זאָלסט איינגעמען אַ מיתה משונה מיט דיין שיקסע צוזאַמען.

— מינדעליע, די שיקסע האָט דיך אין דר'ערד און — איך האָב דיך אויך אין דר'ערד !

— אין דער ערד וועסטו ביי מיר ליגן מיט דיין שיקסע צוזאַמען ! !

און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אים אַ וואָרף צו טאָן די בלומען-וואַזע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, האָט שכרל אַ דרוק געטאָן די עלעקטריק און עס איז פינסטער געוואָרן.

מינדל האָט בלויז נאָך געהערט ווי ער איז אַרויס פון שטוב און ער האָט נאָך אויסגעפייפט אַ געשריי צו טאָן צו איר אין דער פינסטער אַריין:

— מינדעליע, 'עסט דיך קענען אויפהענגען ! —

ס'פּערצען יאַריקע טעכטערל, וואָס מיידט אויס צו זיין ביי

אַזעלכע צווישן טאַטע מאַמע סצענעס איז אויך דאָס מאָל אין דער היים ניט געווען. איז מינדל געבליבן אַליין, ווי איבערגע-בליבן מיט איר אין זיך אַנגעגאָסענער רציחה. און ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט איר אַ שטאַרקער ווייטיק פאַרקלעמט ביים האַרצן.

אַז שכרל איז ניט מער אַהיימגעקומען אפילו ניט שבת און זונטיק האָט זיך מינדל מאָנטיק אַוועקגעלאָזן אין געשעפט אַריין. אָבער זי האָט אים דאָרט ניט געטראָפן. איז זי מיט אַ טעקסי ווידער אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט. זי האָט זיך געלאָזן גיין צום „באַנגאַלאָו".

— ס'זאָל איר אפילו איר לעבן קאָסטן, זי מוז זיי אַנלערנען: אים מיט דער שיקסע צעזאַמען.

אָבער אַלץ אַרום דאָרט דעם „באַנגאַלאָו" האָט אויסגעקוקט אַזוי שטיל. און פאַרשלאָסן. און ווען זי האָט גענומען זוכן אַ גלעקל אָנצוקלינגען איז פלוצים, ווי פון אונטער דר'ערד אויסגע-וואַקסן אַ וועכטער, אַ געזונטער, איירישער גוי און איר געזאָגט, זי קען דאָ ניט אַרנייגיין:

— הייסט עס, אַז מען האָט זיך געריכט אַז זי וועט קומען און מען האָט אויך דאָס פאַרזאָרגט. זיך נאָך גיין שלאָגן מיטן גוי מען זאָל זי אַרעסטירן דאָס האָט זי ניט געוואָלט. און כאָטש די רציחה האָט נאָך געברענט אין איר איז זי פאָרט געבליבן עפּעס אַ דערשלאָגענע און זי איז אַ פאַרביטערטע ווידער אַוועק אַהיים.

זי איז נאָכדעם יעדן נאָכמיטיק געקומען צום אָפיס פון זיין געשעפט אים צו טרעפן. ערשט פרייטיק נאָכמיטיק האָט זי אים דאָרט געטראָפן.

ער איז געזעסן אויף אַ גבירישן שטייגער און גערעט מיט עטליכע געשעפטסלייט. מינדל, ווען זי איז אַריינגעקומען האָט ניט גערעט קיין וואָרט.

זי איז גלייך צו אים צוגעגאַנגען און פאַר אַלעמען אין די אויגן אים דערלאַנגט צוויי פּעטש: — איינס פאַר דיר און איינס פאַר דיין שיקסע — און זי איז צוריק אַרויס פון אָפּיס. —

מער איז שכרל ניט אַהיימגעקומען. ער האָט איר געלאָזן וויסן, אַז אויב זי וויל אַ גט, וואָס ס'איצט פאַר איר זער לייכט צו קריגן, וועט ער איר געבן אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער. טאָ מער ניט, קען זי אים אָנקלאָגן פאַר סופּאָרט און וויפיל ס'געריכט וועט איר צופּסק'נען וועט ער איר צאָלן.

— זאָל ער מיר זיין פאַר אַ שיינע ריינע כפּרה, דער הפקר-יונג ! —

מיט די פאַר צענדלינג טויזנט טאָלער, וואָס ער וויל איר געבן, וועט זי זיך שוין פאַרזאָרגן מיט איר עוועלין צעזאַמען:

— זאָל ער גיין אין דר'ערד אַריין מיט זיין שיקסע צעזאַמען, דער שאַנד פלעק ! — און — מינדל האָט אים אָפּגעג'גט ...

צוועלפטער קאַפּיטל

נתן חאַשעס איז אויך אַ לאַנדסמאַן. ער איז מיט לייבלען (לואי פּינק) צעזאַמען אין חדר געגאַנגען. אויך ער איז געקומען מיט אַריבער דרייסיק יאָר צוריק קיין אַמעריקאַ. ער איז איצט אַ איד אַריבער די פופציק: ער איז מיטל הויך מיט רויטע אויסגע-פּאַשעטע בעקעלאַך, וואָס זאָגן עדות אַז זייער באַלעבאָס זאָרגט ניט און נעמט זיך גאָר ניט צום האַרצן. ער האָט רירעוודיקע באַוועגונגען מיט פלינקע, שפּיציקע אויגעלאַך, וואָס אַז ער טרעפט זיך מיט עטליכע מענשן קען ער אויף אַלע אַ קוק טאָן

מיט אַמאָל. ער האָט באַלד פון אָנפאַנג, דאָ אין אַמעריקע גע-וואָרפן אַן אוס'חן אויף אַרבייט.

— ניט פאַר זיינעט וועגן — קיין ״ביזנעסמאַן״ איז ער אויך ניט געוואָרן: ניט ער האָט געהאַט געלט אויף דאַרויף און ניט ס'איז געווען זיין טבע דערצו. איז ער געוואָרן אַ קהל'אישער קאַכלעפל.

ער רעט צו אַלעמען אויף ״דו״ דאָ וואו מען זייעט אים ניט דאָ וואַקסט ער אויס. ער גריסט צו פּאָליטישנס, צו לאַיערס, צו דזשאַדזשעס און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז מיט זיי אַלעמען אויסגעבונדן. צווישן לאַנדסלייט רעט מען דערפאַר, אַז ער נתן שלאָגט אַן אין די גאַר הויכע פענסטער:

וואָס ער קען שוין ניט פועלן קען שוין קיינער ניט פועלן.

איז דערפאַר, אַז אימיצער פון די לאַנדסלייט ברויך אַ שטיקל טובה אָדער פאַלט חלילה אַריין אין אַ צרה גלויבט מען אַז נתן האַשעם קען העלפן. מ'שטעקט אים דערפאַר אָפּ אַ ״פינפערל״ אַמאָל גאַר אַ ״צענערל״. קומט עס פונקט אַרויס צום גוטן, לאָזט נתן יענעם גלויבן אַז עס איז געווען זיין אַרבייט. טאָמער פאַר-קערט, זאָגט ער יענעם מיט אַ וואַזשנעם אָנשטעל, אַז אפילו דער פּרעזידענט פון אַמעריקע האָט דאָ ניט געקענט העלפן.

פון אַזעלכע פינפערלאַך און צענערלאַך צו גאָר וואָס ער כאַפּט ביי אַ רייך געוואָרענעם לאַנדסמאַן אַ גמילת חסד'ל, צו גאָר פון אַ יונגען, אידישן לאַיער, אַ זון פון אַ לאַנדסמאַן, וועמען ער דערמאָנט, אַז ער האָט אים נאָך געקענט, ווען ער איז געווען נאָך אַ גאָר קליינער שנעק — ווייזט ער אָן מיט'ן האַנט ווי גרויס ער איז דעמאָלט געווען; צו גאָר פאַר אַן ״עלעקשאָן״ לויפט ער שמייעט אַרום פּאָליטישענס און דערציילט זיי וויפיל שטימען ער קען פאַר זיי קריגן.

אַט פון די אַלע זאַכן צים ער, נתן, פּרנסה:

אמת, אַן אָרימע פּרנסה אָבער ניט צו פאַרזינדיקן.

די ווייב זיינע אַ דיקליכע אידענע וואָס האָט קיין גאַל ניט און נעמט אַלץ פאַרליב, קוקט אַרויף צו איר מאַן און גלויבט אין זיין גרויסקייט. זי איז צו אַלץ מסכים וואָס ער זאָגט און וואָס ער טוט, און שוין זינט יאָרן ווי זי לעבט מיט דעם גלויבן אַז איר נתן וועט נאָך בּאַרימט און רייך ווערן.

דערווייל אָבער האָט זי איין זאָרג אויפ׳ן קאָפּ חתונה צו מאַכן די איינציקע טאָכטער, וואָס זיי האָבן, וואָס איז געוואַקסן ווי אַ שענער בּוים נאָר האָט, זי ווייס ניט פאַר וואָס, ניט קיין מזל חתונה צו האָבן.

מאַלי הייסט זי, די איינציקע טאָכטער: אַ לייכטזיניקע, אַמע-ריקאַנער געזונט אויסגעוואַקסענע מויד — בּיז הונדערט, שוין איפּן פינף און צוואַנציקסטן יאָר. זי האָט גערדיכטע בּרוין-גע-לאָקטע האָר, שוואַרץ-בּרוינע אויגן אַביסל אַ גנבה׳שען בּליק און נאַרישע פעטליכע בּאַקן.

זי איז שטאַרק געראָטן אין טאַטן. זי אַרבּייט ניט, זאָרגט קיין מאָל ניט, און מען קען זאָגן, אַז קיין זאַך איז איר ניט ערנסט און ניט הייליק, און—גוט עסן, נאַשן און פּלוידערן איז איר אַריין אין די בּיינער. כאָטש זי שלעפּט זיך שוין אַרום מיט יונגע לייט זינט יאָרן האָט זי זיך נאָך ניט צוגעקליבן קיין בּחור אויף חתונה צו האָבן.

זי האָט תמיד געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק אַז זי איז איבּער-קלייבּעריש, ניט יעדער בּחור שטייט איר אָן, כאָטש ס׳איז געווען קאַנטיק אַז זאָל זיך נאָר אונטערריקן אימיץ בּיי וועמען זי קען האָבּן אַ גרינג לעבן, וואָלט זי זיך פון יענעם ניט אָפּגעזאָגט.

ווען חאַנטשע איז געשטאָרבן און לייבל, דער איצט שטיין רייכער לואי פינק, איז געוואָרן אַן אַלמן איז נתן איינמאָל אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין, ווי אַ גרויס גליק וואָלט אים געטראָפן:

— הער בעקי וואָס מיר איז איינגעפאַלן און ס׳וועט ניט שאַדן אַז דו מאַלי זאָלסט אויך הערן. —

האָט נתן גענומען רעדן צו דער ווייב און צו דער טאָכטער מיט אַמאָל:

— לייבל איז אַ גביר פון אַריבער אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר און מ׳דאַרף אַזאַ געלעגנהייט ניט אַדורכלאָזן. ער איז נאָך אין די מיטעלע יאָרן און — וואָס איז זיך דאָס צו שעמען — נאָך אַ גאַנץ געזונטער מאַנספּאַרשוין; איז מיר איינגעפאַלן אַז עס וואָלט געווען אַ גליק, אַ גרויסער גליק פאַר אונז אַלעמען און לייבל וואָלט געוועין גליקליך און צופרידן צו קריגן אַזאַ מיידל ווי אונזער מאַלי איז. וואָס זאָגט עך דערצו ? !

בעקי, די מאַמע וואָס איר גאַנצער, דיקליכער קערפּער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פרייד פון אַזאַ בשורה איז דערוויל געבליבן שטיין ווי אָן לשון. זי האָט געקוקט אויף דער טאָכטער וואָס זי האָט צו זאָגן.

אָבער מאַלי האָט כלומרשט אָנגענומען אַ ברוגז׳ע מינע ווי מען וואָלט באַליידיקט אירע פינף און צוואַנציק יאָר מיט אַ מאַן פון פיפציק. אַז נתן, הינטער וועמען עס האָט פּשוט געברענט און וואָס האָט שוין ממש געזעען אַ גרויס גליק פאַר זיך, האָט געזעען אַז די טאָכטער שווייגט, ווי זי וואָלט זיך געקווענקלט, איז אַריין אין עקסטאַז:

— עס וועט דיר גוט זיין ביי אים, טאָכטער: און ס׳וועט אונז זיין גוט! וואָס זאָגסטו מאַלי?

— כ׳לאָז עס איבער צו דער מאַמען —

האָט מאַלי נאָך אַלץ אַ כלומרשט באַליידיקטע געענטפערט און איז אַריין צו זיך אין צימער.

— מאַלי, ווי איך זע וועט שוין מסכים זיין. איבערהויפט, ווען איך וועל מיט איר רעדן — האָט די מוטער שוין אַ מער מו-טיקע אָנגעהויבן: — אָבער זאָג מיר נתן: לייבל איז אַ געלאַסע-נער, אַ באַרעכנטער; מיט האַנטשן האָט ער גוט געלעבט. דענקסטו אַז נאָך האַנטשן וועט ער נעמען אַ יונגע, אַמעריקאַנער מיידל?

— ביסט, זאָלסט מיר מוחל זיין, אַ נאַר. פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן?

— ערשטענס איז אונזער מאַלי ניט קיין אַכטצן יאָר אַלט. און גלאַט — וועלכער מאַן אין לייבלס יאָרן אַן אלמן צו אַ גרוש, וויל דאָס ניט קיין מיידל? איבערהויפט אַזאַ אַסאַבע ווי אונזער מאַלי איז. ביי אידן איז עס נאָך אַ מצוה אויך — פאַר אַ אידן, אפילו שוין אין די זעכציקער צו נעמען אַ בתולה. געהערט אַ מעשה ? !

איי בעקי, בעקי! מיר קענען דאָך אַלע אויפגעריכט ווערן.

און אפילו אַז לייבל זאָל אין אָנפאַנג, לאָמיר זאָגן פון יוצא וועגן ניט וועלן, וועל איך עס דען אַפּלאָזן ?

וועל איך אַרויסלאָזן אַזאַ גליק פון האַנט? נע, כלעבן!

האָט ער מיט אַמאָל ווי מבטל געווען, וואָס מען רעט גלאַט נאַרישקייטן. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן ווי די גאַנצע זאַך וואָלט שוין געווען אַ פיקס און פאַרטיקע און ער איז מיט אַ זי-כערקייט אַרוים פון הוויז.

ערשט אין דרויסן איז אים קלאָר געוואָרן, ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט, אַז ער מאַכט אַ געמאַטערטן לעבן.

אַז ניט איינמאָל האָט ער ניט צו צאָלן קיין דירה-געלט;

ניט איינמאָל מוז ער נאַרן דעם "לענדלאָרד" מיט אַלערליי תירוצים פונקט ווי ער נאַרט אַנדערע.

די טאָכטער איז שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַלט.

יונגעלייט ווילן היינט ניט חתונה האָבן אָן געלט. און פון וואַנען זאָל ער, נתן, נעמען פאַר זיי געלט? אַזוי צו אַזוי, עס איז אים אין דער אמתן ניט איבריק גוט; אָט דעם פּלוטעוואַטען נתן חאַשעס. דערפאַר האָט ער זיך מיט אַזאַ אימפּעט געכאַפּט צו דעם געדאַנק, אַז לייבל, דער רייך געוואָרענער אלמן זאָל ווערן זיין איידעם: אי ער וועט חתונה מאַכן די טאָכטער אָן נדן, און אי ער וועט אַליין אויפגעריכט ווערן. ווארום וואָס ס'אַרע באַ-טרעף, למשל, וועט עס האָבן ביי לייבלען מיט זיין איצטיק עשירות אים נתן'ען זיין שווער צו געבן חודש'לאַך אַ פופציק, זעכציק דאָלאַר? דאַרף מען טאַקע שוין אָנהויבן. פאַר אים אַ-ליין אָבער דעם טאַטן פון דער מיידל, כאָטש ער קען לייבלען פון קינדווייז אויף, פאַסט עס פאָרט ניט.

איז אים איינגעפאַלן צו זען זיך דערוועגן מיט שלמה'לע הע-ריסאָן.

שלמה'לע העריסאָן איז שוין דאָ אין אַמעריקא קרוב צו פופ-ציק יאָר.

ער קומט פון דער היים פון גאָר אַ יחוס'דיקער משפחה.

ער איז אַוועק קיין אַמעריקא, ווען ער האָט זיך באַדאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. ער איז נאָך פון דער היים געווען אַן עליו. דאָ האָט ער געלערנט אַנדערע זאַכן.

ער האָט פון תמיד אַן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ תלמיד חכם. אין אַמעריקאַ האָט שלמה'לע העריסאָן זינט ער איז דאָ געהאַט אַ שוואַכקייט צו די לאַנדסלייט

ער האָט זיי אַלעמען גלייך ליב געהאַט; זיך באַצויגן צו זיי מיט וואַרעמקייט און איז געווען צו זיי צוגעלאָזן: צו דעם אַר-בייטער פונקט ווי צו דעם אויפגעקומענעם גביר. דערפאַר האָבן אים אַלע לאַנדסלייט ליב געהאַט און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך ארץ.

אין די ערשטע יאָרן, ווען די לאַנדסלייט זיינען געקומען, קען מען זאָגן, מאַסן ווייז זיינען זיי כמעט אַלע געקומען צו אים; אין זיין הויז האָט מען זיך אויסגעגרינט; זיין עצה האָט מען אויסגע-פאָלגט; צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. ער איז, אַזוי צו זאָגן, געווען דער ליבער טאַטע פון אַלע לאַנדסלייט. האָט אַ לאַנדסמאַן געמאַכט אַ ברית צו אַזוי עפּעס אַ שמחה, האָט ר' שלמה'לע געמוזט באַשיינען די שמחה. האָבן לאַנדסלייט צווישן זיך געהאַט אַ סיכסוך איז מען ניט געגאַנגען אין געריכט נאָר צו ר' שלמה'לע העריסאָן. וואָרום מען האָט זיינס אַ פּסק בעסער און מיט מער דרך ארץ אויסגעפאָלגט

לייבל אָדער לואי פינק זינט ער איז געוואָרן אַ גביר האָט זיך מיט קיינעם פון די לאַנדסלייט ניט געהאַלטן אַזוי נאָענט און מיט אַזאַ דרך ארץ ווי מיט ר' שלמה'לע העריסאָן.

דערפאַר ווען נתן חאַשעס האָט דערפילט אַז פאַר אים אַליין פּאַסט ניט איבערצורעדן מיט לייבלען איז זיין ערשטער געדאַנק געווען אַוועק צו לויפן צו ר' שלמה'לע העריסאָן.

ווען ר' שלמה'לע העריסאָן, וואָס האָט נתן'לע פלוט קיינמאָל ניט איבעריקס ליב געהאַט, האָט אים אויסגעהערט האָט ער זיך

אזש אַ פאַרקרום געטאָן. גלאַט אַ מענשן אָפּזאָגן בפרט אַ לאַנדס־מאַן, האָט ר׳ שלמה׳לע פּאָרט ניט געקענט.

האָט ער ביי נתן׳ן אַ פרעג געטאָן: צו וויים ער ניט נתן, אַז ער שלמה׳לע אַליין האָט אַ שוועסטער אַן אלמנה אין די פערצי־קער

עס זיינען נאָך געווען לאַנדסלייט, וואָס האָבן געהאַט ווער אַ טאָכטער אַ יונגע אַמעריקאַנער מיידל, ווער אַ שוועסטער, אַ גרינע, פאַרזעסענע מיידל: ווער אַ טאָכטער נאָך גאָר אַ יונגע פרוי ביי וועמען דער מאַן איז געשטאָרבן. פון אַלע זייטן זיינען אָרימע לאַנדסלייט געקומען צו דעם רייכן, פרישן אלמן מיט שי־דוכים.

וואָרום יעדער פון אָט די אָרים פאַרבליבענע לאַנדסלייט האָט געהאָפט, דורך אַ שידוך מיט לייבלען, אויפגעריכט צו ווערן.

אָבער עס איז גיך באַקאַנט געוואָרן אַז לייבל וויל דערווייל ניט הערן פון קיין שידוך.

דרייצענטער קאַפּיטל

— אַ שיינע, ריינע כפּרה אויף זיי! זיי זאָלן נאָך אויסגיין לתרבות רעות.

— זיי זאָלן נאָך קומען צו אונז בעטן אויף אַ שטיקל ברויט און מיר וועלן געבן און — אַ שפּיי אין פּנים אַריין וועלן מיר זיי אויך געבן.

— מילא שכרל איז אַלע מאָל געווען אַ הפקר־יונג און מינדל גיט זיך אַן עצה אַן אים פונקט ווי זי האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט אים.

— אָבער אַלטערל, אַ בראָך צו זיינע יאָר ! די שטילע, בכבוד'ע צירל אין קבר האָט זי דאָס אויסגעבעטן און מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען ווי ער, אַלטערל, וועט האָבן אַ שווארצן סוף מיט שכרל הפקר צוזאַמען. —

אַזוי האָבן לאַנדסלייט איבערהויפּט לאַנדספרויען גערעט און געשאָלטן, ווען מען האָט דערהערט אַז סאי אַלטערל און סאי שכרל זיינען אַרוף פון דער גדולה:

— זיי פירן נאָך כלומרשט די געשעפטן — האָט מען גערעט, — אָבער זייערע געשעפטן זיינען שוין אין דער שטיל הינטער אַ "רעסיווער".

זיי אַליין פאַרמאָגן שוין ניט קיין צעבראָכענעם סענט; און וואָס נאָך מ'זאָגט:

— אַלטערלס יונגע פרוי, זיין געוועזענע שיינע בוך-קיפּער־קע צוליב וועמען צירל קייעט יונגערהייט די ערד, איז אַוועק מיט אַ יונגן געליבטן, מיט וועמען זי האָט שוין געלעבט, ווען זי האָט נאָך מיט אים געוואוינט.

— שכרלס שיקסע, זאָגט מען, פון דעם טאָג אָן, וואָס ער האָט ניט געקענט ברענגען קיין געלט מער, איז זי פאַרשוואונדן, אַז ער ווייס ניט וואו איר געביין איז אַהינגעקומען. מ'זאָגט אויך, אַז זי האָט זיך אָנגעביצעוועט מיט געלט, פאַר דער צייט, וואָס זי האָט מיט אים געלעבט.

אַ זיסע פרייד האָט זיך צערשפּרייט און אַרומגעכאַפּט ניט בלויז די לאַנדספרויען, וואָס האָבן צירלען און מינדלען געקענט פון קינדווייז אויף, נאָר אויך אַלע לאַנדסלייט: ביי די פרויען איז עס געווען אַ פרייד פון זיסער נקמה פאַרוואָס אַלטערל און שכרל האָבן געוואָלט פּטור צו ווערן פון זייערע ערשטע פרויען און זיך

געגומען מוידן און שיקסעס; ביי די מענער איז עס געווען פון שטילער קנאה, פאַרוואָס יענע האָבן עס יאָ געקענט באַווייזן און זיי ניט. כאָטש אַלטערל און שׂכרל זיינען ניט געווען די איינציקע וואָס זיינען אַראָפּ פון דער גדולה.

עס איז געקומען אַ שטילער קריזיס אין דער געשעפטסוועלט.

די מער איינגעפונדעוועטע, סאָלידע געשעפטן האָבן אַזאַ קריזיס געקענט איבערהאַלטן. די אַלע גרעסערע און קלענערע אויפגעבלאָזענע געשעפטן, געבויט אויף ווינד, האָבן געפּלאַצט, געפאַלן ווי אין אַ חרבן.

צו אָט די געשעפטן האָבן אויך געהערט אַלטערלס און שׂכרלס.

זייערע געשעפטן זיינען באַלד פון אָנפאַנג ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף קיין געזונטן יסוד. זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן דריי, פיר מאָל אַזוי גרויס ווי זייערע כוחות האָבן אויסגעטראָגן.

אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען אַ שפע אין געשעפטסוועלט, זיי האָבן געקענט צושטעלן "סטייטמענטס" אַז זיי האָבן גענוג באַשטעלונגען, און עס זיינען פאַראַן פּראָפיטן, האָט מען זיי געבאָרגט.

בלויז געציילטע פון די גרינע אידישע ארויפגעאַרבייטע געשעפטסלייט, וואָס האָבן געלעבט מיט רעכנונג און געשפּאָרט אַ דאָלאַר אין די גוטע צייטן זיינען געבליבן אויף די פיס.

אַלטערל און שׂכרל האָבן געפירט זייערע געשעפטן אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, אַריבער זייערע כוחות און ליב געהאַט צו באַרימען זיך. און אין שטאָט און צווישן לאַנדסלייט האָט מען גערעדט; אַז אויב זיי זיינען עס נאָך ניט וועלן זיי זיכער ווען ווערן מיליאָנערן.

אָבער זיי זיינען געווען די ערשטע אויפן פייער. ווארום אין דער געשעפטסוועלט און אין די באַנקן האָט מען געוואוסט אַז זיי לעבן, ספּענדן און הולטייען. האָט מען זיי געהאַלטן אויפן אויג, געהיטן זייער יעדן שריט.

ביי דעם ערשטן פאַל פון ביזנעס האָט מען זיי אָפּגעשטעלט דעם "קרעדיט" און באַלד געלייגט אַ האַנט אויף אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט. און די צוויי גרויסע געשעפטסמענשן, וואָס האָבן ערשט געבערענט אַ וועלט זיינען געוואָרן צעטומלט און ניט גע-וואוסט ווי אַזוי דאָס אַלץ איז אַזוי פּלוצים און אומגעריכט געקו-מען איבער זיי. זיי זיינען מיט אַמאָל ווי געבליבן הענגען אין לופטן, ווי ניט קיין ערד הינטער די פיס. ווארום זיי האָבן צו-גלייך דערפילט אַז מענשן וועלן בלויז האָבן אַ ביטערע נקמה.

ס'האָט ניט לאַנג גענומען און מען האָט ביי זיי אַלץ צוגענו-מען:

— ס'איז זיי אפילו ניט געבליבן אויף אַ "צוקער-שנור" זיך אויפצוהענגען, זיי זאָלן האָבן אַ זיסן טויט — האָבן לאַנדסלייט זיך געוויצעלט. —

— ס'יונגע ווייבל אַלטערלס איז אַוועק מיט אַ יונגן געליבטן און וועט לעבן אַ גוטן טאָג, און שכרלס שיקסע האָט זיך ביי אים אָנגעבוצעוועט און איז איצט פאַרשוואונדן. און זיי?

זיי וועלן ביידע ליגן ניין קלאַפּטער אין דער ערד; איי וועלן זיי ליגן! — האָבן לאַנדסלייט זיך געקילט פון קנאה און נקמה.

אַלטערל האָט זיך אין אָנפאַנג שטאַרק געשעמט. ער איז גע-לעגן פאַרשטעקט ערגיץ און זיך געשעמט ס'פּנים צו ווייזן, ביז ער איז אין גאַנצן אַוועק פון דער שטאָט. נאָך אַ יאָר צייט

איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אויסזען און אין אַ הילוך, אַז מ׳האָט אים קוים דערקענט. אַז אַ באַקאַנטער איבערהויפּט אַ לאַנדסמאַן האָט אים אָנגעטראָפן האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך געשעמט, ניט געקענט קוקן יענעם אין פּנים אַריין. די בושה האָט אים שטאַרק געגעסן. נאָר מיט דער צייט האָט ער זיך צו־געוואוינט צו די צרות און צו זיין געפאַלנקייט.

ער האָט זיך בחרפּה צוריק אוועקגעשטעלט אַרבייטן אין אַ גוי׳אישער פאַבריק וואו עס אַרבייטן ווייניק אידן.

אַז ער האָט איצט אָנגעטראָפן אַ לאַנדסמאַן האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן אַז ער מוז רעדן ענגליש.

שכרל פאַרקערט: ער איז ניט אַוועק, זיך ניט געשעמט און זיך אויך ניט געשטעלט צוריק אַרבייטן. ער האָט דרייסט און אונפאַרשעמט, ווי אין אַלע זיינע יאָרן, יעדן געקוקט אין די אויגן אַריין. ער האָט איצט ווידער צוריק געקראָגן אַלטע פריינט. מ׳איז גלאַט, איבערהויפּט די מענער ניט געווען פאַרביסן אַנטקעגן אים. וואָרום שכרל האָט געהאַט אסך אַלטע באַקאַנטע, אַמאָליקע וואוילע יונגן פון דער היים, וואָס האָבן אַלעמאָל אַ הנאה געהאַט און אַזוי צו זאָגן, אים ליב געהאַט פאַר זיין חצפּה הפקרות און געוואַגטקייט.

אַ חוץ דעם איז שכרל קיינמאָל ניט געווען קיין שלעכטער יונג צו אַ נאַש בראַט, צו אַ גוטן ברודער. אפילו אַז ער האָט גע־לעבן אויפן גרויסן רייכן פוס. אַז אַן אַלטער באַקאַנטער איז גע־קומען צו אים נאָך אַ גמילת חסד אָדער אַזוי נאָך אַ פאַר דאָלער, האָט ער עס געגעבן אויפן היימישן, וואויל אינגעשן שטייגער און קיינמאָל ניט דערמאָנט דערוועגן.

און דאָס האָבן חברה, אַלטע גוטע ברידער, ניט פאַרגעסן.

זיי האָבן אויך איצט פון שכרלן אַ הנאה געהאַט, וואָס ער איז ווי־דער צו זיי געקומען און מאַכט ניט קיין טראַגעדיע פון דעם וואָס ס'איז געשען און זיי האָבן זיך צו אים דערנענטערט און אים אויסגעהאָלפן מיט געלט.

שכרל איז ווידער מיט די ביינער אַריין אין זייערע קרייזן: אין די שענקן, אין די פריוואַטע קאָרטן־הייזלאַך, און ווידער גע־פונען אויף דער וועלט און אויף זיינע פאַרגאַנגענע, רייכע יאָרן. וואַרים גוטע ברידער, חברה, וואָס טעג ווי עכט זיינען זיי אי־בערגעלעגן אין די שענקן ביי בילאַרד־טישלאַך און קאָרטן־הייז־לאַך, זיינען דאָ אויך פאַראַן ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים. ס'רוב זיינען דאָס אַלטע בחורים אָדער אַזעלכע, וואָס די פרויען זיינען ביי זיי געשטאָרבן אָדער אַוועקגעלאָפן פון זיי, ניט פון וואוילטאָג וועגן, זיינען זיי געוואָרן הפקר.

ס'איז געווען שווער צו וויסן פון וואַנען זיי לעבן און פון וואַ־נען האָבן זיי געלט אויף צו שפּילן. דערפאַר זיינען צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע אַלטע באַלעווייערעניקעס, וואָס מ'האָט אויף זיי געזאָגט, וואָס ניט אַנדערש נאָר אַ קליפּה אַזאַ זיצט אין זיי.

זיי האָבן יאָ געהאַט פרויען און קינדער און קליינע און גרע־סערע געשעפטן. נאָר ס'האָט זיי געצויגן צו די קאָרטן און צו די שענקן. האָבן זיי גאַנץ אָפט אין מיטן העלן טאָג אַ לאָז איבער־געגעבן ס'ווייב אָדער די שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער און זיינען פּלוצים נעלם געוואָרן פון סטאָר אָדער פון געשעפט.

די פרויען זייערע, וואָס האָבן שוין באַלאַנגט צו אַלערליי לייִ־דים אָקזילערים און געהאַט אָנזען; אָדער קינדער דערוואַקסענע וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ היי־סקול צו גאָר אַ קאָלעדזש און זיך גע'חבר'ט מיט פיינע באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיי פאַר־

ביסן די ליפּן און אין דער שטיל זיך געשטיקט מיט זייער חרפּה, און זיך געשעמט צו מאַכן לייטיש געלעכטער.

אָט די אַלע חברה, ווען זיי האָבן ווידער דערזען שכרלען צווישן זיך, האָבן אים חבר'איש און וואויל אינגיש געקלאַפּט אי־בער די פּלייצעס:

— אַ נאַש בראַט בלייבט אַ נאַש בראַט.

— שכרל, ד'עסט צווישן אונז ניט פאַרפאַלן ווערן —

מיט דער צייט האָט מען אין שטאָט און צווישן לאַנדסלייט און באַקאַנטע אין גאַנצן ווידער פאַרגעסן, אַז שכרל איז געווען רייך און האָט געשפּילט אַ געהויבענע ראָל.

אַז מען האָט אים איצט ווידער געטראָפן אַרויסקומען פון אַ קאָרטן־הייזל צו פון אַ שענק מיט נאָך אַ פּאָר חברה: ס'פּנים פאַר־שוואַרצט פון רויך און שטויב, מיט וואָס אַזאַ קאָרטן־הייזל אָדער שענק איז פול; די האָר צעשויבערט און דער גאַנצער, אָרימער, אָפּגעלאָזענער הילוך זיינער, ווי ער וואָלט ניט דערשלאָפן און ניט דערעסן, האָבן לאַנדסלייט אָדער אַזוי באַקאַנטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דער אַלטער שכרל: דער זעלביקער הפקר־יונג ווי אַמאָל —.

ווען מינדל האָט דערהערט פון איר שברלס מפּלה איז זי אין דער מינוט פול געוואָרן מיט זיסער נקמה:

— זי האָט עס דערלעבט —.

עס האָט איר אויך געפרייט, וואָס זי האָט נאָך באַצייטנס, איידער ס'איז געוואָרן צו שפּעט, אַרויסגעקראָגן אַ היבשע סומע

געלט, וואָס פאַרזאָרגט איר מיט איר טעכטערל. דערצו נאָך איז זי זיינער פּטור געוואָרן:

— מיט אים צוריקגיין וואוינען ? ! כ׳וואָלט געמוזט זיין משוגע — האָט זי מיט צעפלאַמטן כעס און זיסער נקמה געענט-פערט שכנות וואָס האָבן ביי איר געפרעגט:

— אים נאָך געבן אַ געלעגנהייט צו פאַרטאַכלעווען דאָס געלט וואָס איך האָב? אַזוי לאַנג קרענקט ער אויף איין זייט. דער הפקר-יונג! איי עוועלין? : איידער אַזאַ טאַטן איז בעסער זי וויים ניט פון אים. מיינע טייערע: כ׳וועל נאָך דערלעבן צו זען ווי די ווערים פרעסן אים! —

באַלד אין דער ערשטער צייט, נאָכדעם ווי זי האָט אים אָפּ-געגט, דעם תכשיט אירן, האָט מינדל ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן און צו קאָכן זיך פאַר שכנות ווי פאַר לאַנדספרויען, אַז זי איז גליקלאַך וואָס זי איז זיינער פּטור געוואָרן: — ס׳וועט זיין געזונטער אי פאַר איר, אי פאַר איר עוועלין. אָבער אין איר קול האָט זיך דעמאָלט געפילט דער ווייטיק פון אַ שטאַרק געקרענק-טער און באַליידיקטער פרוי. זי האָט ס׳רוב אין די נעכט ניט גע-קענט אַנטשלאָפן ווערן. ס׳האָט איר גענאָגט אַ פאַרדרוס און אַ ווייטיק צוגלייך.

אין אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט האָט זי געפּרובט מיט זיך איינ׳טענה׳ן:

— אַז אייגענטליך איז זי גליקלאַך וואָס זי איז זיינער פּטור געוואָרן

זאָל ער זיין פאַר אַ כפרה. ס׳פאַרדריסט איר בלויז וואָס ס׳אַרט אים ניט;

ס׳פארדריסט איר בלויז, וואס אים פעלט דערוויַיל גאר ניט, און ער לעבט א חזר׳אישן טאג; נאך מער פארדריסט איר, וואס ער לעבט נאך דערצו מיט א יונגער, שענער און געזונטער שיקסע, — א בראנד אים אין די ביינער מיט דער שיקסע צעזאמען— האט זיך איר גאנץ לייב אנגעגאסן מיט ווייטיק און רציחה.

ערשט דערנאך אז זי האט עס דערלעבט, ווי זיין געשעפט איז אויסגעגאנגען אין א מארגע, די שיקסע איז פון אים אנטלאפן און ער אליין איז געבליבן א קבצן אן א סענט געלט, האבן זיך אלע אירע פארדראסן און ווייטיקן אויף אן אמת אין איר איינגעשטילט.

ס׳פנים ביי איר האט אזש גענומען פלאמען פון פרייד און דערלעבטער נקמה.

זי איז איצט אליין געלאפן צו שכנות און צו לאנדספרויען:

— כ׳על נאך זען ווי מען שארט די ווערים פון אים.

איי שכרל! שכרל! איי וואלט זיך מיר ווידער איצט אים, ווען ער וואלט געקומען, א פרעג טאן: — שכרל, וואס מאכט דיין שיקסע?

אבער שכרל איז ניט געקומען. ער האט זיך אפילו ניט פאר איר און ניט פאר עוועלין זיין קינד, געוויזן גלייך ער וואלט קיינמאל קיין ווייב און קיין קינד ניט געהאט.

דאס האט איר מינדלען ווידער פארדראסן. זי האט ניט געקענט א הנאה האבן פון איר נקמה אזוי לאנג ווי זי קען אים ניט זען אין זיין געפאלנקייט:

— ווארן ס׳ארט אים דען עפעס, דעם שאנצפלעק ? !

מיט דער צייט אָבער האָט מינדל פאַרט אָן אים פאַרגעסן, ווי ער וואָלט קיינמאָל אין איר לעבן ניט געווען. איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, מען קען זאָגן, איר גאַנץ לעבן, האָט מינדל, אויף וועמען די עלטער האָט זיך אָנגעהויבן אָנרוקן, איצט אַוועקגעגעבן איר עווע׳לין, וואָס איז קיין עין הרע געוואַקסן ווי אַ שענער בוים.

עווע׳לין איז אַלעמאָל געשטאַנען און מיטגעפּילט מיט דער מאַמען. נאָר זינט דער טאַטע איז אין גאַנצן אַוועק האָט זי אָפּגעשאַצט דער מאַמענס גוטסקייט און איבערגעבנקייט און איר שטאַרק געהאַלטן בכבוד איבערהויפּט צווישן מענשן.

פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו עווע׳לין אַזאַ איידלקייט ביי אַזאַ טאַטן און אפילו ביי דער פּראָסטער מאַמען איז גאָר ניט געווען צו דערקלערן. און שכנות אָדער לאַנדספרויען פלעגן קוקן אויף עווע׳לין פלעגן זיי זיך ניט קענען צוריקהאַלטן:

— און אַזאַ פיין קינד האָט ער איבערגעלאָזן?

— ביי אַזאַ פיין קינד פּירט אַ טאַטע אַזעלכע וועלטן?

— די ערד זאָל אים אַרויסוואַרפן, ווען ער וועט איינעמען אַ מיתה משונה — האָט זיך מינדל ניט געקענט צוריקהאַלטן, ווען מ׳האָט ווידער אין איר אויפגעוועקט אַלטע וואונדן:

— ער האָט איר יאָ באַדאַרפן זען אייער עווע׳לין, ווי זי איז קיין עין הרע אויסגעוואַקסן און ווי מענשן בענשען זיך מיט איר;

האָבן שכנות און לאַנדספרויען אַלס גע׳טענה׳ט, ווי זיי וואָלטן אַלץ געוואָלט זען נקמה אָן שכרלן.

— זאָל אין אים די גאַל פּלאַצן דעם טייערן טאַטן אירן. —

אָבער מינדל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דאַרויף, גלייך דאָס וואָלט שוין אַלץ פאַרענטפערט.

מינדל האָט איצט איר עוועלין שוין געשיקט אין קאַלעדזש.

די מאַמע האָט זיך געשפּיגלט אין איר. עוועלין איז איצט געווען איר טרייסט, איר נחת. מינדל האָט איצט נאָך בלויז געהאַט איין וואונטש: — אַז איר עוועלין זאָל קריגן איר ריכטיקן באַשערטן: אַ מאַן, ווי זי איז עס ווערט, ער זאָל וויסן ווי איר אָפּצושאַצן. דאָס וועט פאַרזיסן אירע יאָרן אויף דער עלטער.

פערצענטער קאַפּיטל

אַ גאָר באַזונדער ווירקונג האָט געהאַט חאַנטשעס טויט אויף פרענסים'ן, דער הויפּט בוך-קיפּערקע פון לואי פינקס גרוים, רייך און צעוואַקסן געשעפט. אין אָנפאַנג האָט זי זיך געהאַלטן שטיל באַשיידן און צוריקגעהאַלטן. זי האָט דערמיט געוואָלט אויסדריקן איר באַדוירן אויפן טויט פון זיין פרוי און אַ שטאַרק מיטגעפיל מיט אים, דעם באַלעבאָס אירן. אָבער מיט דער צייט, האָט זי זיך געענדערט. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגענומען אַ שטאָלצע האַלטונג צו אַלץ אַרום און אין געשעפט.

וואָרום אין דער שטיל, טיף אין האַרצן ביי איר האָט זיך גענומען איינעסן אַ געפיל, אַז ער איז ניט מער איר באַלעבאָס. ער וועט גאָר אין גיכן ווערן איר מאַן, און זי — די באַלעבאָסטע פון דעם גאַנצן פאַרמעגן. וואָרום איצט, ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן איז זי, פרענסים, מער ווי אַלע אַנדערע בארעכטיקט דערצו. זי איז אין גאַנצן געוואָרן אָנגעגאָסן מיט אָט דעם געדאַנק. זי האָט געטראַכט דערפון יעדע מינוט פון טאָג. זי האָט איבערהויפּט גענומען זיך פילן, ווי עס וואָלט שוין געווען אַ זיכערע זאַך. זי האָט דערפאַר אָנגענומען אַ שטאָלצע, פייערליכע

האַלטונג; אַ האַלטונג ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער צוקינפּטיקער אייגנטימערן פון דעם גרויסן צעוואַקסענעם, רייכן געשעפט:

פאַר דער צוקינפּטיקער מרס. פינק.

זי האָט געוואוסט פרענסים, אַז די פאַרשטאָרבענע איז געווען אַ קאַרגע, זיך ניט פאַרגינען צו לעבן ווי אַ נגידית.

זי אָבער וועט פירן "שטאַט"; זי איז דערפאַר געבוירן, איז דאָ אין סקול געגאַנגען. זי האָט אויך איצט אירע אַריבער דרייסיק יאָר אַלס מיידל ניט באַטראַכט מער פאַר אַ חסרון נאָר פאַר אַ מעלה.

וואָרום אַזאַ באַלעבאַטישער, געזעצטער מענש ווי לואי פינק, ווי זי קען אים, וואָלט ניט חתונה געהאַט פאַר אַ יונגער, לייכטזיניקער מיידל.

ער וואָלט זיך געשעמט פאַר לייטן און פאַר זיינע דערוואַקסענע קינדער. זי איז דערפאַר געווען צוויי מאָל זיכער אַז ער געהערט צו איר: זי זאָל ווערן מרס. פינק און ער לואי, איר מאַן.

אין הויז אַריין וועט זי נעמען אַ דינסט. זי אַליין, אַלס אייגנטימערן וועט זיך ניצלאָך מאַכן אין געשעפט נאָך מער ווי פריער. אין אָוונט און די זונטיקס וועט זי מיט אים אַרויספאָרן אין אַ טייערער מאַשין, ווי עס פאַסט פאַר אַ גביר'טע.

זי ווייס בלויס ניט ווי זי זאָל זיך איצט צו אים פאַרהאַלטן. צו זאָל זי זיך פאַרהאַלטן אביסל דערווייטערט, צוריקגעהאַלטן און אויסמיידן צו אָפט צו בלייבן מיט אים אַליין, צו זאָל זי זוכן גאָר וואָס מער צו בלייבן מיט אים, זיין צו אים צוגעלאָזן, אים אָנצינדן מיט באַגער. זי וועט עס לאָזן פאַר דער גינסטיקייט פון מאָמענט ווען זי וועט פאַרבלייבן מיט אים אַליין.

אפילו יאָ, וועט זי איצט ניט דערלאָזן, ניט איידער ער האָט מיט איר חתונה, אַז ער זאָל צו ווייט גיין, ווי זי האָט עס פריער געוואָלט.

בשום אופן ניט. — ניט פריער ווי נאָך דער חתונה — וועט זי אים זאָגן.

* * *

שוין אַ שטיק צו ליב פּרענסים'ן האָט לואי פינק די אַלע אים גערעטע שידוכים צוריקגעוויזן. ער האָט זיך דערביי געהאַלטן ערנסט און אַביסל טרויעריק; ס'הייסט ער קען חאַנטשן אַזוי לייכט ניט פאַרגעסן און ער וועט אדאי צוליב איר כבוד וועגן אַזוי גיך ניט חתונה האָבן.

איז עס באַלד צעטראָגן געוואָרן איבערן שטאָט און צווישן לאַנדסלייט איז עס געגאַנגען פון מויל צו מויל.

— לייבל איז פאָרט ניט ווי אַנדערע, וואָס זיינען דאָ אין גאַנצן צעלאָזן געוואָרן.

— אפילו אַז חאַנטשע איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלאַכן טויט, וויל ער דערוויייל ניט הערן פון חתונה האָבן. און לייבל וועט יאָ חתונה האָבן, וועט ער זיכער ניט נעמען קיין יונגע "טשיקן".

לייבל איז אַלעמאָל געווען אַ געזעצטער מענטש מיט געוויסן און איז עס פאַרבליבן אפילו ווען ער איז רייך געוואָרן.

איז ער דערפאַר ביי אַלעמען חשוב און ליב געוואָרן, און מען האָט אויפגעהערט צו קומען מיט שידוכים צו אים, גלייך מען וואָלט ניט געוואָלט אים וויי טאָן.

און לאַנדספרויען האָבן צווישן זיך גערעדט:

— אַז אַזעלכע מענער ווי לייבל מעג אַ פרוי העלפן צו אַרויפ-אַרבייטן זיך.

און לייבל וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט מען זאָל רעדן אויף אים און אַז ער איז שוין איינמאָל אַריין אין אַזאַ ראָל, האָט ער זיך שוין אפילו אַקעגן זיין ווילן געהאַלטן אין איר.

ער האָט זיך אויך שוין געמוזט האַלטן אין דער דאָזיקער ראָל צוליב פרענצים'ן. ווארים ער האָט געוואוסט, אַז איצט ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן און ער איז פריי וועט פרענסים פאַרלאַנגען ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. אמת, ער האָט ניט קיין חוב צו איר. ער האַלט עס איצט פאַר אַ גרויס גליק, וואָס ער האָט זיך דעמאָלסט אין אַ הייסער מינוט, ניט באַנאַרישט. אפילו אַז ער וואָלט דעמאָלט אויסגעמידן אַ סקאַנדאַל וואָלט ער אָבער איצט געמוזט מיט איר חתונה האָבן.

ער ווייס, לייבל, אַז זיין געוויסן וואָלט אים ניט געלאָזן אַנ-דערש טאָן, ער ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער איין גאָט ווייס ער קען מיט פרענסים'ן ניט חתונה האָבן. ער האָט פאַרלוירן יעדן געפיל צו איר.

און גלאַט ווען ער וואָלט מיט פרענסים'ן, זיין לאַנג יאָריקער בוכקיפערקע חתונה געהאַט, וואָלט מען אין שטאָט אָנגעהויבן רעדן: אַז מסתמא האָט ער שוין לאַנג מיט איר געלעבט, נאָך פאַר חאַנטשעס לעבן, ווארום אויב ניט פאַרוואָס האָט ער מיט אַ-מאָל חתונה מיט דער בוכ-קיפערקע, דער פאַרהאַרטעוועטער, אַלטער מויד, ווען ער האָט געקענט קריגן עפּעס אינגערס, פריי-שערס און שענערס ?

האָט ער זיך דערפאַר צו פרענסים'ן פאַרהאַלטן ערנסט. דער-וויטערט און טרויריק געשטימט. ער האָט אָנגעהויבן קומען

וויניקער אין געשעפט אַריין. ער האָט איבערהויפּט איצט פאַר־לוירן זיין אימפּעטיקע ענערגיע צו זיין אַריינגעטאָן אין געשעפט מיט לייב און לעבן, ווי ער איז געווען פריער. ער האָט דאָס פּי־ראַכן פון געשעפט אַלס מער איבערגעגעבן צו די צוויי זיהן. ער איז בלויז געקומען יעדן טאָג אין געשעפט אַריין פאַר עטליכע שטונדן. אַז עס איז אים אויסגעקומען צו בלייבן מיט פרענצים'ן אַליין אין זיין פּריוואַט אָפּיס האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן פאַרהאַלטן צו איר ווי אַמאָל:

ווי צו דער יתומה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט.

אין אָנפאַנג האָט עס פרענצים באַטראַכט אַלס צייכן פון זיין דערשלאָגן געמיט, פון זיין טרויערן נאָך זיין פאַרשטאָרבן ווייב.

אָבער מיט דער צייט האָט זיין האַלטן זיך פרעמד און דער־ווייטערט פון איר געגומען אַרויסרופן אין איר אומרואיקייט, פאַרדרוס און אַ באַליידיגונג פאַר איר ווייבלאַכן שטאָלץ. אַזוי וועט זי עס ניט לאָזן ווייטער גיין. איצט אודאי ניט. זי האָט זיך ווידער גענומען דערנענטערן צו אים, אים רייצן.

אין דער מינוט האָט אַ פייערל פון פאַרשטיקטן באַגער אַ גלימער געטאָן אין זיינע אויגן. אָבער באַלד האָט ער זיך קאָנט־ראָלירט. און גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר פרענסים'ן, איז ער געבליבן קאַלט צו איר, זיך געזוכט צו דערווייטערן פון איר ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער.

האָט זי, פרענסים, איינמאָל ווען ער איז געזעסן לעבן איר אונטערצושרייבן אַ טשעק גאַנץ אומגעריכט פאַר אים אַ לייג גע־טאָן איר האַנט אויף זיינער:

— לואי — האָט זי אים היימיש אַ רוף געטאָן ביים ערשטן נאָמען און גענומען קוקן אים אין די אויגן אַריין. גלייך זי וואָלט

געוואָלט איר האַרץ ווי איר נשמה פאַר אים עפענען:

— לואי איך וויל מיט דיר רעדן אָפן; איך וויל זיך פאַר דיר ניט שעמען כאָטש דו האָסט עס באַדאַרפט טאָן פריער.

— לואי, דו קענסט מיך פאַר אַזוי פיל יאָרן: ס׳זיינען דאָך געווען צייטן ווען דו האָסט מיך געזוכט, ווען דו האָסט מיך באַגערט, דעמאָלט האָט דיין פרוי געלעבט. איצט ביסטו פריי. לואי ! ?

לואי איז גערירט און צענומען געוואָרן פון איר פּלוצים׳דיקע נאָענטקייט און אָפנהאַרציקייט צו אים. דאָס האַרץ איז אים שווער געוואָרן, אי פון מיטגעפיל צו איר, און אי פון דעם וואָס זי איז אים אין גאַנצן פרעמד געוואָרן. איבערהויפּט זינט חאַנטשע איז געשטאָרבן און ער האָט זיך געריכט אַז זי וועט קומען צו אים מיט אַזעלכע טענות. ניט בלויז פרעמד איז זי אים געוואָרן נאָר ער האָט זיך גענומען שרעקן פאַר איר ווי פאַר אַ שווערן חלום.

איז ער געבליבן זיצן אַ צעטומעלטער, אַ צענומענער און אַ באַשווערטער און ניט געוואוסט וואָס איר צו ענטפערן:

— פרענסיס, זיי מיך ניט חושד. דו ווייסט מ׳איז צו מיר געקומען מיט שידוכים. כ׳האָב אַלעמען אָפּגעזאָגט. כ׳בין, כ׳האָב באַשלאָסן דערווייל צו מאַכן אַ רייזע קיין פּוילן, אין מיין געבורטסשטעטל — האָט זיך ווי אַ ישיעה פון הימל אַ גליטש געטאָן דאָס וואָרט פון זיין מויל: — יאָ טאַקע אַ רייזע קיין פּוילן.

די קינדער מיינע זיינען שוין געניט און קענען פירן דאָס געשעפט דערווייל.

— כ׳וויל זיך צעשטרייען, באַרואיקן. דערפאַר פרענסיס לאָמיר איצט ניט רעדן דערפון ביז איך וועל צוריקקומען. —

דאָס וואָרט פאַרן אין פוילן, וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט פאַר אים אַליין אַרויסגעגליטשט פון זיין מויל, אַלס אַ תירוץ פאַר פרענסיס'ן האָט ביי אים אָנגעהויבן צו קריגן אַ באַדייטונג.

ס'איז שוין באַלד אַוועק אַ יאָר נאָך האַנטשעס טויט.

יענע ערנסטע טרויער שטימונג האָט ווי פון זיך אַליין, אַלס מער זיך אויסגעוועפּט. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן פרייער, אָטעמען פרייער.

אין זיין אַליין זיין, אין זיין איצט אויסגערוטן קערפער האָט זיך גענומען וואַרעמען אַ באַגער פון געזונטן, פריי גענוואַרענעם מאַנספּאַרשוין; אַ באַגער, וואָס האָט אַלס מער געגאָסן זיך אין אינגעווייד, אָנגעגליט זיין יעדן אבר. ס'איז אים אָפט מאָל אַזש ענג געוואָרן.

איבערהויפּט אין די נעכט ווען ער האָט זיך געלייגט אויף זיין געלעגער. שטונדן לאַנג האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. וואָרום ביי זיין עשירות, אַ וועלט פון פאַרגניגן האָט איצט געקענט זיין אָפן פאַר אים. איז ער דאָך אָבער דער געלאַסענער, סטאַטעטש־נער לייבל, ווי אַלע קענען אים.

ער האָט איצט אין האַרצן מקנא געווען אַלטערלן, שכרלן, וואָס זיי קענען יאָ און ער קען ניט טאָן. ער לייבל האָט דערפאַר איינגעזעען, אַז סוף כל סוף, איז פאַר אים קיין אַנדער עצה ניט ווי געזעצלאַך חתונה האָבן און ווידער, אויב ס'וועט זיין באַ־שערט אויסצולעבן די יאָרן מיט אַ ווייב ווי גאָט און פרומע לייט האָבן געבאָטן.

מען קומט לעצטענס ווידער צו אים מיט שידוכים.

אודאי קען ער קריגן אַ יונג, שיין מיידל; אודאי וויל ער ניט קיין אַנדערע ווי אַ יונג, שיין מיידל, אַז ער קען עס קריגן.

אָבער דאָ קען ער עס ניט טאָן; ניט צוליב זיך, וואו מען קען אים און ניט צוליב פּרענסים׳ן, וואָס ער וואָלט איצט בשום אופן ניט וועלן מיט איר חתונה האָבן. ער וויל איבערהויפּט ניט די אַמעריקאַנער פּלעפּערקעס. האָט ער זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אָן דעם: אַ רייזע קיין פּוילן. וואָס ס׳וועט דערפון אַרויסקומען וויים ער ניט. נאָר ער דערמאָנט זיך, ווי שימעלע רובאַק, וואָס איז ניט לאַנג צוריקגעקומען אויך פון אַ רייזע קיין פּוילן, דערציילט זיך אָן. מ׳האָט אים דאָרט אויפגענומען ווי אַ קיניק. וואָרום די אָרימקייט נאָך דער מלחמה איז דאָרט גרוים, אין לשער. אַז ער האָט געגעבן הונדערט דאָלאַר פאַרן שטעטל, האָט מען פאַר אים געמאַכט אַ שמחה ביים רב אין הויז.

יעדער איינער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים, רעדן אַ וואָרט מיט אים.

און דערנאָך! האָט שימעלע דערציילט שטיל און מיט רחמנות ווי עס פאַסט זיך פאַר אַן אַנשטענדיקן אידן ווי שימעלע:

— ס׳זיינען דאָרט דאָ אַזוי פיל יונגע, אָרימע שיינע מיידלאַך.

זיי האָבן ניט קיין מעגליכקייט און אפילו ניט קיין האָפנונג צו קענען חתונה האָבן; מיידלאַך היימישע, שטילע, אָרנטלאַכע באַלעבאַטישע קינדער און אסך פון זיי מיט טויזנט חן׳ען, ניט ווי די צעלאָזענע, אַמעריקאַנער ״אומלויפס״.

— חתונה האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער, מיט אַ פאַרמעגלאַכן דערצו איז זייער איינציקער וואונש: מעג ער זיין אַן אלמן, צו אַ גרויש, — אפילו זעכציק יאָר אַלט. גליקלאַך וואָלטן זיי געווען.

אַט דאָס איז לייבלען שטאַרק אַריין אין די ביינער, אָנגעגאָסן זיינע פּיפּציק יאָר מיט אַ פרישער, ־בחור׳אישער גלוסטעניש נאָך אַ היימישער, יונגער, אידיש־צניעה׳דיקער כלה.

און אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך, ווי אומגעריכט פאַר אַלעמען, צעטראָגן די נייעס איבערן שטאָט, אַז לואי פּינק, אָדער לייבל פאַרט אַהיים קיין פּוילן פאַר אַ לוסט רייזע.

מ׳האָט עס אויסגעטייטשט, אַז לייבל קען ניט פאַרגעסן דאָס אומגליק וואָס האַנטשע איז געשטאָרבן.

ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען און מיט דער רייזע וויל ער זיך צעשטרייען און באַרואיקן...

אין פּוילן

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

עס איז געווען סוף חודש מיי. די נעכט אויפ'ן ים זיינען גע-וועזן שטילע, צנועות'דיקע און געלייטערטע. די טעג לויטערע, זוניקע.

דער בּרייטער, ווייטער ים אויף וועמענס זיך וויגענדע מורמלנדע און אָפּט שטורמישע וועלן, ס'האָט זיך געשפּיגלט דער הימל, געגאָלדיקט די זון און געזילבערט און געמוניעט אירע שטראַלן, האָבּן אויסגעלייטערט אַ בּאַגריף, אַז די וועלט איז גרויס און אייבּיק; אַז דעם מענשענס טאָג-טעגליך לויפן, האָוועז, יאָגן און וועלן דערגרייכן דאָס טעלערל פון הימל האָט, אין אמת'ן, קיין גרויס בּאַדייטונג ניט.

די גרויסע שיף האָט זיך געטראָגן איבּער'ן ים, ווי אַ סוד, וואָס וויל זיך שניידן אין די אייבּיקייט אַריין. די כוואַליעס האָבּן געשלאָגן זיך אָן דער שיף, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן פאַרמעסטן אַנטקעגן איר.

אויפ'ן דעק פון שיף שפּאַצירן אַרום מענער און פרויען: אינ-גערע, מיטל יאָריקע און עלטערע; ס'רוב אָנגעטאָן שוין זומער דיק, רייך נעט און אָנציענדיק. ווער ס'שפּאַצירט אַליין פאַר-טראַכט, בּענקנדיק און בּאַגערנדיק נאָך עפּעס אָדער אימיצן; ווער מיט אַ דאַמע. אָדער ווער לעבּן זייט אָדער אין אָרעם. ווער שמייכלנדיק, ווער שמועסנדיק און ווער זינגענדיק.

עלטערע מענער און פרויען שפּאַצירן ס'רוב אַליין, לאַנגזאַם, מיושוב'דיק בּאַטראַכטן די וועלט פון הימל און וואַסער, וואָס וועקט עפּעס בּאַנגעס פון פאַרגאַנגענע יאָרן און דאָס, וואָס די וועלט איז גרויס און אייבּיק און דעם מענשענס לעבּן אַזוי קורץ.

כמעט אַלע פון די רייזנדע האָבן זיך געפינען אויפ'ן דעק, געקוקט אויף דער ווייטער אומענדליכקייט פון הימל און וואַסער. ס'האָט זיך גאָרניט געלאָזן גלויבן אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ וועלט אחוץ הימל און וואַסער.

אויך לואי פינק, וואָס פאָרט קיין פוילן, האָט שפּאַצירט אויפ'ן דעק. שפּאַצירט איינער אַליין. ער האָט קיינעם ניט געקענט און ניט געוועןן דער מענש צו קענען שליסן באַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע מענשן.

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, מען קען זאָגן, גאָר ניט נאָך זיין געוואוינהייט, האָט ער איצט געטראָגן אַ גאָר מאָדערנעם, קאָסטבאַרן, לייכטן רייזע אַנצוג. ער האָט זיך פאַר'ן אַוועקפאָרן געקויפט און זיך געלאָזן אויפנייען עטליכע און אַלערליי קאָסט-באַרע אַנצוגן, וואָס זאָלן אים פּאַסן אַקוראַט. ער זאָל אין זיי אויסזען אַנציענדער און איינגער. אַזוי אויך שיך, העמדער, זיי-דענע טאַשנטיכלעך, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר די אַלע יאָרן זינט ער איז רייך און עס ניט געקענט באַווייזן ביי חאַנטשעס לעבן.

האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט אין חאַנטשן, איר איבערגעבנ-קייט און דאָס, וואָס זי האָט אַלץ געוואָלט שפּאָרן, זיך ניט פאַר-גינען און זיך ניט געקענט באַפרייען און אויך אים ניט געלאָזן באַפרייען זיך פון דער אָרימער השגה. ער האָט אַ זיפץ געטאָן אויף איר יונגן טויט.

אָבער איין גאָט ווייס, אַז ער איז ניט שולדיק. ער האָט זי-כער געוואָלט, אַז חאַנטשע זאָל לעבן. ביי אָט דעם געדאַנק א'ז אים אַביסלל לייכטער געוואָרן אויפ'ן געוויסן אין שייכות מיט זיין איצטיק פאָרן קיין פוילן.

ער האָט אויך געטראַכט פון זיין גרויסער פאַבריק, ווי דאָס עשירות זיינס וואַקסט און פון די צוויי אונטערגעוואַקסענע זיהן

אויף וועמען ער קען זיך פארלאָזן. אמת, ער קאָן זיך נאָך ניט אין גאנצן צו געוואוינען צו זיין גאָרניט טאָן, צו דעם רואיקן לעבן. ער איז אָבער פאַרט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, באַפרייט געוואָרן פון שווערער אַרבייט, פון טראָגן איינער אַליין, דעם עול און די אחריות פון אַזאַ גרויס און צעוואַקסן געשעפט.

ס'געמיט איז פאָרט גרינגער און ער שפירט, ווי דאָס לעבן קריגט אַ נייעם טעם.

ער איז באַפרייט געוואָרן פון פליכטן און פון זאָרגן. און אַ־זעלכע זיסע באַגערן האָבן זיך, ווי אַ קוואַל, וואָס איז געווען גע־האַמעוועט, געעפנט אין אים. און גוט איז אים איצט, וואָס ער פאָרט קיין פוילן.

עס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ וואַרעמע בענקעניש נאָך זיין היים־שטעטל, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע, יונגע יאָרן, אַלס אָרימער, ביי זיך, געפּאַלעגער יתום. און איצט פאָרט ער אַהיים אַ גביר.

דריי טויזנט דאָלאַר וועט ער איבערלאָזן אין שטעטל און אפשר נאָך מער. אַזוי האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט. ער וועט געבן אויך געלט צו באַזונדערע אָרימע לייט; איבערהויפּט צו די וואָס האָבן אים גענומען צו זיך, ווען ער איז געוואָרן אַ יתום; צו אַזעלכע, וואָס זיינען אין זיין צייט געווען נגידים און זיינען געווען חשוב. ווי ער האָט געהערט זיינען זיי אַלע שוין לאַנג פאַראָרימט געוואָרן. אסך פון זיי האָבן מסתמא דערוואַקסענע מיידלאַך, וואָס קענען צוליב זייער אָרימקייט ניט חתונה האָבן.

ביי דעם געדאַנג האָט ער זיך אַביסל פאַרשעמט לייבל.

וואָרים ער וואָלט גערן ניט וועלן, ס'זאָל הייסן, אַז ער איז גע־קומען מיט זיין געלט זיך נעמען אַזאַ מיידל פאַר אַ ווייב.

דעם איינדרוק וויל ער בשום אופן ניט מאַכן. נאָר וואָס,

ס׳וועט זיך פּונקט מאַכן עפּעס פּאַסיק׳ס און מ׳וועט אים וועלן; צו א מיידל וועט אים שטאַרק געפעלן ווערן. ער וואָלט איר באַ-האַנדלט מיט אַלע צערטליכקייטן אויף דער וועלט, ווען אויך ער זאָל איר געפעלן ווערן. קיין זאַך וואָלט אים ניט צו טייער גע-ווען פאַר איר.

חאַנטשע איז דאַך געשטאָרבן. און די לאַנדסלייט אין אַמע-ריקא ווייסן, אַז ער האָט חלילה ניט געוואָלט, אַז חאַנטשע זאָל שטאַרבן.

עס איז שוין אַריבער אַ יאָר נאָך איר טויט. ער האָט זיך גע-וואָלט צושטרייען; זיך פאַרבענקט נאָך זיין היים-שטעטל, וואו זיינע עלטערן ליגן, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע יאָרן אַלם יתום.

— נו, האָט זיך געמאַכט אַ שידוך. איז וואָס ?

איי אַזאַ יונגע מיידל ? ער לייבל, וואָס האָט שוין קינדער אין איר עלטער ? איז עס דאָך דערפאַר אַ היימיש קינד ניט די אַמע-ריקאַנער, לייכטזיניגע מיידלאַך. און ווי ער וואָלט שוין געווען זיכער, אַז ער וועט פאַר אַזאַ מיידל חתונה האָבן, האָט ער זיך אין געדאַנק געוואָלט אויסמאָלן איר אויסזען, איר באַשיידנקייט און דער עיקערשט, ווי אַזוי זי וועט זיך פאַרהאַלטן צו אים. אָבער דאָ האָבן זיך זיינע געדאַנקן אָפּגעשטעלט.

דערווייל האָט זיך גענומען זעצן די זון און צוזאַמען מיט דעם זון זעצן זיך האָט אויך גענומען בלאָזן אַ קיל ווינטל און אַן אומעט פון פאַרלאָזנקייט האָט זיך גענומען שפּרייטן אין דעם גאַנצן אַרום פון הימעל און וואַסער. דער עולם האָט געקראָגן אַ באַגער אַריין צו גען אין די ליכטיקע זאַלן פון שיף.

דער זאַל פון צווייטן קלאַס, וואו לואי פינק האָט באַלאַנגט, איז שוין געווען העל באַלויכטן. באַלד האָט אויך דער שיף-אָר-

קעסטער גענומען שפּילן. צו ערשט אַ קלאַסישע אָווערשטורע. דערנאָך אַ טאַנץ און — דער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן. די ערנסטע טראַכטונגען איבער וועלט און לעבן, וואָס מען האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געטראַכט דרויסן אויפ׳ן דעק צווישן הימל און וואַסער זייען ווי דורך אַ כישוף פאַרשוואונדן. די לוסט צום לעבן האָט ווידער אַלעמען אַרום געכאַפּט. ס׳האָבן זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן אינגערע מיט אינגערע; אינגערע פרויען מיט עלטערע, נעטע קאַוואַלירן; פונקט אַזוי אינגערע מענער מיט עלטערע פרויען, וואָס זייערע אויגן האָבן נאָך רייצנד געשמייכלט און עדות געזאָגט, אַז זיי ווילן דוקא נאָך מיטהאַלטן מיט דער יוגנט. און אין טאַנץ, וואָס איז געוואָרן אַלס לעבעדיקער, שטורמישער, האָבן זיך אין די אויגן ביי די טאַנצנדיקע פייערליך גענומען צינדן; די לייבער זיינען געוואָרן אַלץ וואַרעמער, ליידנשאַפטליכער און זיך גענומען טוליען אַלץ נאָענטער לייב צו לייב. יעדע זאָרג פאַרגעסן, יעדע צאַם פון געזעלשאַפטליכער מאָראַל איז לויז געוואָרן: רייך אָרים, יונג אַלט — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט, אין פון אַלע און אַלץ אַרום האָט זיך געטראָגן אַ גליענדיקע צעשטראַלקייט.

לואי פינק, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקענט טאַנצן, אפילו זעלטן געזען אַזוי טאַנצן איז געשטאַנען ווי אַ זייטיקער זיך צו געקוקט און זיך גע׳חידוש׳ט. אַלץ איז אים געווען אַזוי ניי. עס האָט אים אויסגעקוקט, ווי ער הויבט ערשט איצט אָן זען די וועלט, מענטשן און זייער לעבן, וואָס איז אים ביז איצט פרעמד געווען. ער האָט איצט ערשט ווי דערפילט, אַז זיין לעבן און זיינע פאַרלאַנגען זיינען באַשרענקטע. עס וואָרצלט נאָך אין אים דאָס לעבן פון קליינעם שטעטל, פון דעם בידנעם יתום, וואָס וויל זיך אויספיינען.

ער האָט פאַרגינגן זיך צו צו קוקן צום לעבן, צום טאַנצן אַ-

בער ער שרעקט זיך דערפאַר. דערפאַר ציט עס אים דוקא קיין פּוילן צו זיין היים-שטעטל.

אַז עס וועט אים זיין באַשערט חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל פון דאָרט, ווי ער שטעלט זיך איר פאָר, וועט זי זיך ניט רייסן צו אַ לייכטזיניקן לעבן, ווי עס רייסן די אַמעריקאַנער מיידלעך, פאַר וועלכע ער, דער געזעצטער לייבל, האָט מורא. אַ סימן האָט ער דאָך, אַז ס'רוב אידישע פרויען, וואָס זיינען געקומען מיט זייערע מענער פון זיין שטעטל זיינען פאַרבליבן ווי זיי זיינען געווען, אפילו ווען זייערע מענער, ווען זיי האָבן געהאָלפן רייך ווערן, זיינען געוואָרן לעבע יונגען און צולאָזענע.

ער וועט טאַקע, אויב יאָ חתונה האָבן, מיט אַזאַ שטילע, באַ-שיידענע מיידל פון זיין היים שטעטל.

ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ קער געטאָן צו אַ שכן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים שוין אַ מידער פון טאַנצן:

— ווען אַ שטייגער דענקט ער וועט די שיף אָנקומען קיין אַנטווערפּן?

— היינט איז דינסטיק, ניט פריער ווי פרייטיק פרי — האָט יענער געענטפערט.

— נאָך דריי טעג הייסט עס? האָט זיך לייבל גע'חידוש'ט ווי דריי טעג צייט וואָלטט אים אויסגעקוקט זער לאַנג.

— אַנטשולדיקט מיין הער: אייך איז ניט אינטערעסאַנט די רייזע אויפ'ן ים אין אַזעלכע שענע טעג?—האָט גאַנץ אומגעריכט פאַר אים ביי אים אַפרעג געטאָן אַ שענע, יונגע, עלעגאַנטע דאַ-מע, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים פון אַנדערן זייט.

— חלילה — האָט זיך לייבל פאַרשעמט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל ניט לעזן פון זיין פּנים אַראָפּ, וואָס ער טראַכט און די געפילן, וואָס באַהערשן אים.

— לויט אייער פראַגע פריער האָט עס מיר אַזוי אויסגעקוקט. אויב איך האָב געהאַט אַ טעות, אַנטשולדיקט מיין הער.

— ניין, חלילה — האָט לייבל געגומען שטאַמלען און זיך באַ-גאַסן מיט רויטקייט, מיט אומבאַהאָלפנקייט. ווארים ס'ערשטע מאָל, דאַכט זיך אים, זעט ער אַזאַ פיינע, שיינע און אַריסטאָקראַ-טישע דאַמע, וואָס רעט צו אים מיט אַזאַ פיינער איידעלער שפּראַך. ער האָט מורא געהאַט איר צו ענטפערן. זעענדיק זיין פאַרלעגנהייט האָט זי מער צוגעלאָזן ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— איר טאַנצט גאָר ניט מיין הער?

לייבל איז ווידער געבליבן שטיין אַ פאַרויטלטער און אַביסל אַ צומישטער, און ניט געקענט באַלד ענטפערן. ווארים ער האָט געפילט אָדער עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט די פראַגע איז אַן אָפענע אָנצוהערעניש אָדער אַ פאַרוואורף פון אָט דער שענער, איידעלער, אומבאַקאַנטער דאַמע, פאַרוואָס ער פרעגט איר ניט צו טאַנצן מיט אים.

— ליידער, איך קען ניט טאַנצן — האָט ער קוים אַרויסגע-שטאַמלט.

זי האָט געוואָרפן אַ פלינקן בליק אויף זיין רייכער, אפשר אַרויפגעאַרבייטן געשעפטסמאַן און ווי זי וואָלט זיך שטאַרק וואונדערן: ווי קומט עס?

נאָר געזאָגט האָט זי אַזוי: — נו, אויב ניט טאַנצן און אויב איך איז אנגענעם קענען מיר זיך גלאַט צוזעצן, זיך באַקענען און אַ ביסל שמועסן — האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן צו אים אין אַ פיינעם ענגליש און אַזוי איידל צוריקגעהאַלטן און צוגלייך פאַר-פירעריש אָנציענד געשמייכלט צו אים. פון וואָס דער פשוט'ער און פראָסטער לייבל האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט ווי ער

דאַרף זיך האַלטן און איבערהויפּט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— מיין נאָמען איז, מייערס — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. דערנאָך אַזוי איידל שטיל און באַזאַכט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר. זי האָט דערביי געקוקט אויף אים מיט איר איידל צוריקגעהאַלטענעם און פאַרפירעריש אָנציִענדן בליק. האָט ער זיך אויך פאָרגעשטעלט: — מיין נאָמען איז: לואי פינק. — און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן איר, כאָטש ער האָט עס גערן ניט געוואָלט.

ווארים ער האָט זיך געשעמט צו זיצן לעבן איר; ער האָט זיך געשעמט פאַר איר פיינער שפּראַך, וואָס ער קען ניט; ער האָט זיך געשעמט פאַר אירע איידעלע מאַניערן, פאַר איר אַריסטאָקראַטישער האַלטונג, וואָס ער ווייס ניט דערפון; ער איז בכלל אין זיין גאַנץ לעבן, אפילו שוין אַלס רייכער געשעפטסמאַן נאָך קיינמאָל ניט געזעסן אַזוי נאָענט, פּנים אל פּנים מיט אַזאַ אומבעקאַנטער, וועלטליכער און געבילדעטער דאַמע. ער האָט זיך געפילט צעשראָקן, אומבאהאָלפן און דערהויבן צו דערזעלבער צייט.

זי האָט באַמערקט זיין אומבאַהאָלפנקייט, דערקענט אין אים, דעם פּראָסטן, באַלעבאַטישן ניט איבערשפּיצטן פּראָווינץ-מענטש, וואָס פאַרלירט זיך, ווען ער געפינט זיך ניט אין זיין סביבה.

— איר פאָרט מסתמא וועגן געשעפט אין איראָפּאַ? — האָט זי מיט דעם ליבליכסטן שמייכל ביי אים אַ פרעג געטאָן.

— ניין, ניט דאָס מאָל — האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט די ערשטע ווערטער און ניט געוואוסט וואָס און זיך געשראָקן מער צו רעדן צו איר.

האָט זי ניט אַוועקגענומען איר ליבליך שמייכלדיקן, פאַרפירעריש-אָנציִענדן בליק פון אים, ווי זי וואָלט אים דייטליך זאָגן: זי האָט אים געפרעגט. — מער פּאַסט ניט פאַר איר, — ניט פאַר

איר שטאַנד און ניט פֿאַר איר כבוד. ס׳הייסט אַז ער וויל קען ער איר זאָגן צו וואָס ער פֿאָרט אין איראָפּע און אַז ניט — האָט זי אַלץ געקוקט אַרויספֿאָדערנדיק אים מיט איר גלעטנדיקן שמייכע־לע. אויף לייבל׳ן האָבן שיער ניט אַנגעטן אַרויסגעשלאָגן. עס וועט ניט זיין פֿיין פֿון אים איר ניט צו ענטפֿערן אויף איר פֿראַגע. ווארים ער קען באַמערקן, אַז זי וואָלט געוועזן פֿאַראינטערעסירט צו וויסן. נאָר וואָס, פֿאַר אַזאַ פֿיינער דאַמע ווי זי איז, פּאַסט איר ניט צו פֿרעגן נאָכאַמאָל.

— כ׳פֿאָר אַזוי פֿאַר אַ לוסט רייזע — האָט לייבל אָנגעהויבן.

און ווי מורא האָבנדיק, אַז עס איז ניט גענוג געזאָגט האָט ער צו געלייגט:

— איך וויל זיך מיט דער רייזע צעשטרייען, באַרואיקן.

— אמת; ווען אַ מענש האָט גרויסע פֿאַראַנטוואָרטליכקייטן פֿאַר זיינע געשעפֿטן מאַטערט עס אויס און צורודערט צו שטאַרק די נערוון. —

האָט זי אַרויסגערעט יעדעס וואָרט איידל און איינגעהאַלטן, און צוגלייך ווידער גענומען קוקן אויף אים מיט אַזאַ אייגנאַר־טיקן, אָנציענדן שמייכעלע, אַז לייבל איז אַזש גערירט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן עס פֿילן אויף זיין געוויסן, אַז ער זאָל איר ניט זאָגן דעם אמת, אַז ניט די געשעפֿטן זיינען עס, וואָס האָבן אויף אים אַזוי געווירקט:

— מיין פֿרוי איז מיר געשטאָרבן — האָט ער די ווערטער אַרויסגעזאָגט טרויריק און ווייך, ווי מיט אַ רחמנות צו זיך און און מיט דער זיכערקייט אַז מיט אַזעלכע ווערטער דאַרף ער ניט זיין אויסקלייבעריש.

— מיין גאָד! — האָט זיך די דאַמע אַ כאַפּגעטאָן, ווי זי וואָלט דערפֿילט זיין צער, זיך אַזש אַ בויג געטאָן אויף צוריק, ווי די עטליכע ווערטער זיינע וואָלטן איר שטאַרק געטראָפֿן און איר

פּנים איז געוואָרן ערנסט.

לייבל איז ווידער שטאַרק גערירט געוואָרן. ער האָט זיך שיער ניט צו וויינט פון דער איידלקייט פון דער דאַמע.

ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק צו איר מיט וואַרעמער דאַנקבאַרקייט.

— שוין לאַנג ווי דאָס אומגליק האָט געטראָפן? — האָט זי ווי מיט טיפן מיטגעפיל ביי אים געפרעגט און ווידער, כאָטש שוין ניטשמייכלנדיק ווי פריער, אים שטאַרק געקוקט אין די אויגן אריין.

— געוואָרן שוין אַ יאָר — האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ און ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ווי אַזוי פּאַסט זיך עס און נאָך מער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן איר בליק.

— מיין ליבער הער פינק — האָט זי מיט אַמאָל נאָענט, איידל און באַזאַכט אַרויפגעלייגט איר שמאָל, ווייס און אויסגעצערטלט הענטל אויף זיין ברייטער פון אַרבייט שווערער האַנט, אַז לייבלן איז אַזש עפּעס אַזאַ דין זיסעס, וואָס קען אַ מענשן צענעמען, אַ גיי געגעבן דורך זיין לייב.

— דאָס אומגליק איז דאָך שוין געשען. איך קען פילן אייער צער.

אָבער וועלכער מענש איז אויף דער זינדיקער וועלט אויס-געהיטן פון אַן אומגליק? דערפאַר ליבער פריינט, טרייסט זיך און באַרואיקט זיך.

אַזוי איז שוין דעם מענשנס גורל — האָט זי פאַרענדיקט, אַ לייכטן זיפץ געטאָן און כסדר געקוקט אויף אים ווי אַי, זי פילט אים מיט און אי ער זאָל זיך לאָזן טרייסטן.

לייבל האָט געפילט אַז כאָטש די דאַמע איז אים אַ פרעמדע איז זי אים נאָענט. ער האָט איצט געפילט, אַז ער וואָלט אַלץ אין

דער וועלט געקענט טאָן פאַר איר. וואָרים אַזאַ פיינע, געלערנטע און איידעלע פרוי האָט ער נאָך אויף זיין גאַנץ לעבן ניט געזען.

איז ער געזעסן, לייבל, אַנטקעגן איר מיט גרויס דרך ארץ און מיט אַ גרייטקייט עפּעס צו קענען טאָן פאַר איר. עס וואָלט געווען אַ זכיה און אַ פרייד פאַר אים.

הער פינק. מעג איך אייך פרעגן וואו אַהין איר פאָרט?

לייבל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער דאַמע ווי מיט געבעט און ניט געקענט ענטפערן. ער האָט זיך געשעמט איר צו זאָגן, אַז ער פאָרט קיין פוילן; ער האָט זיך געשראָקן, זי זאָל ניט כאַפּן זיך צו וואָס ער פאָרט קיין פוילן. איז ער געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט.

אָבער די דאַמע האָט עס פאַרכאַפּט פריער:

— נו, אַנטשולדיקט. איך וועל אייך ניט מער שטעלן אַזעלכע פראַגן.

— הער פינק, ס'איז מיר זער אַנגענעם אייער באַקאַנטשאַפט. אויב אייך איז אויך אַנגענעם קענען מיר זיך האַלטן צוזאַמען ביז אונזערע וועגן וועלן אונז שיידן. —

— אודאי! אודאי! ס'וועט מיר זיין זער אַנגענעם — האָט לייבל אַזש זיך געשמאַלצן פון צופרידנקייט.

פון דער מינוט אָן איז זי געווען לעבן אים. זיי האָבן שפּאַצירט צוזאַמען אויפ'ן דעק, געזעסן צוזאַמען און געגעסן ביים טיש צוזאַמען. זי האָט זיך אַלץ פאַרהאַלטן צו אים איידל, אַריםטאָקראַטיש, צוריקגעהאַלטן אָבער אויך שוין צוגעלאָזן ווי אַ נאָענטער פריינט.

לייבל, כאָטש שוין אַביסל פרייער האָט אָבער נאָך אַלץ געפילט צו איר גרויס דרך ארץ און נאָך עפּעס, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי עס אַנצורופן. און — ער האָט געפילט, אַז ער

וועט איר אויפ'ן גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן.

לייבל האָט אַזוי גערן געוואָלט עפּעס טאָן פאַר איר, זיך אויסצייכנען פאַר איר און ניט געוואוסט מיט וואָס. האָט ער צו יעדער מאָלצייט באַשטעלט אַ גוט פלעשל וויין און קוים גע־פועל'ט ביי איר זי זאָל טרינקען.

זי האָט אים דערצעלט, אַז זי קומט פון אַ רייכער, יחוס'די־קער פראַנצויזישער משפּחה. די מוטער אירע איז שוין טויט צען יאָר. איז זי שוין פאַר דער צייט צוויי מאָל מיט איר מאַן צוזאַ־מען געווען אין פראַנקרייך, וואו זי האָט נאָך אַ באַבע, די מו־טער'ס מוטער אין אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון פּאַריז. זי האָט נאָך איינמאָל געוואָלט זען די באָבע וואָס איז שוין אַרום נײַנציק יאָר אַלט איידער זי שטאַרבט. גיין אָבער איר מאַנס געשעפטן לעצטנס שלעכט. דער קאָפּ איז אים פאַרדרייט. האָט ער איר געבעטן זי זאָל דאָס מאָל, אויב זי וויל דוקא נאָך זען די באָבע אַליין פאָרן.

דאָס האָט ווידער אויף לייבלען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אָט דאָס איז אַן איידעלער אַריסטאָקראַטישער מענש. זיך אַזוי אָנצושטרענגען אַ פרוי איינע אַליין צו פאָרן זען אַ נײַנציק יע־ריקע באָבע איידער זי שטאַרבט, אַזש פון אַמעריקא קיין פּאַריז.

פרייטיק אין דער פרי האָט די שיף געלאַנדעט אין אַנט־ווערפּן.

זיי האָבן זיך באַלד געדאַרפט שיידן. האָט לואי ביי איר גע־פרעגט, — צו וואָלט זי געוואָלט נעמען ביי אים אַ מתנה צום אָנ־דענק.

— אה', זי דאַנקט אים זער און זער פאַר אַזאַ פרײַנטליכקייט. אָבער זי וואָלט נאָך וועלן מיט אים זיין אפילו שטונדן כאָטש איידער זיי שיידן זיך. אויב ער וויל קענען זיי נאָך אין אַנטווערפּן אַריינגיין עפּעס עסן און פאַרברענגען אַביסל.

זי איז שוין דאָ באַקאַנט פון פריער און זי ווייס פון אַ זער פיין פלאַץ צום עסן. זי האָט נאָך בלויז בײַ אים, געפרעגט, ווי אים אַרויסצוהעלפן: צו האָט ער בלויז אַמעריקאַניש געלט, צו האָט ער אויך שוין איינגעטוישט געלט פון דעם לאַנד דאָ.

— ניין, — האָט לייבל געענטפערט. ער האָט טרעוולינג טשעקס.

ער האָט אַביסל אַמעריקאַנער געלט מיט זיך צוויי צו דריי הונדערט דאָלער. און אַנעם אַרויסגעגעבן פון טאַש ס׳געלט צו זען ווי פיל ער האָט.

זי האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַזאַ פיינעם רעסטאָראַנט. זי האָט אויך געקענט די שפּראַך פון דעם לאַנד. האָט זי באַשטעלט עסן און וויין. זיי האָבן געגעסן און דער עיקרשט געטרונקען צו־ליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט און געטרונקען צוליב דעם וואָס זיי וועלן זיך באַלד שיידן. ער האָט זיך פון דעם וויין דער־וואַרעמט לייבל. דער וויין איז אַריין אים אין די בלוטן, אין קאָפּ אַז די צונג איז אַזש בײַ אים לויז געוואָרן. ער האָט זיך גאָר ניט געשעמט צו רעדן איצט. מיט יעדער מינוט איז אים וואַרעמער און פריילאַכער געוואָרן. די אויגן בײַ אים האָבן גענומען שפּיגלען, זען אַלץ טאָפּלט. אַזאַ גוטסקייט צו אַלץ, און צו דער דאַמע לעבן אים האָט אים אַרומגענומען.

ער האָט זיך ניט מער געשעמט פאַר איר. ער האָט איר אַ־רומגעכאַפּט קושן, — קושן איר צום אָפּשייד און צום אָנדענק וואָס זיי האָבן זיך באַקענט. און ער איז געווען איבעראַשט. לייבל, ווי זי טוליעט זיך צו אים. ס׳איז אַזוי זים און אַזוי הייס אַזש די אויגן האָבן זיך בײַ אים פאַרמאַכט... דער קאָפּ איז אים געוואָרן אַזוי שווער. אַ שווערע זיסע מידקייט האָט אים באַ־הערשט...

ווי אין אַ נעפּל, צו ווי אין אַ שווערן חלום האָט ער געזען צו

געפילט אַז זי שטעלט זיך אויף שוועבט אַוועק, — ער זעט זי ניט מער ...

ווי לאַנג ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן ווייס ער ניט. נאָר ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, געעפנט די אויגן, האָט ער זיך איינער אַליין געפונען אויף אַ קאַנאַפּע אין אַ פרעמד צימער, און דערווייל ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען.

אָבער באַלד איז אַריינגעקומען דער אייגנטימער פון רעסטאָראַנט.

ער האָט גענומען רעדן צו לייבלען אין אַ געבראָכן דייטש, ווייל האָלענדיש אָדער פראַנצויזיש האָט לייבל ניט פאַרשטאַנען.

ער האָט אים גענומען דערקלערן אַז ער איז אַ שיכור׳ער געפאַלן פון זיין פריער. דאָס איז אַ הינטער צימער פון רעסטאָראַנט, וואו זיי האָבן אים געמוזט אַוועקלייגן.

— און ווער איז געווען די דאַמע, וואָס איז געווען מיט אייך? —

האָבן זיי געקוקט אויף אים מיט חשד און מיטגעפיל.

— זי האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף טעלעגראַפירן אימיצן און זיך געפרעגט אויף דעם נאָענסטן קייבל-גראַם-פּלאַץ. אָבער זי איז ניט מער צוריקגעקומען.

לייבל האָט קוים פאַרשטאַנען אַ וואָרט וואָס מען רעט צו אים.

נאָר מיט זיין פּראַקטישן חוש האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטעהן, אַז ער האָט זיך געלאָזן פאַרפירן פון אַ שווינדלערקע. ווארים ער האָט גלייך זיך אַ טאַפּ געטאָן אין טאַש און געפונען אַז צוזאַמען מיט איר זיינען פאַרשוואונדן די עטליכע הונדערט דאָלער.

ס׳איז אים געווען שטאַרק ביטער אין מויל פון דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן שיכור זיין. און עס איז אים אין דער מינוט

גלאַט געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, פון דעם וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט, און ס'האָט געקענט נאָך ערגער זיין.

ער האָט איצט אַלץ באַגריפן ווארים ער איז שוין געווען אין גאַנצן אויסגעניכטערט. עס האָט אים שטאַרק געקרענקט, כאָטש ער האָט ווי אַ פּראַקטישער געשעפטסמענש אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט דאַרויף, ווי איבער אַ ניט געלונגענער ביזנעס. ער האָט דעם רעסטאָראַנט אייגנטימער דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען און אים געבעטן מיט אים גיין איינטוישן אַ טרעוולינג טשעק. יענער האָט מיט אים מיטגעפילט און אים באַהילפיק געווען אין דער פרעמדער שטאָט.

לייבל האָט אים באַצאָלט און אים געגעבן אַ פיינעם טיפּ פאַר זיין פריינדליכקייט. יענער האָט אים נאָך געוואָלט צופירן צו דער סטאַנציע פון באַן און אים העלפן קויפן אַ בילעט. אָבער לייבל האָט אים שטאַרק באַדאַנקט. דאָס וואָלט שוין פּשוט באַליידיקט אין אים דעם שטאָלץ פון אַ פּראַקטישן מענטשן, וואָס דאַרף זיך קענען פאַרלאָזן אויף זיך.

די פּאַסירונג האָט אים נאָך אַלץ שטאַרק פאַרדראָסן. ניט די געלט נאָר דאָס וואָס מען האָט אים געקענט אַזוי אָפּטאָן. אַ מאָן וואָלט דאָס ניט געקענט באַווייזן צו אים. ער האָט זיך בלויז געלאָזן פאַנגען פון דער איידלקייט פון אַ פרוי. ווי פיין און איידל זי האָט די גאַנצע צייט גערעדט און זיך פאַרהאַלטן צו אים — האָט לייבל אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן

— טפוי, זאָל עס ווערן! ער וועט האָבן רבי געלט.

און מיט דער זיכערקייט, אַז מער וועט דאָס ניט פּאַסירן מיט אים האָט ער גענומען אַ באַן-בילעט צו פאָרן ביז צו די פּוילישע גרענעץ, און פון דאָרט וועט ער שוין פאָרן צו זיין היים-שטעטל.

צווייטער קאַפּיטל

— לייבל יתום, חוה'טשעס די גענזנפּאַשערינס אײדים איז אַהער אַראָפּגעקומען פון אַמעריקא — האָט זיך די נייעס צע־טראָגן איבער'ן שטעטל.

— ער איז אַן אלמן. חאַנטשע זיין פרוי, איר געדענקט דאָך חוה'טשעס איינציקע טאָכטער, איז אים געשטאָרבן

— ער איז שטיין רייך — האָט מען גערעט דערפון אין יעדן הויז און צווישן קופּקעלעך אידן, וואָס האָבן זיך, ווי עפּעס אַ שטיקל אויפריכטעניש וואָלט זיך געשטעלט אין דער לופט, פאַר־קליבן אין גאַס.

— וואו געפינט ער זיך ?

— ער איז פאַרפאָרן דערווייל צו בערל משה'לעס. זיי זיינען דאָך נאָך געווען חברים בחור ווייז איידער לייבל איז געפאָרן קיין אַמעריקא.

— מ'זאָגט, אַז זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט איבערגעשריבן.

— פאַר די לעצטע יאָרן, האָט בערל אויף יעדן יום טוב דער־האַלטן אויך פינף דאָלאַר.

— נו, בערל וועט שוין איצט אָפּלעקן אַביינדל, אַז לייבל איז פאַרפאָרן צו אים אין הויז.

— כ'מאַך עפּעס אַ וועט.

— ער האָט דאָך אָבער נאָך משפחה דאָ אין שטאָט ?

— וועך ?, דו מיינסט אודאי רחל'ע די אלמנה ?

— טאַקע רחל'ע די אלמנה. פאַרוואָס איז ער ניט פאַרפאָרן צו איר ?

— ערשטנס זיינען זיי ווייטע קרובים. וואָרט לאָמיך נאָר דערמאַנען.

רחל'עס שטיפטאַטע און לייבלס באָבע עליה השלום זיינען

געווען שוועסטער און ברידער. ער האָט נאָך דאָ אַ שטיקל משפחה — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטערער איד, וואָס געדענקט אפילו אַלע פאַרשטאָרבענע פון שטעטל.

— אַניט געדענקט ער זיי גאָר —

— זיי וועלן זיך שוין צו אים געבן צו דערקענען.

— און איר מעגט זיכער זיין אידן, אַז די קרובים אפילו ווייטע, וועט ער שוין ניט אַוועקלאָזן מיט גאָרניט. — האָט אַ איד אָפּגעזיפצט אויף זיין דערשלאָגענעם מזל.

— נו, זיינען מיר ניט קיין קרובים אָדער פריינט ווי בערל משה'לעס, איז ער דאָך גלאַט אונזער. זיינע אבות אבותינו ליגן דאָך אויף אונזער בית החיים — האָט אַן אַנדער איד אויפגעמונטערט דעם עולם.

— מ'זאָגט אַז ער וועט איבערלאָזן פאַר די שטאָט אַ פיינע מטבע.

— ער וועט מסתמא קיינעם ניט אָפּזאָגן.

— דאַרפן מיר טאַקע גיין געבן אים שלום.

— ער איז דאָך ערשט נעכטן אָנגעקומען — האָט איינער פון די אידן צוריקגעהאַלטן.

— און איך האָב שוין געהערט, אַז מ'וועט קיינעם צו אים ניט צו לאָזן ביז זונטיק. שבת וועט ער קומען אין שוהל און וועט עסן ביים רב.

אָבער אידן, וואָס הונגער, אָרעמקייט און געפּאַלנקייט האָבן אַרויסגעשלאָגן פון זיי יעדע בושה, האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן.

בערל משה'לעס הויז איז באַלאַגערט געוואָרן.

אידן האָבן זיך געריסן.

— איך בין עוזר מלמד'ס טאָכטער. דער הער האָט דאָך גע-

לערנט ביי מיין טאַטן עליו השלום — האָט זיך די ערשטע גע-
ריסן מיט אַ קוויטשעדיק קול אַ דאַרע, אויסגעצערטע און שוואַרץ
ווי די ערד אידענע אין טראַנטעס שטאַטס קליידער און אין אַ
פּאָר צעריסענע, מענערשע שיך.

— ביי אונז אין הויז איז דער הער געווען עטלעכע וואָכן,
ווען די עלטערן זיינען אים געשטאָרבן. ער וועט מיך געדענקן.

— אידן לאָזט מיך ! אידן כ'האָב ניט קיין שטיקל ברויט
פאַר מיין ווייב און קינדער! — האָט געשריגן אַ איד אַ מגושמדי-
קער, ביי וועמען די ליפּן זיינען געווען שטאַרק פאַרטריקנט און
ס'האָבן ביי אים געהאָנגען טאָפּלדיקע שטיקער הויט, ווי פאַר-
טרוקנטע, איינגעשישקעטע לונגען.

— און איך בין אַזאַ מורינו ווי דו — האָט אים געפּרואווט
איבערשרייען און אַוועקשטופּן אַן אַנדער איד, ביי וועמען עס זיי-
נען נאָך קאָנטיק פאַרבליבן כחות פון יונגע יאָרן און בירושה פון
אַ געזונטער משפּחה פון דורות.

— ביי אונז איז דער הער ס'ערשטע מאָל געווען אין די
לער — האָט געשריגן אַ אידינע, אַן אויפגעשוואָלענע מיט אַראָפּ-
הענגנדיקע טאָרבעס פון די באַקן, פון אונטער דעם האַלז מיט די-
קע אָנגעשוואָלענע בלויע אָדערן מיט אויפגעשוואָלענע באָרוועס-
סע פיס און אַ פּאָר צעריסענע שטעק שיך. און אַז זי האָט גע-
שריגן איז דאָס פנים, דער האַלז און אַלץ אין איר געוואָרן רויט
און בלוי און מער אויפגעשוואָלן, אַז אַן אימה האָט אַרומגעכאַפּט.

די געשרייען און דאָס שטופעניש איז געוואָרן אַלץ שטאַר-
קער און געדיכטער. אין מיטן פון אָט דעם שרייען, געדרענג און
שטופעניש איז געשטאַנען אַ איד מיט אַן איידל, בלאַס און אויס-
געמאָרעטן פנים אין שטאַרק אָפּגעטראָגענע און פון דער זון אָפּ-
געשאָסענע דאָך זויבערע קליידער. קאָנטיק אַ יורד, וואָס האָט
נאָך דערהאַלטן אין זיך אַביסל חשובות און בושה.

ער האָט זיך ניט געשטופּט; ער איז געוואָרן געשטופּט, שי־ער ניט צעטראָגן און צעטראָטן געוואָרן: — אידן, אידן! האָט ער זיך געבעטן שטיל.

— אידן, אידן — ווי ער וואָלט זיך וועלן אויס׳טענה׳ן, אַז וואָס איז אַזוינס דאָס שטופּעניש, דאָס שרייען און ליאַרמען: ס׳איז דאָך פּשוט אַ חרפּה — אָבער קיינער האָט אים ניט גע־הערט און ניט באַמערקט. ער האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אַ־רויסגעראַטעוועט פון דעם געדרענג: אַ דערנידריקטער האָט ער זיך געשטעלט אין אַ זייט, זיך געכאַפּט פאַר די זייטן, וואָס האָבן אים שטאַרק וויי געטאָן פון די שטורכעס און בוכצעס וואָס ער האָט געקראָגן.

אַז עס האָט געהאַלטן מען זאָל טאַקע שטורמען דאָס הייזקע־לע, עס צעטראָגן אויף שטיקער, אַז מען וועט ניט עפענען די טיר. האָט זיך מיט אַמאָל דורך דער פאַרשפאַרטער טיר, באַוויזן בערל משה׳לעס, אַ צעיאָכמעטער, מיט אַן אַרויפגעשאַרצט היטל מיט צעשפּרייטע הענט און הינטער אים דער אַמעריקאַנער גאַסט.

— אידן, זאָל זיין שטיל! — האָט בערל משה׳לעס אַ געשריי געטאָן.

אָבער זיין געשריי ס׳זאָל ווערן שטיל, מען זאָל זיך באַרואיקן איז שוין געווען איבעריק. ווי נאָר מען האָט דערזען דעם אַמערי־קאַנער אין זיין רייכן אָנטועכץ, זיין רייכן אויסזען, איז אַלץ שטיל און פאַרגליווערט געוואָרן.

— דאָס זאָל זיין לייבל יתום? ! — האָבן אידן און אידענעס דערפילט אַ יראת הכבוד, אַ דרך ארץ. ביי קיינעם האָט זיך ניט גערירט די צונג צו אויסרעדן אַ וואָרט מער. מען האָט בלויז אויסגעלופּעט די אויגן צו אים מיט חידוש און יעדער האָט גע־וואונשן, אַז דער אַמעריקאַנער גאַסט זאָל אים אָדער איר דעם

ערשטן דערקענען.

— אידן, דער הער פינק וויל רעדן צו אייך. זאָל זיין שטיל ! —

האָט בערל משה'לעס ווי אַ פליגל-אַטיודאַנט מיט גרוים וואַזשנעקייט אויסגערופן.

דער געדיכטער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, עפּעס געשושקעט צווישן זיך און איז ווידער ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— ליבע פריינט, — לאַנדסלייט ... — האָט לייבל אָנגעהויבן און איז שטיל געבליבן. זינט ער איז מיט צוויי טעג צוריק אָנגעקומען האָט ער, לייבל, געמאַטערט זיין מח עפּעס צו רעדן צו די אידן דאָ, אַלס אַזאַ גאַסט, אַזאַ געהויבענער גאַסט. און ער האָט גערן געוואָלט רעדן; זער גערן.

וואָרים דאָס וואָלט אים געגעבן אַ גרוים אָנזען: ער איז געקומען פון אַמעריקאַ, ער איז אַזוי רייך און דאָ אין דעם שטעטל איז מען מסתמא זיכער, אַז ער האָט געענדיקט אוניווערזיטעטן.

האָט ער זיך שטונדן לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ צוזאַמענגעשטעלט ווערטער, געדאַנקן, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל ווידער פאַרפּלאָנטערט ביי אים.

וואָרים אין אַלע זיינע יאָרן האָט ער צו קיינעם ניט גערעט מער ווי פון זיין אַרבייט און שפּעטער וועגן געשעפטן: פאַר אַן עולם אודאי ניט. נאָר היינט פרי האָט ער יאָ שוין געהאַט אויסגעאַרבייט עפּעס צו זאָגן. ער האָט עס טאַקע געהאַלטן אין געדאַנק און גע'חזר'ט עס דעם גאַנצן פרי מאָרגן. נאָר איצט, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די ערשטע צוויי ווערטער, איז אַלץ אַנדערע, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויסגעטראַכט צו זאָגן, פאַרשוואונדן פון זיין זיכרון. ער געדענקט ניט מער אַ וואָרט אפילו.

אָבער דער עולם דערשלאָגענע אידן, וואָס האָט ווי פאַרגלי-

ווערט און מיט גרויס דרך ארץ געקוקט אויף אים, האָט רק אין זיין אָפּשטעלן זיך נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער ערשט איינגעזען, ווי מען קען אויספיינען זיך אין די גרויסע וועלט, איבערהויפּט ווען מען איז רייך. נאָך יעדן וואָרט רוט מען זיך אָפּ. ניט מען רעט און ניט מען קאָכט זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין. און דער יראת הכבוד איז געוואַקסן.

אָבער אַזוי בלייבן שטיין, ניט רעדן מער האָט ער, לייבל, ניט געוואָלט. האָט ער זיך אָנגענומען מיט כח, זיך אויסגעגלייכט און ווידער אָנגעהויבן:

— ס'זענצט דאָך לאַנדסלייט, אייגענע. כ'ווייס דאָך ס'זענץ אייגענע.

אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך דאָך געקענט; כ'זע דאָך ס'זענץ אָרים. כ'בין דאָך דאָ געבוירן געוואָרן. כ'על געבן געלט פאַר די שטאָט. כ'על געבן צו יעדן וואָס וועט זיך נויטיקן; איבערהויפּט צו אַזעלכע, וואָס איך געדענק זיי . . . —

האָט לייבל פאַרענדיקט אַ צופרידענער, ווי עס וואָלט אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ס'האָט זיך אים פאָרט איינגעגעבן צו זאָגן עפּעס.

פאַר אַ ווייל איז נאָך דער עולם געווען ווי אונטער אַ היפּנאָז פון דרך ארץ. אָבער באַלד האָט מען זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט.

און ווי יעדער וואָלט געוואָלט זיין דער ערשטער, אַז דער צווייטער זאָל אים ניט אויסכאַפּן איז ווידער געוואָרן אַ פאַרצווייפלט זיך שטופּן און שרייען:

— איך בין דעם בלינדן לייבלס זון !

— איך בין מאיר גענעס זון; דער הער איז דאָך געווען ביי אונז אין הויז, ווען דער הער איז נאָך געווען אַ אינגל.

— איך בין עוזר מלמד'ס טאָכטער, בין איך, כ'בין —

— איך הייס ראבן; מיין טאַטע איז געווען הענעך יאַדעס'ס — האָט דער אידענע אַריבערגעשריגן אַ הויכער שמאָלער איד, ווי אַ לילוב מיט אַ קווינטשעדיקע שטימע.

— ביי אונז איז דאָך דער הער געווען אין די לער; מיין טאַטע האָט געהייסן אבראהם'ל מייסטער — האָט זיך געריסן און געשריגן די אויפגעשוואָלענע אידענע און איז געוואָרן רויט און בלוי ווי אַ מילץ. ווייל ס'האָט איצט ניט געשריגן און זיך געשטופּט זי אַליין נאָר אסך, אַלע מיט אַמאָל האָבן געשריגן, געריסן זיך די העלזער, געוואָלט אַריבער שרייען און זיך דערשטופּן.

מען האָט שוין קיין וואָרט ניט געקענט הערן מער, אַזוי גרויס איז געווען דער טומל.

לייבעלן איז עפּעס געוואָרן זער קאַלמוטנע אויף דער נשמה. די גאַנצע צופרידנקייט פון זיין פריערדיק רעדן האָט זיך אים געשטעלט ווי אַ ביין אין האַלז. די גאַנצע סצענע דאָ איז אים געוואָרן פיינליך, ווי ער וואָלט זיך שעמען פאַר זיך אַליין.

ער איז ווידער פאַרשוואונדן אין הויז אַריין.

בערל משה'לעס האָט גענומען שרייען מ'זאָל ווערן שטיל, ער האָט עפּעס צו זאָגן, — עפּעס זאָגן, וואָס אַלע דאַרפן הערן. —

האָבן זיך אַזש בלויע, אויפגעשוואָלענע אָדערן געשטעלט ביי אים אין האַלז פון שרייען. דער עולם, וואָס איז געוואָרן שטאַרק נייגעריק און מורא האָבנדיק ער זאָל ניט עפּעס פאַרלירן האָט זיך ענדליך איינגעשטילט.

— דער הער פינק איז שטאַרק גערירט. דער הער פינק האָט מיך אָבער געבעטן, כ'זאָל אייך זאָגן, אַז אין אַזאַ טומל קען ער גאָר ניט טאָן.

זאָל יעדער אַהיים גיין און אָנשרייבן אויף אַ צעטעלע זיין

נאָמען און זיין פֿאָטער׳ס נאָמען און אַהערקומען דערמיט.

יעדער איינער וועט באַזונדער אַריינגעלאָזן ווערן און קיינער וועט ניט אַהיימגיין מיט גאָר ניט.

— אידן אַזוי און ניט אַנדערש וועט עס זיין.

— און יעצט גייטץ אַהיים.

מען האָט זיך נאָך אַווײלע געטומלט, זיך איבערגעקוקט איינס צו ס׳אַנדערע און דערנאָך געקוקט אויף בערל משה׳לעס: צו זאָל מען יאָ גלויבן אים צו ניט. און מען איז זיך צעגאַנגען.

* * *

שבת אין דער פרי צום דאַווענען איז די אַלטע שוין שטאַרק אָפּגעקראָכענע און צעלעכרטע שול געווע איבערגעפּאַקט מיט אידן. וואָרים מען האָט שוין אין שטאָט געוואוסט אַז דער אַמע־ריקאַנער גאַסט האָט מנדר געווען גענוג בראַנפן מיט לעקעך, אַ־פילו ווען די גאַנצע שטאָט אידן וועלן קומען.

ער וויל אַזוי אַרום טרינקן לחיים מיט אַלעמען.

אויך די ווייבערשע שול איז געווען איבערגעפּאַקט אויס נײַ־געריגקייטט אַראָפּ צו קוקן אויפ׳ן גאַסט.

ערשט אַז מען האָט דעם גאַסט גערופן צו אַן עליה, וואו ער איז אַרויף אויפ׳ן באַלעמער האָבן אים אַלע, סאַי די מענער, סאַי די פרויען געקענט זען. אַלע האָבן געריסן די קעפּ, זיך געשטופּט כאָטש קיינער האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. ווען דער גבאי, וואָס האָט געמאַכט „מי שברך״ פאַר זיינע פאַרשטאָרבענע פאָטער און מוטער און זיך צו אים צו געבויגן: — שנדב? — האָט זיך דער גבאי, ווי אויף אים אַליין וואָלט געקומען אַ ישיעה, זיך אַ קער געטאָן מיט אַ קלינגענדיקן קול צום עולם:

— טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן ! —

ס׳איז געוואָרן אַ געמורמל און אַ זיפצן אין שול, אַז מען האָט

דערווייל ניט געקענט ווייטער לייענען.

— געווען אַמאָל אַ געפאַלענער יתום אין שטאָט —

— אַז וואויל איז צו די, וואָס האָבן זיך באַצייטנס אַרוים גע-כאַפּט פון דאָ.

— מיר וועלן שוין דאָ אַזוי אויסגיין אין אונזער אָרעמקייט.

— טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן ! —

— אַ האַלבע שטאָט וואָלט דאָך שוין געקענט לעבן דערפון.

מען האָט ווידער גענומען רייסן די קעפּ אים אָנצוקוקן, ווי מען וואָלט דורך אים געוואָלט זען דאָס גליקליכע לאַנד אַמעריקא.

פּונקט אַזוי האָבן זיך מיט חידוש געריסן די ווייבער.

— כ'וואָלט דאָך געקענט פאַר אַזוי פיל געלט חתונה מאַכן בכבוד מיינע דריי טעכטער טאַטע אין הימל — האָט אַ אידענע אין דער ווייבערשער שול מיט בענקעניש און געבעט געהויבן דעם קאָפּ צום אויבערשטן.

— האָב איך זין און ניט קיין טעכטער — איז איר אַן אַנדע-רע אידענע אַריינגעפאַלן אין די רייד: דערפאַר האָב איך אַ קראַנקן מאַן.

איך וואָלט דאָך געקענט מיט אַזאַ "שנאָל" מיט געלט אים שיקן ערגיץ אין אַן אָרט, וואו ער זאָל זיך אויסקורירן פון זיין הוסטן און שפּייען.

ער האָט דאָך שוין קיין לונגען ניט. איך וועל דאָך בלייבן אַ פינסטערע אלמנה און די קינדער וויסטע יתומים.

— שאַ ! שאַ ! זאָל זיין שטיל ! — האָט דער שמש גענו-מען קלאַפּן אין שלחן און שרייען: — די תורה ליגט אַן אָפענע און דער בעל קורא קען ניט לייענען. שטיל זאָל זיין ! —

מען האָט פרי אָפּגעגעסן דעם אָרימען, שבת'דיקן מיטיק.

כמעט ס'גאַנצע שטעטל אידן האָט זיך אין איילעניש געלאָזן

אין בית המדרש-הויף אַריין, הינטערן רב'ס וואוינונג. דער עולם איז נאָך געווען אַביסל בגילופין נאָך דעם קידוש היינט אין שול. ווארים בראָנפן און לעקעך איז געווען גענוג. האָט מען פאַרגעסן אָן אייגענע און אָן פרעמדע צרות.

דער עולם, וואָס האָט ניט געקענט אַריין אין רב'ס וואוינונג האָט גענומען ליאַרמען, אַז דער גאַסט זאָל אַרויסקומען, אַז אַלע זאָלן אים קענען זען:

— ניט קשה, עס איז אַ שיינער, ליכטיקער טאָג. זאָל נאָר ס'אידישע מזל אַזוי ליכטיק ווערן.

שוין צו פאַר נאכט צו נאָך מנחה, ווען איבער'ן שטעטל האָט זיך שוין גענומען שפּרייטן אַ קילער אומעט, וואָס דער שבת גייט באַלד אַוועק, האָט ער זיך, דער גאַסט צוזאַמען מיט בערל משה'לעס און מיט עטליכע אידן, וועמען ס'איז געלונגען זיך צו באַקענען מיט אים געלאָזן זיך גיין איבער די אידישע געסלעך, באַקוקן ס'שטעטל.

איז ער, לייבל, געגאַנגען ווי דורך אַ בראַנד. ווארים ס'גאַנצע שטעטל יונג און אַלט האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פאַר די הייזער; יונגע פרויען און מיידלעך האָבן געשטערקט די קעפּ דורך די אָפענע פענסטער; אַלע האָבן זיי אים ווידער געוואָלט זען, אים ריכטיק אָנקוקן.

ביי יונגע אלמנות, ביי מיידלעך, ביי אינגערע פונקט ווי ביי עלטערע, וואָס האָבן שוין געוואוסט, אַז ער איז אַן אלמן, האָט עפּעס גענומען נאָגן ביים האַרצן; זיי וואָלטן גערן געווען צו וויסן צו איז עס טאַקע אמת, אַז ער וועט טאָן אַ שידוך דאָ פון שטעטל.

דריטער קאַפּיטל

זינט בערל משה'לעס שוין איינגעהויקערטע דירה איז אויפגעבויט געוואָרן, האָט זי אודאי נאָך אַזאַ זכיה און כבוד ניט גע-

האָט. וואָרים די גאַנצע וואָך נאָך אָט דעם ערשטן שבת וואָס דער אַמעריקאַנער גאַסט איז דאָ, זיינען געקומען יעדן טאָג פון פרי ביז נאַכט אידן און אידענעס, אַלמנות, גרושות און וויסטע עגונות מיט צעטעלעך מיט זייערע נעמען און זייערע פאָטער׳ס אָדער מוטער׳ס נעמען. און אַ חוץ די נעמען איז כמעט אין יעדן צעטעלע געווען אויך צוגעשריבן אַ ביטע: אַז דער הער האָט באַדאַרפן זען די דירה, וואָס האָט ניט קיין פאָדלאָגע און די ווענט זיינען שטענדיק נאַס, און צוויי קינדער, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, זיינען שוין דערפון געשטאָרבן:

זאָל דער הער רחמנות האָבן:

— דער הער האָט באַדאַרפט זען ווי מען לעבט שוין טעג לאַנג אויף אַלט פאַרטריקנט ברויט, וואָס מען פאַרבראָקט אין היים וואַסער מיט זאַלץ. מ׳געדענקט שוין גלאַט ניט די צייט, ווי מען האָט געגעסן אַ רעכטן ביסן אָדער צו דער זאַט:

זאָל דער הער רחמנות האָבן. —

אַן אַנדערע, אַן אַלמנה האָט צוגעשריבן: איך און די קינ-דער, מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט ניט צו דערעסן ניט צו טראָגן קיין רעכט קליידל צו אַ פאָר גאַנצע שיך. אָבער מיין מאַן עליו השלום, זייער פאָטער ליגט מיט אַ שטיין צו קאָפּנס. וויל איך בעטן ביי דעם הער ער זאָל רחמנות האָבן, איך זאָל כאָטש קענען לאָזן מאַכן אַן אָרנטליך ברעטל מיט זיין נאָמען אויסגע-קריצט שטאָטס אַ מצבה. —

לייבלען איז באַפאַלן אַ שווערקייט. ער האָט בערל משה׳לעס ניט געלאָזן לייענען מער דאָס צוגעשריבענע אין די צעטעלעך, נאָר די בלויזע נעמען. ער האָט באַשלאָסן אַז קיינער זאָל ניט אָוועקגיין מיט גאָר ניט. וואָרים איידער ער איז אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקא האָט ער שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס געלט,

זינט ער איז רייך געווארן, וואס ער האט ניט דערגעבן אין אמע־ריקא, וועט ער עס אויסטיילן אין זיין היים שטעטל. איז דער־פאר קיינער ניט אוועק מיט גאר ניט. אזעלכע אן וועמענס נע־מען ער האט זיך געקענט דערמאנען, ער האט זיי געקענט אויף אזא אדער אן אנדער אופן, אין זיינע יונגע יארן, האט ער געגעבן מער, אפילו זיך ווארם אויסגעשמועסט מיט זיי.

גאר נאענט באקאנטע, ווי די אויפגעשוואלענע אידענע, אבראהם׳ל מייסטער׳ס טאכטער, ביי וועמען לייבל איז אלס יתום אנגעקומען אין די לער; עוזר מלמד׳ס טאכטער, ביי וועמענס פא־טער ער האט געלערנט אין חדר און אנדערע אזעלכע האבן אפילו מיטגעבראכט מיט זיך זייערע דערוואקסענע טעכטער, אפשר וועט דער הער ארויסהעלפן מיט נדן, זיי זאלן גיכער קענען חתונה האבן. אבער מער האט מען דערביי אין זינען געהאט, אז דער רייכער גאסט, איז דאך אן אלמן און זעט נאך אויס אזוי פיל אינגער פון זיינע יארן. ביי גאט איז אלץ מעגליך.

— דאס איז מיין עלסטע טאכטער לאה׳קע. א מיידל זאל איך שוין האבן אזא מזל. זאל אונז נאר דער אויבערשטער העלפן צו איר, ס׳א טייער קינד דאס איז. לאה׳קע האט זיך בארויטלט, זיך שטארק געשעמט מיט איר הילוך.

אין איינעם א נאכמיטיק איז אויך געקומען דער איידעלער איד, דער יורד, וועמען מען האט לעצטע וואך אין דעם גרויסן גע־דרענג פאר בערל משה׳לעס הויז שיער ניט צעטראטן. ער האט זיך געשעמט אליין ארייננצוגיין, האט ער ווי נאר ער האט גע־קראגן א געלעגנהייט ארייננגעשיקט זיין צעטעלע מיט בערל משה׳לעס:

— איך בין מענדל פישעלע דאזער׳ס א זון... דער הער דארף געדענקן אונזער פאמיליע... כ׳האב א ווייב מיט קינדער .... —

דאָ האָט זיך דאָס צעטעלע אָפּגעהאַקט, ווי די האַנט וואָלט ניט געקענט מער ווייטער שרייבן, וואָס דער איד האָט נאָך גע-האַט צו זאָגן.

לייבל איז פון דעם צעטעלע איבעראַשט און גערירט געוואָרן. וואָרים לייבל איז ניט דאָ געווען און ווייס ניט פון די אַלע מלחמה יאָרן און צרות וואָס דאָס שטעטל פונקט ווי אַנדערע אידישע שטעטלעך אין פוילן האָבן איבערגעלעבט; ווי אַלץ האָט זיך פאַר דער צייט איבערגעקערט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף; ווי פון הונדערטער יאָרן אידישע טראַדיציע, שיינע איינגע-וואָרצלטע אידישע מנהגים, אידישער דרך ארץ איז אויסגעריסן געוואָרן מיט'ן וואָרצל. נגידים פון דורות זיינען געוואָרן אָרימע-לייט און מוזן אָנקומען צו בעטל ברויט; יחסנים פון דורות זיינען געוואָרן אָרים און שפל און מען האָט אין גאַנצן פאַרלוירן דעם חוש און דעם אינטערעס צו געדענקן אפילו איינעם'ס אַמאָליקן יחוּת אָדער רייכקייט. איז דאָס ליידן פון אַזעלכע יורדים געווען אַ טאָפּלטע. לייבל'ען, אפילו אַז ער האָט יאָ אין אַמעריקאַ אַמאָל געלייענט עפּעס דערוועגן, איז דאָס פאָרט געווען פרעמד. ער איז איצט געקומען אין זיין היים שטעטל נאָך מיט יענעם באַגריף, אַז ער איז דאָ אַמאָל געווען אַן אָרימער דערשלאָגענער יתום. און אַזעלכע אידן ווי ר' פישעלע דאָזער זיינען פאַרבליבן אין זיין זיכרון די אָנגעזעענע בכבוד'ע למדנים, יחסנים, און גבירים מיט אַ גרויס דרך ארץ צו זיי.

ער האָט דערפאַר, לייבל, ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע אַלץ געלאָזן און איז אַליין אַרויסגעלאָפן צו ר' פי-שעלע דאָזער'ס זון:

— ר' מענדל איך וועל אַליין זיין ביי אייך. גייט מיר געזונ-טער היים — האָט לייבל אים וואָרם געדריקט די האַנט און אים אַריינגעשטופּט דערוויל אַ צען דאָלאַרדיקן.

ערשט ווען מענדל ר' פישעלע דאָזער'ס איז געהאַט אָפּגעגאַנ-
גען עטליכע שריט נאָכדעם, ווי דער גאַסט פון אַמעריקאַ האָט
אים אין זכות פון זיין אָפּשטאַם אַזוי וואַרם געדריקט די האַנט
און אַזוי בכבוד אים אַריינגעשטופּט דעם צען דאָלאַרדיקן, האָט
ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געוואָלט עפּעס תופס זיין. טרערן
האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

וואַרים איין גאָט ווייס, אַז כאָטש ער האָט זיך שוין ווי עס
איז צוגעוואוינט צו די צרות, אָרימקייט און געפאַלנקייט ליידט
ער דערפון, מער ווי אַנדערע פון זיין שטאַנד, וואָס זיינען געקומען
צו דער מדרגה.

ער געדענקט שוין ניט די צייט, זינט אַ מענש זאָל זיך האָבן
באַצויגן צו אים אַזוי וואַרם און מיט אַזאַ דרך ארץ. דער זכות פון
זיין פאָטער ר' פישעלע און זייער הויז איז אים בייגעשטאַנען.

ר' פישעלע דאָזער איז אַמאָל געוועזן איינער פון די גרעסטע
גבירים און יחסנים אין שטעטל. אין זיין פאָטער'ס צייט האָט
מען נאָך געדענקט אויך זיין זיידן ר'יונתן. דער זיידע ר' יונתן
האָט געקענט זיין רב אין דער גרעסטער שטאָט. אָבער ער האָט
עס ניט געוואָלט. וואַרים ר'יונתן איז געווען אַ גרויסער גביר און
געפירט געשעפטן אין ווייטע מקומות.

און אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט געקענט אויך לערנען געווען
אַן אָפּגעהיטענער איד, האָט ער אויך ליב געהאַט צו זיין וועלט-
לעך צו לייענען אפילו אַ פּוילישע צייטונג. אין זיין הויז האָט גע-
קענט אַריינקומען יעדער איד; דער אָרימאַן ווי דער גביר; דער
פּראָסטער איד ווי דער למדן, — יעדער איז באַגלייך געבעטן גע-
וואָרן צום טיש.

ר' יונתן האָט שוין זיינע קינדער געלאָזן לערנען אויך וועלט-
לעכע לימודים.

שטאַרק געראָטן אין פאָטער, זיך אויסגעצייכנט מיט שאַרפ-

קייט אין לערנען און אין מסחר איז געווען זיין זון פישעלע מענדלס פאָטער. ער האָט אפילו שוין געקענט עטלעכע שפראַכן און איז אין זיין צייט געוואָרן הויפט דאָזער פון שטעטל, מחמת ער האָט געקענט פויליש און רוסיש, דייטש און אפילו פראַנצויזיש און ענגליש האָט מען געשמועסט אין שטעטל.

האָט מען געברויכט עפּעס אין מאַגיסטראַט סיי וועגן שטאָטישע זאַכן, סיי אַ איד איז געווען אין אַ שטיקל צרה איז דער איינציקער געווען ר׳ פישעלע דאָזער, וואָס האָט געקענט רעדן און פאַר וועמען אפילו אין מאַגיסטראַט מ׳האָט געהאַט דרך ארץ. און —ער האָט געקענט פועל׳ן.

ר׳ פישעלע האָט שוין געטראָגן אַ, ביז צו די קניען, געהאַקטן ראָק, אַ ווייס קעלנערל מיט אַ שוואַרצן שניפּס. אין שבתים, יום-טובים צו אפילו אין אַ טאָג פאַר׳ן קיסר, ווען מען האָט געדאַרפט אין אַ מיטען וואָך-טאָג גיין אין שול אַריין מאַכן: אַ — הנותן תשועה למלכים — האָט ער, ר׳ פישעלע דאָזער אָנגעטאָן אפילו א שוואַרצן, זיידענעם צילינדערהוט. ער האָט אָבער ניט פאַרפעלט קיין איין טאָג צו לערנען אויך אַ בלאַט גמרא מיט תוספות.

נאָך מער ווי זיין פאָטער ר׳ יונתן האָט ער ליב געהאַט די אידן פון שטעטל.

אין די וואָכן-טעג האָט ער קיין צייט ניט געהאַט צוליב זיינע געשעפטן און צוליב אַנדערע זאַכן. האָט ער זיך קוים דערוואַרט אויף שבת צוזאַמענצוקומען מיט די אידן פון שטעטל, און רק מיט די אָרימע באַלעמלאכעס. און ער האָט רק מיט זיי געשמועסט ווי מיט נאָענטע און אייגענע.

ער האָט אָפּגעגעבן אַ העלפט פון זיין, גרויס, צוויי שטאָקיק הויז פאַר אַ שול׳עכעל, וואו אַט די אידן זאָלן ביי אים דאַווענען, שבתים, יום-טובים אפילו ראש השנה און יום כיפור. אין די יום-טובים, פונקט ווי שבת ראש חודש, האָט ער געמוזט, אַלס דאָזער,

דאוונען אין שול, וואו ער האָט געהאַט זיין שטאָט לעבן רב. דער-פאַר אין די אַנדערע דריי שבתים פון חודש פונקט, ווי יעדן פריי-טיק צו נאַכטס און שבת צו מנחה און מעריב האָט ער געדאַוונט מיט אַט די אידן צעזאַמען אין זיין שול׳עכל.

יעדן שבת נאָכ׳ן דאַוונען איז געווען קידוש פאַר׳ן עולם דאַוו-נער. שבת בין מנחה למעריב פלעגט ער זיי דערציילן נייעסן פון דער גאַנצער וואָך און פון דער גאַנצער וועלט, וואָס ער האָט אי-בער די וואָך געלייענט אין די צייטונגען. וואָרים צו פישעלען פלעגן אָנקומען יעדן טאָג פוילישע און רוסישע צייטונגען, — אפילו ס׳בערלינער טאַגעבלאַט.

די אידן אין שטעטל האָבן אים ליב געהאַט מיט גרויס דרך ארץ.

אַז ער פלעגט אין אַ שבת ראש חודש צו אין אַ יום טוב גיין אַ באַלעבאַטיש יחוס׳דיקער און נגידיש אויסגעפּוצטער מיט׳ן שוואַרץ-גלאַנציק זיידענעם צילינדערהוט אין שול אַריין האָבן אידן געפילט ווי די אידישע אָרימע פון דער גאַנצער וואָך שפּל׳ע און דערשלאָגענע געסלעך ווערן יום-טוב׳דיקער און דערהויבע-נער. קינד און קייט האָט אים געביטן גוט שבת אָדער גוט יום-טוב.

ר׳פישעלע האָט יעדן געענטפערט וואַרם און היימיש דערביי ניט פאַרלירנדיק די אייגענע חשיבות. אָט דאָס איז געווען ר׳פי-שעלע מענדל יורד׳ס פאָטער.

אָט די דאָזיקע נגידישע למדנישע יחות׳דיקע און חשיבות׳די-קע איידלקייט האָט זיך אין דער משפחה געצויגן פון דורות, איז איבערגעגאַנגען בירושה און איז איבערגעבראָכן געוואָרן ביי מענדלען, דעם איינציקן פאַרבליבענעם זון פון ר׳, פישעלע דאָזער.

מענדל יורד האָט שוין ניט גע׳ירשנ׳ט די קענטשאַפט און דעם גוטן קאָפּ, פון זיין פאָטער און זיידע. ער איז אויך שוין ניט

געווען קיין פעסטער גביר נאָכ'ן פאָטער'ס טויט; אָבער די איידל-קייט פון דער משפחה האָט ער, גע'ירשנ'ט.

דערפאַר, כאָטש ער האָט זיך שוין צו געוואוינט צו דער אָ-רימקייט, צרות און געפאַלנקייט האָט ער עס אָבער שטאַרק גע-פילט. וואָרים קיינער האָט ניט געדענקט מער זיין נגידישע משפחה; ניט געשאַנעוועט זיין יחוס'דיקן אָפּשטאַם.

וואָרים אידן פון זיין שטעטל פונקט ווי פון די אַנדערע שטעט-לעך האָבן איבערגעליטן די וועלט מלחמה מיט אַלע אירע שרעקן, צרות און דערנאָך חרמות פון דער פּוילישער הערשאַפט; אידן זיינען געוואָרן פאַראָרימט ביז בעטלער, געווען אין שטענדיקער שרעק פאַר'ן לעבן; כסדר געלעבט ווי געיאָגטע און געהעצטע חיות און פאַרלוירן דעם צלם אלוהים, פאַרלוירן ס'געפיל פאַר מיטמענטשן, פאַר געוועזענע יחסנים אודאי.

אין שטענדיקער שרעק ס'לעבן צו היטן און צו דערהאַלטן האָט קיינער ניט מער געהאַט קיין צייט, קיין געדולד און קיין חוש פאַר אַזעלכע זאַכן. האָבן דערפאַר אַזעלכע יורדים, וואָס האָבן זיך נאָך ניט אין גאַנצן געקענט איינלעבן מיט אָט דער גע-שאַפענער לאַגע, ווי פאַרלוירענע נשמות אַרומגעבלאָנקעט זיך אָן אַ תיקון. זיי זיינען געשטופּט און געטראָטן געוואָרן פון אַלץ און אַלעמען וועמען זיי זיינען אין וועג געקומען.

לייבל אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט אַלס יתום דאָ גע-לעבט אין שטעטל, האָט מער געדאַוונט אין ר' פּישעלעס שול'עכל, ווי אין דער שטאָט שול, אָדער אין בית המדרש. דאָ צעזאַמען מיט די פּשוט'ע אידן, באַלעמלוכעס האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי שפל. דערנאָך האָט ער גלאָט גוט געפילט יעדעס מאָל וואָס ר' פּי-שעלע איז אָקום אַריינגעגעבן. ער האָט באַלד מיט זיין אַריינקו-מען געגעבן צו פילן, אַז ער פאַרלאַנגט ניט דעם כבוד, וואָס אידן גיבן אים: — גוט שבת! גוט יום טוב! — פלעגט ער הויך, וואָרם

און איינגן אַ רוף טאָן צו אַלעמען. און איידער ער איז צו צו זיין פּלאַץ איז ער נאָך געבליבן שטיין אין מיטן צווישן די אידן באַלע-מלוכעס מיט זיין שיינער, איידעלער פּערזענליכקייט. געכאַפּט אַ קורצן שמועס מיט אַלע צעזאַמען און מיט יעדן באַזונדער וואַרעם, היימיש און מיט חשיבות, ביז דער בעל תפילה האָט זיך גע-שטעלט צום עמוד.

ער איז ביי אַלעמען געווען ליב און איינגעבאַקן. לייבל האָט אים באַזונדערס ליב געהאַט. די שעה, וואָס ער האָט דאָרט גע-דאַוונט און ר' פישעלע איז געווען צווישן די דאַוונער, איז עס פאַר אים געווען אַ שעה פון יום טוב, פון דערהויבנקייט, אים פאַר-זיסט דאָס שווערע, ביטערע און געפאַלן לעבן פון דער גאַנצער וואָך.

ער האָט אַרויפגעקוקט צו ר' פישעלען מיט יראת הכבוד און מיט גרויס ליבשאַפט אין האַרצן.

דערפאַר איבערליינענדיק דאָס צעטעלע: — דאָס בין איך מענדל ר' פישעלע דאַזער'ס זון — איז די גאַנצע שיינע, איידעלע און חשוב'ע געשטאַלט פון ר' פישעלען און זיין הויז פריש אויס-געוואַקסן צעזאַמען מיט יענער אַמאָליקער ליבשאַפט און יראת הכבוד צו אַלץ, וואָס געהער זיך אָן מיט ר' פישעלען. ער האָט יעמאָלט אין יענע יאָרן ניט איינמאָל געפילט, אַז עס וואָלט פאַר אים, לייבלען, געווען אַ גרויסע זכיה און אַ גרויסער פאַרגניגן צו קענען רעדן אַמאָל מיט ר' פישעלען פנים אל פנים.

די זעלבע זכיה, דרך ארץ און פאַרגניגן, האָט ער איצט גע-פילט, ווען ער האָט געקענט צו ר' פישעלעס זון זאָגן: — ר' מענדל איך וועל אַליין זיין ביי אייך. —

עס איז אים, לייבלען, אויך געווען אַ בושה, אַז ר' פישעלעס אַ זון זאָל פאַר אים שטיין אַ געפאַלענער.

ער איז דערפאַר, נאָך מענדל ר' פישעלעס אַוועקגיין געבליבן

שטיין אויפֿן אָרט, ניט געקענט צו זיך קומען פֿון דער פּאַסירונג.

— ר' פּישעלעס אַ זון — האָט לייבל געשאָקלט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט בשום אופֿן ניט געקענט באַנעמען אַז דאָס איז מעגליך.

בערל משה'לעס איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיין אַמע-ריקאַנער גאַסט און ניט געקענט באַגרייפֿן פֿון וואָס ער חידושט זיך אַזוי, ער וואָלט אים דעם גאַסט זיינעם געוואָלט זאָגן: שוין ניט דאָ קיין אַנדערע זאָרגן נאָר צו געדענקען אַן אַ ר' פּישעלע, צו מענדל, גימפּל אָדער גרוינעם. וועמען איז דער קאָפּ דערצו? —

נאָר פֿון דרך ארץ פֿאַר דעם רייכן גאַסט צו וועמען בערל ליגט דערוויל ניט צו, האָט ער בלויז אין זינען געהאַט: — וואָס אַן אַמעריקאַנער קען איינפֿאַלן — און געשוויגן.

— שוין לאַנג ווי ר' פּישעלע איז טויט? — האָט לייבל ניי-געריק און מיט גרויס אינטערעס געפֿרעגט ביי בערלן.

בערל איז ווידער געבליבן שטיין מיט חידוש ווי: צו וואָס די גאַנצע פֿראַגע; וועמענס עסק איז דאָ מיט אַ ר' פּישעלע: ניט ער געדענקט און ניט דער קאָפּ שטייט אים אָדער אימיצן אַנדערש דאָ ווי לאַנג אַ ר' פּישעלע איז טויט. נאָר זעענדיק דעם אינטערעס וואָס דער רייכער, אַמעריקאַנער גאַסט האָט אין דערין האָט ער זיך כלומרשט פֿאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאַנען אַ-קוראַט און געענטפֿערט:

— דאַכט זיך, אַרום איין און צוואַנציק יאָר. —

— און דאָס איז דער איינציקער זון וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון ר' פּישעלען? —

דער עלטערער ברודער איז גע'הרג'ט געוואָרן אין דער מלחמה און אַ אינגערע שוועסטער איז געשטאָרבן.

— און דער ר' מענדל, ווי אַזוי איז ער אַזוי פֿאַראָרימט גע-וואָרן?

— ווי אַזוי זיינען אַלע אַנדערע פֿאַראָרימט געוואָרן?

— יאָ, אָבער אויף ר' פישעלעס אַ זון האָט די שטאָט זיך גע-ברויכט אומצוקוקן.

— און ווער זאָל זיך אומקוקן אויף דער שטאָט? — האָט בערל משה'לעס מיט דער זיכערקייט, אַז ער האָט געפרעגט אַ קלוגע פראַגע, געענטפערט.

איז לייבל טאַקע פון דער פראַגע און ענטפער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט ניט קענען ריכטיק באַנעהמען, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער באַלד האָט ער ווידער, פול מיט אינטערעס אין פישעלעס דאָזערס פאַמיליע, געפרעגט:

— וויפיל קינדער האָט ער מענדל ר'פישעלעס זון?

— גלויב מיר, אַז איך ווייס ניט — האָט בערל משה'לעס זיך קאָנטראָלירט, ניט אַרויסצווייזן זיין אומגעדולד מיט אָט די אַלע פראַגן, וואָס ליגן קיינעם אין דער לינקער פאה ניט.

פירטער קאַפּיטל

שוין די דריטע וואָך ווי לייבל איז אין שטעטל. די ערשטע איבעראַשונג און דער גרויסער דרך ארץ מיט דעם רייכן אַמערי-קאַנער גאַסט איז אַריבער. דאָס ביסל אידן פון שטעטל זיינען געוואָרן היימישער, נאָענטער מיט אים, בפרט ווען מען האָט שוין געוואוסט, אַז ער האַלט זיך פּראָסט מיט יעדן, האָט קיינעם ניט אָפּ'גע'פּטר'ט מיט גאָר ניט און מען קען זאָגן, אַז דאָס שטעטל איז אַביסל אויפגעריכט געוואָרן דורך אים. מ'האָט צו אים געפילט אַ חוין נאָענטקייט אויך ליבשאַפט.

אַז אידן האָבן אים אָנגעטראָפן אין גאַס האָט מען שוין נאָענט און דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטן טאָג הער פינק! — און אַז לייבל האָט אין ס'רוב פאַלן זיך מיט יענעם אָפּגעשטעלט איז שוין יענער מוטיקער גע-וואָרן און גלאַט אַזוי זיך, צו האָבן די זכיה מיט דעם רייכן גאַסט

צו רעדן אין מיטן גאַס און טאַקע אויך פון נייגעריקייט וועגן גע-קענט אַ פֿרעג טאָן:

— אַ שיין פּנים מוז האָבן אונזער שטעטל אַנטקעגן אַמעריקא ? —

— נו, ווי איינער נעמט עס — האָט לייבל פילאָזאָפיש געענטפערט.

ער האָט דערמיט געוואָלט באַווייזן גרויסוועלטליכקייט. דערנאָך האָ ער יענעם ניט געוואָלט מאַכן פילן אַז דאָס שטעטל איז טאַקע אַוועק צו מאַכן מיט'ן האַנט. ער האָט בלויז ווי פון יוצא וועגן צוגעלייגט:

— אודאי, אין מיינע יאָרן האָט די שטאָט אַביסל אַנדערש אויסגעזען;

— ס'איז געווען אַביסל לעבעדיקער.

— אודאי — האָט זיך יענער אָנגעכאַפּט אין די לעצטע ווער-טער ווי אָן אַ פריידיקער ערינערונג: — וואָרים איך געדענק דען ניט ?

ס'זיינען געווען נאָך שיינע באַלעבאַטים און שיינע באַלע-באָסטעס. ס'לעבן איז ניט געווען יעדע מינוט אין סכנה און ניט אַזוי געפאַלן און ניט אַזוי הפקר. אפילו אָרימע מענשן באַלע-מעלאכעס, האָבן זיך געזשיווויעט, געווען פריילעך און געפיפן אויפ'ן דלות. דער הער פינק געדענקט עס אויך מסתמא.

— אודאי, פאַר וואָס זאָל איך ניט געדענקן ? —

— הלואי, וואָלט איך געקענט קומען קיין אַמעריקא — גיט יענער מיט אַמאָל אַ זיפץ.

— ס'וועט נאָך בעסער ווערן: מ'דאַרף ניט פאַרלירן די האָפ-נונג —

טרייסט לייבל דעם אידן און פילט זיך אַליין ווי אין עפּעס שולדיק.

דערנאך: — האט מיר א גוטן טאג.

— א גוט יאר ! זאל דער הער פינק גיין געזונטערהייט —

ענטפערט יענער א צופרידענער, ווי שוין מיט דעם הער פינקס איצטיק זיין אין שטעטל ווערט שוין יעדן לייכטער און גרינגער.

אזוי האט זיך לייבל אפגעשטעלט מיט אסך אידן, מיט זיי געשמועסט, זיך געהאלטן מיט זיי פשוט און אן גאוה. געשמועסט מיט זיי ווי צו ווען ארויסרופן ערינערונגען פון אמאל, וואס זיי־נען אים געווען זיס. ער איז פארבליבן דער פשוט'ער לייבל, אפי־לו איצט ווען ער איז געקומען אין שטעטל אריין א גרויסער, א־מעריקאנער גביר און פונקט ווי אמאל אלס יתום האט ער זיך אויך איצט געוואלט אויספיינען.

דאס איז שוין אזוי פארבליבן אין אים פון די געפאלענע יתום יארן, כאטש איצט מוז ער זיך אויספיינען מיט געלט, מיט וואס ער איז קיינמאל ניט געווען צו ברייט. אבער זינט חאנטשע איז געשטארבן האט זיך אויך די צו פיל אויסגערעכנטקייט אביסל פון אים אפגעטאן בפרט ווען ער איז אלס גביר געקומען מיט א באזוך אין זיין היים־שטעטל, וואו ער איז געווען אמאל ארים און געפאלן און וואו ער האפט, אז עס וועט זיין באשערט, א שידוך צו טאן.

האט ער, א חוץ וואס ער האט שוין געגעבן פאר דער שטאט און צו יחידים אויך באזוכט די תלמוד תורה און איבערגעלאזן א שיינע בכבוד'ע נדבה. אזוי האט ער איבערגעלאזן פאר ארימע כלות, פאר דער שטאטישער קראנקן־קאסע, וואס אזעלכעס איז אין זיין צייט גאר ניט געווען. און דאס איז אים גדאד גע־פעלן געווארן.

אין זיין צייט, ווי ער געדענקט, איז געווען א חברה ביקור חולים.

אַז עס האָט זיך געמאַכט אַן אָרימער קראַנקער צו חלילה מער קראַנקע זיינען די גבאים פון דער חברה ביקור חולים אַרומ-געגאַנגען איבער׳ן שטאָט געזאַמלט גראָשנס, צווייערס און דריי-ערס.

האָט ער פאַר דער קראַנקן קאַסע איבערגעלאָזן צוויי הונ-דערט דאָלאַרן. און דער גבאי פון דער קראַנקן קאַסע האָט אים געווינשן אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער און פון אַלע אידן אין שטאָט, אַז גאָט זאָל אים באַשערן גליק, נחת און לאַנגע יאָרן..

דאָס שטעטל איז אַלץ מער פול געוואָרן מיט דעם הער פינק און זיינע שיינע נדבות, וואָס ער גיט אַזוי בכבוד.

מ׳האָט געפילט ווי עפּעס אַן אויפריכטעניש איז דורך אים געקומען אויפ׳ן שטעטל, ווייניקסטנס אַזוי לאַנג ווי ער געפינט זיך דאָ.

מען האָט אים טאַקע אויף אַן אמת ליב געקראָגן, ער איז גע-וואָרן חשוב און מען האָט זיך געשפּיגלט מיט אים, מיט זיין רייכ-קייט, מיט זיין פשוט׳קייט, מיט זיין צוגעלאָזנקייט און מיט דער-מיט, וואָס ער איז אַ לאַנדסמאַן פון שטעטל.

—ער איז דאָך צוויי מאָל אונזער — האָבן אידן גערעט מיט שטאָלץ.

— ער ווי זיינע אבות אבותינו זיינען דאָ געבאָרן געוואָרן און ער איז אויך געווען אַן איידעם פון אונזער שטעטל.

— זיין ווייב עליה השלום איז דאָך געווען שרה׳קע די גענ-זענפאַשערינס אַ טאָכטער — האָט אַ איד באַוויזן.

— ס׳הייסט — האָט אַן אַנדער איד גענומען חקירה׳נען אַז זיינע קינדער אפילו געהערן דאָך סאַי פון טאַטנס סאַי פון מאַ-מענס צד צו אונזער שטעטל. —

— אידן! — האָט אַן אַנדער איד שוין אַריבער די זעכציק

זיך אַ כאַפּ געטאָן; ווי ער וואָלט דערפילט די אחריות פון שטעטל אויף זיינע פּלייצעס.

— אידן ! כ׳מיין, אַז ער איז שוין יאָ אַראָפּגעקומען פאַר אַ באַזוך צו אונז דאַרפן מיר זען, ער זאָל ווידער טאָן אַ שידוך פון אונזער שטעטל. לאָמיר אים ניט לאָזן פאַרפרעמדט ווערן ! —

— אשר איז גערעכט.

— ס׳וואָלט געווען גאָר ניט קיין קרומע זאַך.

— ער איז דאָך נאָך קיין עין הרע אַ געזונטער מענש.

— און ווי לאַנג קען און טאָר אַ איד זיצן אָן אַ ווייב, האַ ?

— ער איז דאָך אָבער שוין מער אַן אַמעריקאַנער, און מען זאָגט אַז ער טרויערט שטאַרק נאָך דער ווייב.

— פון דעסוועגן וועט ער חתונה האָבן, אַ מענש איבער-הויפּט אַ איד וועט ניט זיצן בלייבן אָן אַ ווייב.

— וואָס די ערד דעקט צו פאַרגעסט מען.

— מיט וועמען אַ שטייגער קען אַזאַ רייכער מאַן דאָ חתונה האָבן ?

— ער זעט דאָך אויס ווי אַן אמת׳ער פּריץ.

— דאָס אידן וועלן מיר שוין זען. מ׳דאַרף ערשט טאַפּן דעם דופּק צו האָלט ער ביי אַ שידוך טאָן. אַז ער וועט זיך לאָזן רעדן און אַז מיר וועלן זיך אָנשטויסן וואָס ער וויל אַ פּרוי, אַן אלמנה, אַ יונגע צו אַ ביסל אַן עלטערע, צו גאָר אַ מיידל, וועלן מיר שוין געפינען פאַר אים אַ שידוך.

— ס׳שטעטל וואָלט דאָך ערשט געקענט אויפגעריכט ווערן.

— נאָכאַמאָל נעמען אַ ווייב פון דאָ וואָלט ער דאָך מסתמא ווידער געלאָזן אַ טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן פאַר די שטאָט.

— כ׳מאַך אַ וועט !

— און מיר וואָלטן דאָך גלאַט ווידער געוואָרן נייע מחתנים מיט אים.

אויף קומענדיקן שבת אָוונט האָט דער אַמעריקאַנער גאַסט צוגעזאָגט רחל'ען די אלמנה, זיין ווייטער קרובה צו זיין ביי איר אויף מלוה מלכה.

וואָרים רחל'ע די אלמנה, וואָס איז געווען פיל עלטער פון לייבלען, און וועמען ער האָט ניט געקענט און ניט געדענקט ביז איצט, האָט אים אָבער אַזוי אַקוראַט און לעבעדיק גענומען אויס-רעכענען זיין און איר משפחה פון מוהמעס, פעטערס ביז עלטער באָבעס און עלטער זיידעס, ווען זי האָט זיך ס'ערשטע מאָל פאַר אים פאָרגעשטעלט אין בערל משה'לעס הויז.

— געוועזן זיינען זיי פינף ברידער און שוועסטער — האָט רחל'ע אים גענומען אויסרעכענען זייער משפחה:

— מיין שטיף טאַטע לוזער, צוויי ברידער מנחם און איציק פּיאַנטקער און צוויי שוועסטער: די גאָלע ריקעל און אייער באָבע יענטע.

זי, דער הער, האָט זי ניט געקענט. זי איז געשטאָרבן ווען זי איז געלעגן אין קינפּעט מיט אייער מאַמען עליה השלום. מיין שטיף טאַטע האָט אַלע מאָל דערציילט, אַז זי איז געווען שיין ווי די זון אין הימל.

די גאַנצע שטאָט האָט געוויינט אויף איר יונגן טויט.

האָט רחל'ע פאַרענדיקט ערנסט אָבער שוין מיט אַ משפחה'-דיק געפיל, וואָס האָט איר עפּעס נאָענטער געמאַכט צו דעם רייכן, אַמעריקאַנער גאַסט, וועמען זי האָט אויך ביז איצט ניט געקענט.

לייבל האָט געקוקט אויף איר, דער ווייטער קרובה, וואָס, ווען, ער איז נאָך געווען דאָ בחור'ווייז אין שטעטל, האָט ער איר ניט געקענט.

זי איז אים איצט נאָענט געוואָרן. — פונקט, ווי דורך איר אַזוי לעבעדיק פאַרשטעלן אַלעמען פון דער משפחה, וואָס ער

האָט קיינעם פון זיי ניט געקענט; יעדער פון דער משפחה איז פאַר אים לעבעדיק אויסגעוואַקסן, אים נאָענט און אייגן געוואָרן. ער האָט אויך באַוואונדערט איר געדענקן אַלעמען.

דערפאַר אַז זי האָט פאַרלאַנגט, שוין טאַקע ווי אַן אייגענע, אַז ער זאָל בּיי איר זיין אַ גאַסט אַ שבת צו נאַכט פאַר אַ מלוה מלכה האָט ער איר ניט אָפּגעזאָגט.

שוין דעם גאַנצן טאָג שבת האָט בּיי רחל'ען די טיר ניט גערוט.

איבּערהויפּט ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רייכער אַמעריקאַנער קרוב, האָט איר, דער אלמנה, דערלויבּט צו פּראַווען אַ מלוה מלכה אויף זיינע קאָסטן. עס מעגן קומען אַזוי פיל מענשן, ווי פיל אירע צוויי שטיבּלעך וועלן קענען אויפנעמען.

אַז אַלע האָבּן ניט געקענט זיצן בּיים טיש איז מען געזעסן אויפ'ן בּעט, אויף דער שלאָף בּאַנק, צו מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

בּיי דעם עולם אידן, וואָס האָבּן שוין לאַנג ניט געוואוסט דעם טעם פון אַ גוט בּיסל עסן, איז אַזש דאָס שפּייעכץ זיי געקומען אין מויל אַריין, ווען רחל'ע און אירע דערוואַקסענע קינדער, וואָס האָבּן איר צו געהאָלפן, האָבּן גענומען טראָגן צום טיש די הייסע גוטע עסענס, וואָס זייער געשמאַקער ריח האָט אַ שלאָג געטאָן אין די נעזער, זיך אַ צי געטאָן אין דעם גאַנצן אינגעווייד אַז עס האָט אַזש גענומען נאָגן בּיים האַרצן.

מ'האָט גענומען שטרעקן הענט צום גאַסט און טרינקן מיט אים לחיים.

אַז אידן האָבּן זיך געהאַט אונטערגעלענט די הערצער, דערוואַרמט געוועזן פון שנאַפּס און הייסן טיי איז מען געוואָרן אויפגעלייגט, דרייסטער און צוגעלאָזענער איבּערהויפּט די, וואָס זיינען געזעסן נאָענט צום גאַסט און שוין געוואוסט אַז די שטאָט וואָלט

געוואָלט, ער זאָל נאָכאַמאָל טוען אַ שידוך פון דאָ, ער זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערן.

האָט מען דערווייל גענומען רעדן אַזוי זיך, ניט באַלד צו צו טרעטן צום ענין, וואָס עס וואָלט געווען, ווי אַריינגעפאַלן, ווי אַ יאָוון אין די סוכה.

האָט מען זיך געפרעגט וועגן אַמעריקאַ. און אַז דער גאַסט האָט דערציילט איז מען געזעסן מיט אָפענע מיילער.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען נאָכפרעגן אויף לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ, וואָס מען געדענקט זיי נאָך.

— איז עס טאַקע אמת, וואָס מיט אַלטער׳לך און שכר׳לך, ? סטייטש ? ! האָבן אידן גע׳טענה׳ט; — צירל, מינדל חוה׳טשעס טאָכטער. אַ חוץ וואָס זיי זיינען געווען גוטע געטרייע פרויען, מאַמעס פון די קינדער, האָט מען זיך דאָך געקענט פון קינדווייז אויף, געווען ווי אייגן בלוט און פלייש. מ׳דאַרף קיין גאָט אין האַרצן ניט האָבן אַזעלכעס צו טאָן — האָבן אידן ניט געקענט באַנעמען.

— נו, — האָט דער גאַסט געלאַסן געענטפערט ווי ער אַליין וואָלט דאַדורך דערהויבן געוואָרן.

— זיי זיינען אויסגעגאַנגען לתרבות רעות. —

— זעט מען דאָך טאַקע, אַז גאָט איז אַ פאָטער און שטראָפט דעם שולדיקן. —

האָט זיך אַ איד אָכאַפּ געטאָן.

— און זעט מען דאָך טאַקע, אַז אין דעם זכות, וואָס דער העד פינק האָט געלעבט מיט זיין פרוי ע״ש, ווי גאָט האָט גע-באָטן, האָט אים טאַקע גאָט געהאָלפן, העלפט אים, און וועט אים העלפן ! — האָט אַן אַנדער איד גערעט מיט האַרץ און מיט דעם, אַז דער רייכער גאַסט זאָל אים זען און געדענקן.

— פון דעסוועגן איז מיין גוטע פרוי געשטאָרבן — האָט לייבל אַ זיפץ געטאָן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— נו, קעגן אַ שטראָף פון הימל איז קיינער ניט שולדיק און קיינער איז ניט אויסגעהיט.

— שוין אַריבער אַ יאָר ווי דעם הער'ס פרוי איז געשטאָרבן?

— יאָ, — האָט לייבל ווידער אַ זיפץ געטאָן און ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— מיר האָבן דאָך איר געקענט, ווען זי האָט נאָך געהאָלפן דער מוטער אין דער פרנסה.

— געווען אַ שיינע און בכבוד'ע מיידל.

— פון דעסוועגן מוז אַ מענש זיך טרייסטן — האָט אַן אַנדער איד אָנגעהויבן:

— אַ מענש און אַ איד דערצו דאַרף ניט זיצן בלייבן אָן אַ ווייב.

— אַזוי איז דער סדר עולם. און עס איז טאַקע אידישלעך אויך, אַז אַ איד זאָל ניט זיצן אָן אַ פרוי. בפרט נאָך אַ מענש אין די מיטעלע יאָרן, און קיין פרנסה פעלט ניט; אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן אָן דעם הער פינקס שאָדן.

און זעענדיק אַז דער גאַס שווייגט, רויטלט זיך, ווי אַן אמת'ער חתן בחור, האָט בערל משה'לעס, וואָס איז געווען דער נאָענסטער צו אים און דער איינציקער, וואָס האָט גערעט מיט אים אויף "דו" און צו וועמען די אַנדערע אידן האָבן צוגעוואונקן, ער זאָל אָנהויבן, אַזוי לאַנג, ווי עס איז שוין צו רייד געקומען:

— איך וואָלט געמיינט אידן — האָט בערל משה'לעס אָנגעהויבן —

— איך וואָלט געמיינט אידן: אַזוי ווי דער הער פינק איז אַרופגעקומען צו אונז אין שטעטל און אַזוי ווי ער איז דאָך אַן אונזעריקער, וואָס זיין פאָטער און זיינע זיידעס זיינען געווען אונ-

זעריקע, זע איך פשוט אַז עס איז אַ צייכן פון הימל אַז דער הער פינק זאָל ווידער טאָן אַ שידוך דאָ אין שטעטל. וואָס זאָגסטו דערצו לואי?

די אידן האָבן גענומען קוקן אויף אים נייגעריק און געשפאַנט.

לייבל איז געבליבן זיצן ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, געפילט אויף זיך די אידענס געשפאַנטע בליקן און ניט געקענט געפינען קיין פאַסיק וואָרט, וואָס צו ענטפערן. זאָגן אַז ער וויל ניט קיין שידוך טאָן האָט ער ניט געוואָלט; זאָגן יאָ האָט ער דערוויַיל אויך ניט געוואָלט, איבערהויפט וואָלט ער ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס אַרויסצוזאָגן. עס איז אים גלאַט געוואָרן עפּעס שווער און פיינלעך עס צו לאָזן צו די אידן; זיי וועלן אים ברענגען אלמנות צו עלטערע מיידלעך און ער וועט מוזן אָפּזאָגן. ער וויל דאָס ניט. ער איז דערצו ניט געוואוינט. עס וואָלט אים גלאַט געווען ניט אָנגענעם און ניט פאַסיק אָט דער גאַנצער עסק פון זען פרויען און דערנאָך מוזן אָפּזאָגן. ער האָט אַליין געוואָלט דערזען אַ מיידל, וואָס זאָל אים געפעלן ווערן. און די אידן דאָ, וואָס זיינען הונגעריק ביי אים צו פאַרדינען שדכנות-געלט וואָלטן שוין יעמאָלט סאַי ווי ניט דערלייגט צום עסק.

האָט ער ענדליך, ווי נאָך אַ ישוב הדעת מיט זיך אַליין געענטפערט;

איך זאָג ניט, אַז איך וואָלט ניט געטאָן קיין שידוך. און אפשר טאַקע דאָ פון מיין שטעטל, כאָטש איך בין שוין אַ האַלבער אַמעריקאַנער.

אָבער איך קען אייך, מיינע ליבע פריינט, איצט ניט ענטפערן. איך פאָר נאָך ניט אַוועק.

ס'מאַכט ניט אוים — האָבן זיך עטלעכע און דערנאָך אַלע צוזאַמען אַ בויג געטאָן צו אים.

אבי מיר ווייסן, אז דער הער האלט ביי א שידוך. ווען מיר די זאך באטראכטן. זאל דער הער רעדן מיט בערל משה'לעס א-ליין. און אז בערל וועט אונז איבערגעבן, וואס דער הער וויל, וועלן מיר שוין געפינען, מיט גאטס הילף, דעם פאסיקן שידוך. —

לייבלען, וואס אפילו ווען ער איז נאך געווען א בחור דא, איידער ער האט זיך אליין באקענט מיט חאנטשן, איז אים ניט אויסגעקומען, אז מען זאל אים רעדן א שידוך, אים פארלייגן כלות, זיך אויסצוקלייבן, ווי מען פלעגט אים אין געשעפט פאר-לייגן מוסטערן פון סחורות, איז דאס בלוט אים אנגעלאפן אין פנים אריין. איבערהויפט איצט אין זיינע פיפציקער יארן. שוין געוואוינט צו דעם בריטן, פרייען פארנעם פון אמעריקא.

עס איז אים בכלל געווארן שווער און פיינליך וואס די אלע אידן דא וואלטן וועלן ווערן שדכנים ביי אים.

— לאזט עס דערוויל — האט ער זיך מיט אמאל אויפגע-שטעלט.

— אז עס וועט זיין באשערט וועט עס קומען. אזוי צו אזוי וועט קיינער פון אייך ניט דערלייגן דערצו. — האט לייבל פאר-ענדיקט מיט אן אנדייטעניש, אז זיי מעגן אים לאזן געמאך.

די אידן, אביסל צעמישטע, האבן זיך גענומען איבערקוקן, זיך שטיל שושקען און שטיל פרעגן איינער ביים צווייטן:

צו מיינט ער יא א שידוך צו טאן דא פון שטעטל צו ניט ?...

פינפטער קאפיטל

מיט דער צען דאלארדיגער אסיגנאציע אין האנט, נאך אלץ שטארק גערירט פון דער ווארעמקייט און חשיבות, וואס דער רייכער, אמעריקאנער גאסט האט אים צוגעטיילט איז ער מענדל ר' פישעלעס, פשוט מיט טרערן אין די אויגן אריינגעפאלן אין הויז:

— פאלטשע! פאלטשע! — האט ער עטליכע מאל אויסגע-

רופן דעם ווייבס נאָמען און ניט געקענט מער אַ וואָרט אַרויס-רעדן.

פאַלטשע, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן איר שטאָ״ד און דאָס, וואָס זי, קומט אויך אַרויס פון אַ רייך יחוס׳דיקער הויז, ניט פיל ווייניקער ווי איר מאַן, האָט פיל גיכער שלום געמאַכט מיט דער נייגעשאַפענער לאַגע.

זי האָט זיך אויך מער און גיכער צו געוואוינט צו דער אָרים-קייט, געפאַלנקייט און צו די צרות, וואָס דאָס לעבן אין די לעצטע יאָרן האָבן געבראַכט מיט זיך. דאָס איינציקע, ווי אַן אָנדענק, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון איר אַמאָליקן יחות, רייכקייט און שטאָלץ איז דער נאָמען אירער, — פאַלטשע —.

אין איר גביריש אָבער פרום אידיש הויז איז שוין פאַלטשע אַלס מיידל געגאַנגען אין שקאָלעס, האָט געלעזן און געשריבן עט-לעכע שפּראַכן און ניט געהייסן פּערל, דעם אידישן נאָמען, וואָס מען האָט איר געגעבן נאָך אַ חשוב׳ער באָבען, נאָר פאַלטשע. שוין אָט דער נאָמען אַליין האָט איר געגעבן אָנזען און אַריסטאָ-קראַטישע וואַזשנעקייט אין אירע גוטע, רייכע מיידלשע יאָרן, כאָטש דער פאָטער אירער האָט ניט געוואָלט זי זאָל הייסן פאַלטשע.

ער האָט אויך ניט געוואָלט, ווען זי האָט געהאַט געענדיקט די זשאַנדאָווע שקאָלע, אַז זי זאָל זיך לערנען אין גימנאַזיע.

— אַזוי פיל ברויך אַ מיידל פון אַ אידיש הויז ניט צו קענען— האָט דער פאָטער גע׳טענה׳ט.

— דאָס וועט איר אַוועקפירן אין וועגן, פון וועלכע אַ אידי-שע טאָכטער דאַרף זיך האַלטן דערווייטערט —

— פאַלטשע האָט דעם טאַטן שטיל אויסגעהערט, פון דרך ארץ וועגן אים ניט אַקעגן גערעט אָבער געפאָלגט האָט זי אים ניט. זי האָט זיך געטאָן איר׳ס. אַזוי איז זי באַלד געווען

זינט זי איז צו איר שכל געקומען אַז זי האָט עפּעס געוואָלט האָט זי אויסגעפירט אָן טענות און מענות.

אַזוי האָט זי אים ניט געהערט, ווען דער טאַטע האָט גענומען צו איר צו שטיין, אַז זי זאָל דורך די שבתים וויינטיקסטענס ניט לייענען קיין פּוילישע און רוסישע ביכער, וואָס די מעשיות אַזעלכע ווי ער ווייס, זיינען נאַרישע און קענען בלויז פאַרפירן אַ אידישע טאָכטער.

זי האָט צו ערשט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך אָנגעקוקט דעם פאָטער ערנסט איידל און מיט דרך ארץ. נאָר ווען דער פּאָטער האָט שטאַרק גענומען צו איר צו שטיין, האָט זי שוין געגעבן אויף אים אַ קוקעלע און אויף פּויליש אַ זאָג געטאָן: "טאַטוש" אַז דער פאָטער האָט זיך פאַרלוירן פאַר דער שיינער, אויסגעוואַקסענער טאָכטער און נאָך מער פאַר דעם פּוילישן נאָמען "טאַטוש", וואָס זי האָט אים גערופן און ווי אַזוי זי האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט.

עס איז אין דעם וואָרט "טאַטוש" געלעגן עפּעס פרעמדס און שרעקעדיקס, ווי עס וואָלט דאָס וואָרט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פרעמדן כח, פאַר וואָס דער איד האָט דרך ארץ און שרעקט זיך.

אָבער באַלד, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס פאַריכטן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן צום טאַטן שטיל, איידל, אַריסטאָקראַטיש צוריקגעהאַלטן אַז דער טאַטע, כאָטש אַ אידישער מענש, וואָס האָט אָבער דאָך געפירט און געוואָלט פירן אַ גביריש אידיש און צוגלייך אויך אַ ברייט וועלטלעך הויז, איז שטאָלץ געוואָרן מיט פּאָלטשן און איר געלאָזן לעזן אפילו אים שבת. אגב האָט דער פאָטער דערפילט, אַז ער האָט ניט קיין כח איבער איר; ער האָט ניט קיין כח איר אַ דעה צו זאָגן.

האָט ער איר געלאָזן געמאַך.

פונקט אַזוי האָט זי ניט געפאָלגט און זיך געטאָן איר'ס, ווען

זי האָט זיך באַקענט מיט דעם יונגען, נאָר וואָס אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, פּוילישן דאָקטאָר. זי האָט זיך אפילו מיט אים אי־בערשפּאַצירט פון צייט צו צייט דרייסט אָן מורא, וואָס מען וועט זאָגן, ווי עס איז געווען איר טבע.

אַז דער פאָטער האָט זיך גענומען בעטן ביי איר און די מאַמע האָט גענומען וויינען, אַז זי פאָלטשע האַלט ביי אַ שידוך טאָן און אַזעלכע זאַכן,—זי וויג בעסער איר מויל ניט עפענען צום בייזן—

איז פאָלטשע אין אָנפאַנג שטאַרק גערירט געוואָרן. אָבער באַלד האָט זי גענומען טענה'ן מיט טאַטע מאַמע, אַז זי זעט ניט קיין שום שלעכטס אין דעריין, ווען זי רעט אָדער גייט איבער'ן גאַס מיט אַ דאָקטאָר, אַ געלערנטן מענשן מיט וועמען זי קען גי־כער אַ וואָרט אויסרעדן, — אפילו אַז ער איז אַ גוי. זי זעט אויך ניט איין, פאָלטשע, פאַר וואָס עס זאָל ניט זיין שיין פאַר מענשן. ווארים קיין שום בייז חלילה, אויסער רעדן, אָדער גיין מיט'ן דאָקטאָר איבער'ן גאַס, וואָס דאַרף גיכער זיין אַ כבוד ווי אַ חרפּה, טוט זי ניט.

און די עלטערן האָבן ווידער ניט געקענט פועל'ן ביי איר זי זאָל עס ניט טאָן. בפרט אַז אין שטאָט האָט מען אויף פאָלטשן קיין שלעכט וואָרט ניט גערעט. פאַרקערט: אַז אַ איד האָט אָנ־געטראָפן דעם פאָטער און עס איז צו רייד געקומען וועגן קינדער האָט דער איד געקענט אַ זאָג טאָן. :

— אייער פאָלטשע, — ס'וואָלט איר בנאמנות געפּאַסט צו זיין אַ פּרינצעסין, אייער פאָלטשן.

— איר מעגט, ר'זלמן שטאָלץ זיין מיט אַזאַ טאָכטער.

— אַז זי באַווייזט זיך אין גאַס איז נאָר אַ ברכה איבער איר צו מאַכן. האָבן פרויען סיי אָרים סיי רייך באַגעגנט פאָלטשעס מאַמע.

ס'איז ניט געווען צו דערקלערן, פאַר וואָס פאָלטשעס פריי

האַלטן זיך און דאָס אפילו גיין מיט אַ יונגען, פּוילישן דאָקטאָר איבער׳ן גאַס, האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום שלעכטס צו רעדן אויף איר אין שטאָט, ווי עס וואָלט געווען דער פאַל מיט אַנדערע אידישע טעכטער.

פאַרקערט: צו פאַלטשן האָט מען זיך באַצויגן מיט ליבשאַפט און דרך ארץ.

מ׳האָט אפילו אין שטאָט גערעט, אַז שוין ניט איינמאָל, ווי דער יונגער, פּוילישער דאָקטאָר, וואָס איז שוין געווען באַליבט אין שטאָט און וואָס מ׳האָט געזאָגט אויף אים אַז ער וואָלט געקענט זיין אַ פּראָפעסאָר, האָט שוין ניט איינמאָל איינגעלאַדן פאַלטשן מיט אים אריינצוגיין כאָטש אין דער שטאָטישער צוקערניע (אַ גויש טיי-הויז), און זי האָט יעדעס מאָל, פיין באַדאַנקט, אָבער אָפּגעזאָגט. — אויך דער יונגער דאָקטאָר קען ביי איר ניט פועל׳ן, דאָס וואָס זי וויל ניט. זי גיט אים ניט קיינע תירוצים:

— דער פאַן דאָקטאָר מעג איר אַנטשולדיקן. גיין מיט אים איבער׳ן גאַס אפילו נאָך אַ שטונדע: אָבער אריינגיין ערגיץ מיט אים טרינקן טיי צו קאַווע מיט טשאַסטעס, — דער פאַן דאָקטאָר וועט איר אַנטשולדיקן —

דערביי האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע טונקל ברוינע אויגן, ביז ער האָט זיך העפליך פאַרנויגט פאַר איר און געפרעגט, ווען ער קען איר ווידער טרעפן.

ווען אידן אפילו פרויען, וואָס זיינען ס׳רוב גיפטיק אין אַזעלכע זאַכן, האָבן דערפון גערעט אין שטאָט איז פאַלטשעט אָנזען ביי זיי געוואַקסן, מ׳האָט נאָך געשמועסט, אַז דער יונגער דאָקטאָר, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אַ פּראָפעסאָר, אָנשטאָט דערפאַר ביין צו ווערן אויף איר, פאַלטשן, אָוואַזשעט ער איר נאָך מער.

שטילפאַר זיך אין די האַלבע נעכט. גאַניץ אָפט ביז׳ן גרויען

מאָרגן אַריין ווען זי איז געלעגן וואַך אין פאַרוועבט אין אירע מיידל'שע טרוימען, האָט זי אַסך געטראַכט פון דעם, וואָס דער אינגער דאָקטאָר איז ניט קיין איד. זי איז געווען זיכער אַז זי וואָלט מיט אים חתונה געהאַט.

פאָלטשעס נאָמען ווי איר שיינקייט, איר פאַרשוין ווי איר כאַראַקטער האָט זיך געלאָזן הערן אויסער איר שטאָט.

וואַרים סוחרים, וואָס פלעגן קומען פון אַרומיקע שטעט צום פאָטער און אַנדערע סוחרים וואָס זיינען אַנגעפאָרן און אַדורכגעפאָרן די שטאָט האָבן געהערט פון פאָלטשע זלמן קרישיק'ס

פאָלטשע אַליין איז געוואָרן אַ יחוס פאַר אַ שידוך אַ חוץ דעם זכות פון אירע עלטערן.

יונגעלייט פון אַרום דער געגנט, רייכע און משכילישע האָבן געבענקט און געגאַרט צו קריגן פאָלטשן פאַר אַ כלה. פון אַלע יונגעלייט האָט זי, ניט בלויז אירע עלטערן, וואָס ס'איז זיי געווען אַ גרויסער יחוס ר' פישעלע דאָזער'ס משפחה, אויסגעקליבן מענדל ר' פישעלעס.

וואַרים מענדל איז בחור'וויז געווען אַ שיין געוויקסיקער, אידיש וועלטליכער יונגערמאַן מיט אַן אַריסטאָקראַטישער איידלקייט, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה פון אַ דורות לאַנגע, גביריש-נגידיש-יחוס'דיקער משפחה. דערצו האָט נאָך שטאַרק געווירקט אויף איר דאָס אויסזען פון זיין פאָטער, איר מחותן ר' פישעלע.

ווען זי האָט אים ס'ערשטע מאָל דערזען, האָט זי געפילט אַז דאָס איז אַ משפחה, וואו זי וועט זיך אַריינפּאַסן; עס איז דאָס, וואָס שטייט איר אָן, ווען זי קען ניט חתונה האָבן מיט אַ יונגען דאָקטאָר אַ אידישן.

ווען פאָלטשע איז נאָך דער חתונה געקומען אין שטעטל אַריין האָט מען איר באַלד אָנגעהויבן רופן ר' פישעלעס שנור, און

ניט מענדל ר׳ פישעלעס ווייב. ס׳איז ניט געווען צו דערקלערן פאַר וואָס. פונקט ווי ס׳איז ניט געווען צו דערקלערן, ווי דאָס גאַנצע שטעטל איז באַלד פול געוואָרן מיט איר.

— זי רעט לייענט און שרייבט אפשר זעקס שפּראַכן.

— מ׳זאָגט, אַז עס איז אַ כבוד פאַר די גרעסטע פּריצים אַז זי רעט צו זיי.

— איר אויסקוק און איר שטעל ווי אַ ליכטיקע פּרינצעסין.

און אין שטעטל האָט מען זיך באַצויגן צו איר מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד.

אַז מען האָט געברויכט עפּעס אין מאַגיסטראַט פאַר אידענס וועגן איז שוין ר׳ פישעלע איצט געגאַנגען מיט דער שנור צוזאַמען.

ער האָט זיך מיט איר געצירט און זיך געקענט פאַרלאָזן אויף איר.

פאַלטשע ר׳ פישעלעס שנור האָט ניט געברויכט אַראָפּצונע-מען ס׳היטל פאַר קיינעם אפילו ניט אין מאַגיסטראַט, ווי איר שווער ר׳ פישעלע אפילו האָט עס געטאָן. ס׳איז געווען קאָנטיק, אַז זי וואָלט אפילו געווען אַ מאַן וואָלט זי ניט אַראָפּגענומען ס׳היטל פון דרך ארץ און מורא פאַר מלוכה - מענשן, נאָר ווייל אַ-זוי פאָדערט די מענשליכע העפליכקייט.

זי פלעגט זיך שטעלן פאַר׳ן סעקרעטאַר, פונקט ווי פאַר׳ן בורגמישט אַליין אַן אַריסטאָקראַטיש שטאָלצע, דערביי אַרויסגע-רעט יעדעס וואָרט איידל, ווירדיג, איינגעהאַלטן, ווי זי וואָלט גע-וואויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט, ווייל זי וויל ניט פאַרלירן קיין איבריק וואָרט, און זי רעט צו זיי די דאָזיקע ווערטער בלויז, ווייל דער סעקרעטאַר ווי דער בורגמישט הערן זיך צו איר צו מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט.

זיי פלעגן ניט הייסן אַ באַדינער, ווי זייער געוואוינטהייט איז

געוועז נאָר אַליין מיט גרויס דרך ארץ איר אונטערגעקן אַ שטול און — די פּאַנאַ זאָל זיין אַזוי פריינטליך און זיך זעצן.

נאָכדעם אַז דער בורגמישט אָדער סעקרעטאַר האָט איר באַ־גענגט אין גאַס האָט מען אַראָפּגעכאַפּט ס'היטל איר באַגריסט העפליך און מיט דרך ארץ דערביי געשמייכלט נאַריש און אומ־באַהאָלפן, ווי — אפשר וועט די דאַמע זיין אַזוי פריינדליך און פאַר אַ מינוט זיך אָפּשטעלן.

אָבער פּאַלטשע ר' פישעלעס שנור האָט בלויז לייכט אַ נויג געטאָן איר שיינעם קאָפּ און איז ווייטער געגאַנגען.

— (*צאָ זאַ קרולעווסקאַ דאַמאַ! — האָט דערנאָך דער בור־מישט, ווען ער איז פונקט געגאַנגען מיט נאָך אימיצן אינסטינק־טיוו אַ זאָג געטאָן און זיך ניט געקענט איינהאַלטן זיך ניט אומ־צודרעען און איר נאָכגעקוקט. איז דאָך דאָס שטעטל ניט גרויס.

האָט דאָס ווי אַ כישוף שנעל זיך איבערגעטראָגן צו די עטלעכע, געהויבענע קריסטליכע לייט. און ס'האָט מיט דרך ארץ געצויגן פאַר איר ס'היטל, דער דייטשער פּאַסטאָר, דער פּוילישער גלח, דער פּוילישער דאָקטאָר אַ זער רייכער איידעם, דער אַפּטיי־קער, דער רייענט און זי האָט יעדן פון זיי באַשאָנקן מיט אַ לייכטן אַריסטאָקראַטישן שטאָלצן נויג מיט'ן קאָפּ און זעלטן מיט אימיצן זיך אָפּגעשעלט.

— ר' פישעלעס שנור — האָבן אידן גערעט מיט ליבע און שטאָלץ און מיט גרויס דרך ארץ.

דאָך איז זי געווען פריינטליך אפילו צוגעלאָזן צו אַלעמען. ווען באַלעבאַטישע, נגידישע פרויען זיינען געגאַנגען זאַמלען געלט פאַר אַן אָרימער כלה, פאַר אַן אָרימער קראַנקער, צו פאַר אָרימע יתומים האָט זי געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט,—פריינט־לעך און בכבוד; אַז זי איז יום טוב צו שבת ראש חודש געקומען דאַווענען אין דער ווייבערשער שול, איז זי געשטאַנען סיי מיט די

(* ס'ארע קעניקלאכע פרוי)

אָרימע, סיי מיט די רייכע, און מיט אַלע צעזאַמען געדאַווענט.

פרויען, גוטע ״זאָגערינס״ האָבן זיך ניט געקענט אָפּ׳חידוש׳ן אויף איר קלאָרן לייענען און זאָגן, כאָטש זי האָט ניט מיט קיינעם עקסטרא געשמועסט, האָט מען דאָך געפילט אַז זי האַלט זיך פשוט, איידל און צוגעלאָזן.

קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט האָט זי מיט קיינעם ניט געשלאָסן: מיט די פרויען אודאי ניט.

זי איז כמעט אין יעדן שיינעם טאָג איינע אַליין אַרויסגעגאַנגען פאַר אַ שפּאַציר. זי איז געגאַנגען מיט לייכטע איידעלע און געמאָסטענע טריט, ווי זי וואָלט באַשיינט און בכבוד געהאַלטן דאָס שטעטל.

אפילו די פרויען האָבן ניט געהאַט קיין קנאה צו איר.

פון די פענסטער און פון אָפענע טירן צו דער גאַס אַרויס, האָבן זיך באַוויזן פרויען און מיידל׳שע קעפּ:

— ר׳ פישעלעס שנור! —

קיין קינדער האָט זי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה ניט געהאַט.

איז מען אין שטעטל בלויז געווען נייגעריק צו וויסן ווער עס איז שולדיק אין דעם:

זי, פאַלשטע, צו ער, מענדל. און אַז זי האָט זיבן יאָר נאָך דער חתונה ס׳ערשטע מאָל פאַרשוועגערט, האָט מען ווידער גערעט אין שטעטל, אַז דאָס, וואָס זי האָט ביז איצט קיין קינדער ניט געהאַט האָט צו טאָן מיט איר אַריסטאָקראַטישער איידלקייט; ווייל אַזוי פּאַסט זיך פאַר אַ דאַמע ווי ר׳ פישעלעס שנור.

ר׳ פישעלע איר שווער איז געשטאָרבן, איידער זי האָט נאָך געבוירן ס׳ערשטע קינד. ס׳איז געווען עטליכע יאָר פאַר דער וועלט מלחמה.

אָן דעם טאַטנס הילף האָט מענדלען אָנגעהויבן גיין מיט

דער פּוטער אַראָפּ. דערנאָך איז געקומען די מלחמה: רוסן דייטשן, רוסן און ווידער דייטשן; אָרימקייט פּאָגראָמען, הונגער, צרות, געפּאַלנקייט און הפקרות. דערנאָך פּוילן און גזרות פּוילן: געשריבענע און ניט געשריבענע. נאָך די אַלע יאָרן פון שלעק, צרות און הפקרות זיינען אָרים און רייך געוואָרן גלייך: גלייך געהונגערט, גלייך געקראָגן געשלאָגן; גלייך געוואָרן דערנידריקט און געטראָטן פון אַלץ און אַלעמען, געוואָרן געהעצט און גע-רייצט, און געיאָגט ווי חיות; און דער אידישער מענש האָט פאַר-לוירן זיין צלם אלהים — הונדערטער יאָרן אידישע טראַדיציע, אי-דישע חשיבות איז געוואָרן הפקר.

און ר' פּישעלעס קינדער זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם.

פּאַלטשע ווי מענדל זיינען שוין אַריבער פּיפּציק.

די עלטערע צוויי זין זיינען אין אַן אַנדער שטאָט, וווינט און פּלאָגן זיך באַזונדער.

פאַרבליבן מיט די עלטערן איז בלויז די אינגסטע בת יחידה, אסתר'ל

אסתר'ל איז שטאַרק געראָטן אין דער מאַמען סיי אין וואוקס, סיי אין שיינקייט און אין כאַראַקטער. נאָר אין זייער אָרימקייט און געפּאַלענקייט איז זי פּונקט ווי די עלטערן דערשלאָגן, און האָט דערוויל ניט געהאַט קיין מוט און קיין געלעגנהייט זיך צו ווייזן. זי העלפט דער מאַמען באַקן אַבּיסל געבעקס, וואָס זיי פאַרקויפן צוויי מאָל אַ וואָך אין די טאָרג טעג צו די פּויערים און פּויערטעס וואָס קומען אין שטאָט אַריין פאַרקויפן זאַכן. פון דעם אַמאָליקן גלאַנץ, רייכטום, יחוס. —

אפילו פון פּאַלטשעס שטאָלץ איז שוין לאַנג קיין סימן ניט צו דערקענען.

די צרות, הונגער און געפּאַלנקייט האָבן איר אין אָנפאַנג שטאַרק דערשלאָגן. דערנאָך האָט זי גיכער פון איר מאַן שלום

געמאַכט מיט דער געשאַפענער לאַגע, זיך איינגעלעבט מיט די צרות.

בלויז אין שטוב צווישן זיך, איז קיין הפקרות. וואָס הערשט כמעט אין יעדן הויז און פון איינעם צום צווייטן, ניט אַריינגעקו-מען. סימנים פון אַמאָליקער איידלקייט איז נאָך פאַרבליבן צווישן די פיר ווענט פון שטוב.

מען רופט זיך נאָך איינס ס'אַנדערע מיט אַ געוויסן דרך ארץ: זי אים מענדל, ער איר פּאָלטשע פּונקט ווי אסתר'ל רופט זיי: פּאַ-פּעשי, מאַמעשי; — גלייך, ווי אין גאַנצן האָט זיך די אַמאָליקע, יחוס'דיקע איידלקייט ניט געלאָזן אויסראָטן.

זעקסטער קאַפּיטל

אַריינגעקומען צו מענדל ר' פישעלעס איז לייבל אין אַ מיטן וואָך — גאָר שוין שפּעט נאָכמיטיק. ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל זיך ריכטן אויף אים. אָבער אין גאַנצן אַריינפאַלן אומגע-ריכט האָט ער אויך ניט געוואָלט. דערצו איז ער שוין געווען אויף אַזוי פיל אַמעריקאַנער.

האָט ער געוואַרט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן מענדלען אין גאַס אַ צוויי שטונדן פריער און אים געזאָגט, אַז ער וועט היינט ביי אים זיין. ער וויל אָבער ניט אַז אימיץ זאָל וויסן דערפון.

ער וויל אַליין פאַרברענגען מיט מענדלס פאַמיליע.

ווארים לייבל האָט שוין געוואוסט אַז מענדל האָט אַן איינ-ציק מיידל שוין אין איין און צוואַנציקסטן יאָר, אַ שיינע און אַ געראָטענע.

דאָס אַליין האָט אים אָנגעפילט מיט אַ זיסער, ווייטער גו טער שטימונג און מיט יראת הכבוד צו ר' פישעלעס קינדער. ס'-וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויסע זכיה כאָטש ער האָט זיך קוים דערלויבט דערווייל צו צולאָזן אין געדאַנק די מעגליכקייט אַז ר'

פּישעלעס אַן איינִיקל אַ שיינע און יונגע דערצו זאָל ווערן זיין כלה. ער וואָלט איר אונטערגעלייקט די הענט אונטער אירע טריט.

ער איז געווען אַזוי פול מיט באַגער, זכיה און יראת הכבוד אַז ער האָט דערווייל ניט געקענט און זיך ניט פאַרגינען צו דענ-קען דערפון.

ער איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר׳ן שפּיגל, זיך געפּוצט, זיך באַקוקט אָנגעטאָן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס ער האָט געהאַט.

ער האָט אויך ניט געוואָלט אַז מען זאָל זיך אָנשטויסן אפילו ביי בערל משה׳לעס אַז ער גייט צו מענד׳ל ר׳ פישעלעס, אודאי ניט אַז ער גייט עפּעס מיט אַ כונה. דערפאַר, ערשט נעכטן אַז ער איז אין גאַס מיט אַ אידן צו רייד געקומען וועגן מענדל ר׳ פּי-שעלעס, און אַז יענער האָט אים געזאָגט וועגן אסתר׳לן האָט ער ניט געוואָלט פרעגן קיין איבעריקע פראַגן. עס האָט בלויז עפּעס אַ שטילער ציטער געטאָן אין אים.

ווען מענדל איז אַהיים געקומען און אָנגעזאָגט, אַז דער רייַ-כער, אַמעריקאַנער גאַסט, וואָס האָט שוין איבערגעלאָזן אַזוי פיל געלט אין שטעטל און מיט וועמען דאָס שטעטל איז פול קומט צו זיי באַלד מיט אַ וויזיט, איז פאַלטשע ס׳ערשטע מאָל זינט יאָרן געבליבן שטיין, זיך אַרומגעקוקט אויף איר אָפּגעשליסענער און אָפּגעריסענער אָרימקייט, זיך דערמאָנט אין אַמאָל און זיך געשעמט. איר בליק האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט אויפ׳ן גרויסן וואַנט-זייגער, וואָס כאָטש ער איז שוין אַלט און אָפּגעריסן, איז ער אָבער נאָך אַן איבערבלייבעכץ פון אַמאָליקע, רייכע יאָרן. עס איז איר שוין זינט יאָרן ניט איינגעפאַלן זיך צו דערמאָנען, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ טייערער זייגער, וואָס זיינס גלייכן איז בלויז געהאַנגען אין גאָר גבירישע הייזער.

זי האָט פאַרגעסן אָן אים, פונקט ווי זי האָט אָן אַנדערע זאַכן פאַרגעסן. ערשט איצט, אַז זי קוקט אויף אים זעט זי, אַז אַ מענש וואָס האָט גערודלד און איז אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן, קען נאָך דערקענען, אַז אָט דער זייגער, אפילו אין זיין אַלטקייט, איז אַן עדות, אַז עס איז דאָ אַמאָל געווען אַן איידל, גביריש הויז. האָט זי איצט גענומען אַרום ווישן און אַרומפוצן די שטאַרק פאַרזעסע־נע אַלטקייט, אפשר וועט ער זיך אַביסל אָפּפרישן.

האָט זי זיך אויך שוין דערמאָנט וואָסער טייער גלאָז־וואַרק, זילבערנע ליכטער, קידוש־בעכערס און אַנדערע זאַכן זי האָט גע־האַט, וואָס וואָלטן איצט פאַר דעם גאַסט געקענט עדות זאָגן, וואָס זייער הויז איז אַמאָל געווען.

אָבער דאָס אַלץ איז שוין לאַנג פאַרקויפט געוואָרן פאַר בחצי חינם ס׳לעבן צו דערהאַלטן.

ס׳שטייען נאָך די בעטן פון אַמאָל, ס׳שיט זיך שוין פּרוכנע פון זיי. ס׳פעלן אויך שוין עטליכע פיס, וואָס האָבן זיך פון אַלט־קייט אויסגעבראָכן. מען האָט אונטער זיי געמוזט אונטערשטעלן קלעצלעך און קעסטעלעך, זיי ווי עס איז נאָך צו דערהאַלטן. וואָס ס׳איז יאָ כאָטש בלויז אויפ׳ן קוק, גאַנץ געבליבן איז אַ מעהאָגעני אַרם שטול, אָדער פאַטער שטול מיט געבלימלטן פּלוש באַצויגן, וואָס זינט יאָרן שוין, ווי מען פאַרגינט זיך ניט אויף אים צו זעצן. איז ער גאַנץ פאַרבליבן. און כאָטש דער פּלוש איז שוין אין גאַנצן אָפּגעשאָסן און שטעלן ווייז אויסגעריבן איז ער אָבער נאָך אַלץ אַן עדות פון אַמאָליקער רייכקייט און גדולה.

אין דעם הילוך, וואָס מענדל גייט אַרום, האָט אים שוין דער רייכער אַמעריקאַנער גאַסט געזען. דערצו איז ער אַ מאַנספּאַר־שוין

אָבער פֿאָלטשע האָט זיך ווי עס איז געוואָלט צוזאַמענ־שטעלן.

ווארים מיט דער בשורה, אַז דער רייכער אַמעריקאַנער קומט צו זיי אַלס גאַסט האָט, נאָך יאָרן פֿון אָרימקייט, דערשלאָגנקייט און געפֿאַלנקייט, זיך ווידער אויפֿגעוועקט אין איר אַ פֿאַרלאַנג צו וועלן זיך ווייזן, צו וועלן אויסזען, כאָטש ניט ווי אַמאָל, איז כאָטש אַביסל אַנדערש ווי זי זעט אויס. איז איר געווען שווער אויפֿ'ן האַרצן. ווארים מער ווי דאָס ביסל שמאַטעס וואָס זי טראָגט אויף זיך האָט זי ניט. זיי זיינען צעריבן און אָפּגעטראָגן שוין מיט לאַטעס איינגענייטע, וואָס פּלאַצן ווידען אָדער עפענען זיך פֿון אַלטקייט.

ניט קיין פֿיל בעסערע קליידער האָט געטראָגן אויף זיך אסתר'ל, די איין איינציקע און צוואַנציקסטן יאָר בת יחידה זייערע.

אָבער אסתר'ל האָט ניט געפֿילט זיך צו שעמען אפילו ניט פֿאַר דעם רייכן גאַסט. אסתר'ל אין איר אָרימקייט האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין געפֿיל אַז זי דאַרף זיך פֿאַר אימיצן אַנטאָן גע־פֿעלן צו ווערן.

זי האָט געהאַט אַן איינגעבוירן שטאָלץ געפֿיל, צו זיין ווי זי איז, אויסצונעמען, אויב עס וועט נאָר זיין ביי אימיצן, ווי זי איז, ווי זי שטייט און גייט, ווייל זי איז אסתר'ל.

זי האָט זיך דערפֿאַר, אין איר גאַנצער אָרימקייט, אין איר צעריסענעם און צעשליסענעם הילוך, זיך דאָך ניט צוגעלאָזן גלאַט צו אימיצן, וועלן ווערן נאָענט גלאַט צו אימיצן.

און אין שטעטל האָבן איר די מיידלעך דערפֿאַר אָנגעהויבן רופֿן: ס"פֿאַרצוויגענע פּיסקל.

אמת, זי איז פּונקט ווי אַנדערע נייגעריק געווען צו זען דעם רייכן אַמעריקאַנער, וואָס איז אַ געבוירענער דאָ פֿון שטעטל. אָבער זי איז קיין איינמאָל ניט עקסטראַ אַרויסגעגאַנגען, אָדער

זיך געשטעלט אין פענסטער אריין אים צו זען, ווי דאָס האָבן גע-
טאָן אַלע אַנדערע מיידלעך, ווען מען האָט דערהערט, אַז ער גייט
איבער'ן גאַס.

איצט, אַז ער קומט צו זיי אין הויז אַריין איז זי צופרידן. און
אַז קיינער האָט אים ניט עקסטרא געבעטן נאָר ער קומט פון זיך
אַליין, איז זי אודאי צופרידן, כאָטש זי וועט עס קיינעם ניט זאָגן,
פונקט ווי זי זאָגט דערוויל אסך זאַכן ניט וואָס זי טוט אין איז
שטאָלץ מיט זיי.

אמת, זי בענקט נאָך גאַנצע, שיינע קליידער, נאָך אַ בעסער
לעבן, ווי איר אָרימס און געפּלאָגט'ס. אָבער אַז זי האָט עס ניט
וועט זי זיך דערפאַר ניט אויסוויינען די אויגן. און זיין געפאַלן
ביי אימיצן דערפאַר וועט זי אויך ניט.

פאַר ווענען זי וואָלט יאָ געבויגן איר שטאָלץ איז פאַר
די עלטערן און צוליב די עלטערן אירע, ווענען עס טוט ווייי
און ווענען עס איז שווער דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן. דערפאַר,
ווען דער פאָטער איז אַהיימגעקומען, אַזש מיט טרערן פון פרייד
אין די אויגן מיט דער צען דאָלאַרדיקער אַסיגנאַציע און נאָך מער,
וואָס דער רייכער אַמעריקאַנער האָט זיך באַצויגן צו אים
וואַרם און מיט כבוד, האָט זי געפילט אסתר'ל, אַ וואַרעמע דאַנק-
באַרקייט צו דעם רייכן אַמעריקאַנער גאַסט און אַ שטאַרקן באַ-
גער אים צו זען.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכטליך, שוין פאַר זונזעצן זיך,
ווען לייבל איז אַריינגעקומען. מענדל, אפילו פאַלטשע, איז פאַר
דער מינוט, ווען זי האָט דערזען דעם זוניבער'ן און רייך אָנגעטאָ-
נעם הערן, געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט.

אי מענדל אי פאַלטשע האָבן אין דער מינוט ניט געוואוסט
וואָס אָנצוהויבן.

אויך לייבל איז אין מאָמענט געבליבן שטיין, ווי עס וואָלט

אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין אים עפּעס פון דעם יראת הכבוד און פון דער הערליכער פאָרשטעלונג מיט וועלכער ער איז אויפ'ן וועג אַהער געגאַנגען צו ר' פישעלע דאָזער'ס אַ זון, ווען ס'האָט אים מיט אַמאָל פון יעדן ווינקעלע אַ שלאָג אַנטקעגן געטאָן די אָ-רימקייט און אָפּגעשליסנקייט.

אָבער באַלד האָט אים מענדל פאַרגעשטעלט פאָלטשען, זיין ווייב און אסתר'לן זייער איינציקע טאָכטער.

אין פאָלטשן, וואָס איז צו זיך געקומען, האָט אין איר גאַנצן אָרימען און דערשלאָגענעם הילוך, מיט אַמאָל אויפגעוואַכט עפּעס פון אַמאָל. זי האָט איצט, ווען מענדל האָט איר פאָרגע-שטעלט דעם גאַסט, זיך ניט פאַרלוירן און זיך ניט געפילט גע-פאַלן. זי האָט דעם גאַסט, אין איר גאַנצן אָרימען און זבידזש-יעטן אויסזען, אויפגענומען מיט אַ צוריק אויפגעוועקטער, נגידי-שער האַלטונג און מיט כבוד.

נאָך מער האָט זיך ניט פאַרלוירן אסתר'ל, ווען זי האָט ס'-ערשטע מאָל אין איר לעבן געקראָגן די געלעגנהייט זיך צו ווייזן פאַר אַ רייכן, גרויסוועלטיקן מענטשן. זי האָט מיט איר איינגע-בוירענעם, עקסטראַ חוש אויפגעכאַפּט, ווי ער איז גערירט און פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר.

איבערהויפּט ווען ער האָט איר געגעבן די האַנט און ער האָט איר ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט דער-פאַר ביי די עלטערן און ניט ביי איר אַ פרעג געטאָן: — דאָס איז אייער טאָכטער? —

און זי, אסתר'ל, האָט ניט געוואַרט, ביז די מאַמע וועט פאַר איר ענטפערן:

— יאָ — האָט זי אים געגעבן די האַנט:

— מיין נאָמען איז אסתר'ל, אסתר'ל רובינשטיין — און דער-

ביי אים גלייך געקוקט אין די אויגן אריין און געווארט ביז ער וועט אפלאזן איר האנט.

א זיסער אומעט, א נאגענדער באגער צו אסתר'לס שטאל־צער שיינקייט האט אים שיער צענומען, לייבלען. ער איז באהערשט געווארן פון אסתר'לס שיינקייט.

און דער יראת הכבוד געפיל וואס ער האט געהאט אין די אלע יארן צו ר' פישעלע דאזער און זיין משפחה איז איצט, ווען ער איז געשטאנען אזוי נאענט צו אסתר'לן טאפלט שטארק געווארן אין אים. עס איז איצט חשוב'ער ביי אים נאך געווארן מענדל איר פאטער; עס איז חשוב געווארן ביי אים איר מוטער, און — ר' פישעלעס שנור. און כאטש זי איז געשטאנען פאר אים אזוי ארים אין שמאטעס אנגעטאן, די האר שוין היבשלעך גרוי, דאס פנים גערונצלט, איז ער קוים דרייסט געווען צו רעדן צו איר. ער האט געהאט דעם איינדרוק, אז אויך פון איר קוקט ארויס א גרויסער יחוס. איר פיין האלטן זיך.

נאך מער האט ער זיך גע'הידוש'ט און באוואונדערט די שיינע, יונגע אסתר'ל, וואס ווי ער ווייס שוין, האט זי זיך שוין אויפגעצויגן אין אט דער ארימקייט דאך שטייט זי פאר אים א גלייכע, א שטאלצע און קוקט אים אין די אויגן אריין. זי האט זיך אויף א האר ניט פארלוירן, זיך ניט געשעמט, ווי עס האבן געטאן אזוי פיל אנדערע פרויען און מיידלעך זינט ער איז דא. ווי איידל שטאלץ און שיין זי קוקט אויס, אפילו אין אט די ארימע אפגעטראגענע און אויסגעריבענע קליידער: — פארט ר' פישעלע דאזער'ס אן איניקל. —

האט אים א נאגנדע ווארעמקייט ארומגענומען צו דער שיינער, איידעלער, אסתר'לן, א רחמנות צו איר ארימקייט און א יראת הכבוד געפיל צו איר פונקט ווי צו אירע עלטערן.

— דער הער וועט זיך ניט אפזאגן צו טרינקן טיי מיט

אונז, — צו פאַרבייסן איז אויך דאָ — האָט פאַלטשע אים ווי אויפגעוועקט.

— מיט פאַרגניגן, אודאי — האָט לייבל מיט פרייד מסכים געווען.

גלעזער, צוקער און קיכלעך, האָט שוין אסתּר׳ל געשטעלט אויף דעם שוין געדעקטן טיש. זי האָט אַלע מאָל אַ קוק געטאָן, ניט בגנבה, נאָר דרייסט גלייך און ווירדיק אויף דעם גאַסט, זיך געחידושט אויף זיין רייכער, קליידונג, וואָס זינט זי געדענקט, האָט זי עס נאָך ניט געזען.

ערשט ביים טיש, ווען מען האָט שוין צוזאַמען געשמועסט און אסתּר׳ל האָט זיך געשטעלט האַרכן פונקט אַנטקעגן אים, האָט ערשט לייבל דערזען ווי איידל און נגידיש-שיין אסתּר׳ל איז. זיין אויג ווי זיין געדאַנק איז אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט איר. ווער שמועסט, ווען זי זאָל נאָך אָנטאָן קליידער, ווי עס פּאַסט פאַר איר.

ווען ער זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט ער עס שוין אָנגעבאָטן פאַר איר.

ער וואָלט אפילו געפאָרן מיט איר, נאַטירליך מיט דער מו-טער צעזאַמען, קיין וואַרשע איינקויפן אַ רייכע גאַרדעראָבע פאַר איר.

אָבער ער האָט זיך געשעמט עס איבער׳ן מויל צו ברענגען, ווען ער איז נאָר וואָס ס׳ערשטע מאָל אַריינגעקומען.

היינט איז מיטוואָך. שבת וועט ער ווידער אַריין קומען. פאַר-וואָס טאַקע ניט יעדן צווייטן טאָג ? — ער געדענקט דאָך אַזוי גוט ר׳ פישעלעס הויז און ער האַלט עס פאַר אַ כבוד אַריינצוקו-מען ווי אַן אייגענער צו זיינע קינדער — וועט ער זיי זאָגן.

מענדל און פאַלטשע האָבן אים געבעטן עפּעס דערציילן פון אַמעריקאַ.

און בשעת ער האָט אָנגעהויבן איז אסתר'ל אַלץ געשטאַנען אַנטקעגן אים נייגעריק און געשפּאַנט, ווי זי וואָלט אים וועלן זאָגן: אַז זי איז גערן צו הערן פון דעם ווייטן, רייכן לאַנד.

אָבער לייבל, וואָס איז ניט געווען קיין גרויסער דערציילער איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער שמועס: אַז ער האָט ר' פישעלען, מענדל'ס פאָטער, זער גוט געקענט.

ער האָט, צוליב אסתר'לן געוואָלט ווערן מיט דער פאַמיליע נאָענט און היימיש. האָט ער, בשעת ער האָט גערעט פון ר' פּי־שעלען און זייער הויז, זיי געגעבן צו פילן, אַז ער ווים די פאַמי־ליע, פאַרשטייט זייער ווערט און ער האָט נאָך צו געגעבן: ער האָט שוין אויך געהערט דערציילן פון איר, פאַלטשן, ווען זי איז אַלס ר' פישעלעס שנור דאָ אַראָפּגעקומען אין שטעטל אריין. ער האָט דערביי געוואָרפן אַ בליק אויף אסתר'לס מאַמע, וואָס האָט זיך אין דער מינוט געפילט, ווי זי וואָלט ווידער איבערגעלעבט יענע שיינע צייט. דערנאָך האָט ער וואַרם אַ קוק געטאָן אויף אסתר'לן און ווידער באַמערקט:

—אייער טאָכטער איז שטאַרק געראָטן אין דער מאַמע: פון אַ שיינער, איידעלער משפחה קומען אַרויס שיינע, איידעלע קינדער.

אין דער מינוט האָט עס אַזש געגומען פלאַמען פון נחת און כבוד.

נאָר אסתר'ל וואָס, מען קען זאָגן, האָט ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן, געהערט אַזעלכע שיינע רייד וועגן זיך, האָט אַביסל פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, איבערהויפּט ווען דער גאַסט האָט נאָך מיט מיטגעפיל, ווי ער וואָלט איר באַדויערט צוגע־לייגט: — און אַזאַ יונג איידל קינד דאַרף שוין אויך מיט מאַכן אַ־זעלכע צרות. —

— מסתמא איז דאָך גאָטס ווילן אַזוי — האָט מענדל אַ זיפץ געטאָן.

— מיר זיינען ניט די איינציקע, ליבער הער — האָט פּאָלטשע צוגעגעבן.

— אסך גבירים און יחסנים זיינען געקומען צו בעטל-ברויט. און דאָס ערגסטע איז, וואָס קיינער קען זיי ניט מער און זיי אַליין האָבן זיך אויפגעהערט שעמען און דאָס אידישע לעבן און אַלץ איז געוואָרן הפקר. —

האָט מענדל פאַרענדיקט שיער ניט מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָרים — האָט פּאָלטשע ווידער אָנגעהויבן—ווען מענשן וואָלטן כאָטש געדענקט, ווער מיר זיינען, ווי דער הער געדענקט, איז אפילו מיר זיינען אָרים, וואָלט דאָך אַזאַ קינד, ווי אונזער אסתר'ל איז, נאָך געקענט טאָן אַ פיינעם, בכבוד'ן שידוך.

אסתר'ל האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש: עס פּאַסט ניט פאַר איר, אַ מיידל, צו בלייבן זיצן, ווען עס איז געקומען צו אַזאַ שמועס, כאָטש זי ווייס ניט, וואָס די מאַמעשי, איז דאָ אויסן. אויך מענדל, אין ווערענס אינגעווייד, עס האָט אַ גלימער געטאָן דער יחוס פון זיין פאָטער'ס הויז, האָט אַביסל פאַרשעמט אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ. בלויז פּאָלטשע, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר פּראַקטישע זאַכן, און וואָס האָט שוין אויך געהערט, אַז דער רייכער הער פון אַמעריקאַ, וועט אפשר אַ שידוך טאָן פון שטעטל; פּאָלטשע, וואָס האָט שוין באַמערקט, ווי דער הער איז פאַראינטערעסירט אין אסתר'לן האָט דרייסט און ווירדיק, ווי איר טבע איז אַלעמאָל געווען, צוגעלייגט:

— ווער עס וועט וויסן דעם ווערט פון אונזער אסתר'לן און פון וואָסערע משפחה זי קומט, וועט אויך וויסן איר אָפּצושעצן, אפילו אין אונזער איצטיקער אָרעמקייט. —

לייבל האָט דערפילט די אָפענע אָנצוהערעניש, אַראָפּגעלאָזן דעם בליק און געקלאַפּט אַביסל נערוועאיש מיט די פינגער איז טיש.

— וואָלט ער נאָר אַזוי זיכער געווען, אַז אויך אסתר׳ל וועט אים ליב האָבן, ווי ער ווייס איר ווערט און דעם ווערט פון איר משפחה — האָט אַ ליבשאַפט און אַ בענקעניש צו איר זיך אַזש אַ שפּאַר געטאָן צו אים אונטער׳ן האַרצן.

וואָרים, כאָטש לייבל האָט געפילט, אַז ער האָט איר נאָך אַלץ ניט ריכטיק אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט געהאַט דעם כח דערצו, האָט ער אָבער געפילט אסתר׳לס שיינקייט. ער וואָלט שוין גאָר געוואוסט ווי איר צו שעצן ,און אָפּצושעצן: ווי אַ פּרינצעסין וואָלט זי ביי אים געווען; ער וואָלט זיך געשפּיגלט און געצירט אין איר שיינקייט, חן, איידלקייט פּונקט ווי אין איר יחוס.

און ווידער אַרום, וואָס האָט ער זיך דאָ צו שעמען, בפרט ווען די מוטער גיט אים אָפּן אָנצוהערן? אסתר׳ל איז יונג. פאַר איר פּאַסט זיך טאַקע, ווען עס איז צורייד געקומען דערוועגן, זיך צו האַלטן אָן אַ זייט, באַשיידן.

אָבער ער, לייבל, ער איז ניט קיין אינגעלע. ער קען טאַקע צו דער זאַך צוטרעטן פּראַקטיש און אַזוי אַרום אויך אויסגעפּינען ווי עס האַלט ביי אסתר׳לן.

אגב, זאָל מען אין דער שטאָט זיך דערוויסן אַז ער וויל אַ שידוך טאָן מיט ר׳ פישעלע דאַזער׳ס אַן אייניקל, פאַלטשעס ר׳ פישעלעס שנור׳ס אַ טאָכטער.

זאָלן אידן אים אויפהערן מאַטערן מיט שידוכים.

אַ נייער מוט און אַ זיכערקייט האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין אים.

— הערט ר׳ פישעלעס זון און ר׳ פישעלעס שנור: פאַר מיר איז עס אַ זכיה צו פאַרברענגען ביי אייך אין הויז. אַז איר האָט ניט קעגן דעם וויל איך ווידער זיין ביי אייך אַ גאַסט שבת. —

— אודאי מיט׳ן גרעסטן פאַרגניגן און מיט׳ן גרעסטן כבוד! — האָבן ביידע פאַלטשע און מענדל מיט אַמאָל אויסגערופן.

— אָבער האָט לייבל ווידער אָנגעהויבן ווי ער וואָלט וועלן זיי זאָלן אים האַלטן ווי אַן אייגענעם, אַ נאָענטן, וואָס וויל זיי חלילה ניט ברענגען אין קיין פאַרלעגנהייט — אָבער, איך וויל איר זאָלט צוגרייטן אַ שיינע מלוה מלכה; מיר זאָלן צעזאַמען פאַרברענגען. און דאָס וויל איך טאָן פאַר אייער כבוד וועגן; ווייל ר׳ מענדל, איך בין אַסך שולדיק געבליבן אייער פאָטער ר׳ פּישעלען — האָט לייבל פאַרענדיקט און איינגעהאַלטן, ער זאָל חלילה ניט אימיצן באַליידיקן און עס זאָל אויסנעמען אויך אין אסתר׳לס אויגן, האָט ער אַוועקגעלייגט פינף צען דאָלאַרדיקע אַסיגנאַציעס אויפ׳ן טיש. עס איז ליכטיקער געוואָרן אין דער שטוב.

— אַ דאַנק הער פינק — האָבן זיך די אויגן ביי מענדלען און פּאָלטשען צעגלאַנצט. ווארים אַזוי פיל געלט האָבן זיי שוין זינט יאָרן ניט געזען:

— זיי זיינען דאָך צוריק נגידים. זיי ווייסן גאָר ניט דעם הער ווי צו דאַנקן דערפאַר; פאַר דעם געלט און פאַר דעם כבוד; דער הער איז אַ שליח פון הימל; ווארים קיינער דאָ אין שטאָט געדענקט ניט מער זייער אָפּשטאַם.

אפילו אסתר׳לן האָט אַ מיש געטאָן אין קאָפּ פון אַזאַ סומע.

זי האָט זיך אַזש אַ בויג געטאָן איבער׳ן טיש אַ קוק צו טאָן דאָרויף.

און כאָטש זי האָט אין דער מינוט ניט געקענט אויסרעכענען אַקוראַט וויפיל דאָס איז אין פּויליש געלט, האָט זי אָבער דערכאַפּט מיט׳ן געדאַנק, אַז דאָס איז זער אַסך.

לייבל האָט געקוקט אויף מענדלען, אויף פּאָלטשען און ווי ער וואָלט איבער עפּעס נאָכגעטראַכט האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן: מילא איר זיינט שוין מענטשן אין די יאָרן, ביז הונדערט יאָר. ווי אַזוי איר גייט אָנגעטאָן, מילא.

אָבער אַזאַ מיידל ווי אייער אסתר'ל — האָט לייבל אָפּגע-האַקט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט דערוויַיל ווייטער וואָס צו זאָגן און ווידער אָנגעהויבן:

— ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט בין איך צו אייער פאָטער ר' פישעלע אסך שולדיק. וויל איך פרוי רובינשטיין, מיר זאָלן באַלד נאָך שבת אַריינפאָרן קיין וואַרשע און קויפן אָנצוטאָן פאַר אייער טאָכטער, ווי עס פּאַסט איר, און ווי עס קומט איר צו.

נאַטירלעך אויב דאָס פריילײן, אייער טאָכטער וועט צו שטי-מען —

האָט לייבל אַ קוק געטאָן אין אסתר'לס זייט.

אסתר'ל האָט זיך אין דער מינוט פאַרלוירן, ס'בלוט איז איר אַזש געלאָפן אין פּנים אַריין. אָבער באַלד האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ס'איז גאָר ניט געווען צו דערקלערן, ניט פאַר לייבלען. און ניט פאַר אירע עלטערן ווי דרייסט, רואיק און ווירדיק זי האָט געענטפערט קוקנדיק דעם רייכן גאַסט אין פּנים אַריין:

— אַז דער הער זאָגט, אַז ער איז אסך שולדיק געבליבן מיין זיידן, וועמען איך האָב ניט געקענט, זאָג איך זיך ניט אָפּ.

מענדלען, דעם פאָטער, איז אַזש הייס און קאַלט געוואָרן פון אסתר'לס ענטפער. ער האָט געפילט אַז דאָס איז אַ חוצפה אַזוי צו ענטפערן דעם רייכן גאַסט, וואָס איז אַזוי גוט צו זיי; ער האָט געפילט אַז דער רייכער גאַסט וועט זיך באַליידיקן פון אַזאַ ענט-פער: ס'הייסט זי האַלט זיך נאָך דאַרונטער. ער האָט זיך גע-שעמט פאַר זיך און פאַר דעם רייכן גאַסט. און פאַלטשע, די מאַ-מע, וואָס האָט נאָך ניט אין גאַנצן געקענט קומען צו זיך פון דער פריערדיקער איבעראַשונג; וואָס האָט נאָך אַלץ ניט געקענט גלויבן, אַז דער הער האָט טאַקע איבערגעלאָזן אַזוי פיל געלט האָט אין מאָמענט אַזש אַ ציטער געטאָן פון אסתר'לס ענטפער.

אָבער באַלד האָט עפּעס אויפגעוואַכט אין איר; עפּעס פון

איר אייגענער מיידלצייט. און עפּעס האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין איר, און זי איז געוואָרן שטאָלץ מיט איר אסתר'לן רק פאַר אַזאַ ענטפער. עס איז איר, פּאַלטשן, וואָס איז פאַרט מיט די יאָרן על-טער און דערשלאָגן געוואָרן, בלויז שווער געוועזן צו באַנעמען, פון וואַנען עס האָט זיך צו אסתר'לן אין זייער איצטיקער אָרימקייט און געפאַלנקייט גענומען דער מוט אַזוי שטאָלץ דעם רייכן הערן צו ענטפערן.

האָט זי זיך אויך אַביסל דערשראָקן, אפשר האָט זיך דער רייכער גאַסט, וואָס וויל זיך צו זיי, איבערהויפּט צו אסתר'לן דערנענטערן, באַליידיקט.

אָבער לייבל האָט זיך ניט באַליידיקט. פאַרקערט; רק פאַר איר דרייסטן און שטאָלצן ענטפער איז אים אסתר'ל ליב און טייער געוואָרן.

אַ הייליק געפיל צו איר, וואָס ער האָט נאָך זינט ער לעבט, ניט געפילט האָט אים אַדורכגענומען. ער ווייס ניט ווי אַזוי און פאַר וואָס.

.. ער פילט אַז רק פאַר די עטליכע ווערטער, ווי אַזוי זי האָט זיי געזאָגט איז זי אים ליב געוואָרן; איז זי גרויס און דערהויבן גע-וואָרן אין זיינע אויגן. אַזוי דאַרף טאַקע רעדן ר' פישעלעס אַן איי-ניקל.

עס איז אים אַזש וואַרם, זיס און אומעטיק געוואָרן. ער האָט אין דער מינוט געפילט, אַז ער וואָלט געקענט זיין גאַנץ פאַרמעגן אפילו זיין לעבן פאַר איר אָפּגעבן.

זיבנטער קאַפּיטל

אין עטליכע טעג שפּעטער האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געקלונגען מיט דער נייעס, אַז דער הער פינק, דער רייכער גאַסט פון אַמעריקאַ, איז אָוועקגעפאָרן מיט פּאַלטשן און איר טאָכטער,

ווען ער וויל פאַר אַ כלה, אַזש קיין וואַרשע אויסצוקלײַדן איר. די אידן אין שטעטל האָבן דערפילט ווי זיי וואָלטן געבליבן מיט אַ נאָז.

אלמנות סאַי אינגערע, סאַי עלטערע האָבן פאַרלוירן ס'לעצ-טע ביסל האָפנונג, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר דער צייט, וואָס מ'האָט גערעט, אַז דער רייכער גאַסט וועט טאָן אַ שידוך דאָ פון שטעטל.

מיידלעך סאַי אינגערע, סאַי עלטערע האָבן זיך געפילט ווי אָפּגענאַרטע און באַליידיקטע.

אידן וואָס האָבן געקראָגן אַן אינטערעס, אידן וואָס האָבן גע-שמייעט, געלאָפן און געהאָפט צו פאַרדינען שדכנות-געלט זיינען געבליבן שטיין, ווי זיי האָבן זיך נאָר וואָס געיאָגט צו אַ באַן, וואָס האָט זיי באַדאַרפט ברענגען צו אַן אָרט, וואו ס'וואַרט אויף זיי אַן אויפריכטעניש, האָבן זיי זיך געיאָגט, געשלאָגן די כחות פון זיך און אָט נאָך בלויז עטליכע שפאַן, פייפט די באַן גאָר אָן און אַנטלויפט.

כאָטש ס'איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז מער ווי איין שידוך קען דער אַמעריקאַנער ניט טאָן; מער ווי צו איין כלה קען ער זיך ניט באַשליסן, זיינען זיי דאָך אַלע אַן אויסנאַם אָנגעפילט געוואָרן מיט קנאה, אפילו מיט האַס צו מענדלען, פאָלטשען און זייער טעכטערל.

— די געפאַלענע יחסנים — האָט ביי אַלעמען אַ גליה געטאָן מיט שנאה, ווי מ'וואָלט ביי זיי ווי פון אונטערן האַנט אַרויסגע-כאַפּט אַן אויפריכטעניש.

..מער פון אַלעמען זיינען אין כעס געווען די אָפּגענאַרטע מייד-לעך, וואָס אין זייער פינסטערער, דערשלאָגענער אָרימקייט אַן אַ רעכט קליידל אויפ'ן לייב, אָן אַ האָפנונג צו קריגן אַ שטיקל רעכטן חתן האָט דאָך יעדע פון זיי באַזונדער אין דער שטיל גע-

חלום׳ט, אַז עס וועט זיך סוף כל סוף באַווייזן ווי אַ נס פון הימל עפּעס אַ רייכער מאַן פון ערגיץ, וואָס וועט איר אויסקלייבן פאַר זיין באַשערטער, איר אַוועקפירן אין אַ שיין, גליקלעך און רייך לאַנד.

אָט די אַלע מיידלעך זיינען איצט אָנגעפילט געוואָרן מיט קנאה און האָס צו אסתר׳לן. אָבער די מיידלעך האָבן איינע צו דער אַנדערער ניט געהערט דערוועגן. יעדע באַזונדער האָט זיך פאַר די אַנדערע געשעמט; ווי יעדער באַזונדער האָט אַ חתן אָפּ־געזאָגט, איר ניט געוואָלט פאַר זיין כלה. און ווער איז שולדיק אין דערין אָט דאָס פאַרצויגענע פּיסקל אסתר׳ל. פריער האָבן זיי דאָס גאָר ניט באַמערקט אין איר. קליידער אַלטע, אויסגעריבע־נע, אויסגעטראָגענע, אָפּגעשאָסענע און אפילו צעריסענע און ניט פּאַסיקע טראָגט זי תמיד, זינט זיי געדענקן, פונקט ווי זיי אַליין טראָגן. ווען זי איז בכלל ביז איצט געלעגן אין זינען, ווען זיי האָבן אַלע געהאַט זייערע אייגענע צרות און זאָרגן. די יונ־געלייט, וואָס האָבן נאָך געקענט קריגן אַ מיידל מיט אַן אייגענע דירה, צו מיט אַביסל געלט, זיינען אַוועקגעפאָרן אין די גרעסערע שטעט. זיי האָבן זיך אויף איר און איר שיין פּנים׳ל פונקט אַזוי ווייניק אומגעקוקט ווי זיי האָבן זיך ניט אומגעקוקט אויף אַנדע־רע מיידלעך מיט שיינע פּנים׳לעך. איי, וואָס זי האָט געהאַט אַ־מאָל אַ זיידן עפּעס אַ ר׳ פישעלע פון וואָס דער רייכער אַמעריקאַ־נער איז פאַרכאַפּט געוואָרן, האָבן די יונגע לייט ניט געגעבן קיין צעבראָכענעם גראָשן דערפאַר. ערשט איצט זען זיי איין, די מייד־לעך ס׳אַרע פאַרצויגענע נאָז דאָס איז, און איז אַלע מאָל געווען: אָט די אסתר׳ל שלומפּער, ווען פויערים און שגצים אין די טאָרג טעג האָבן געטשעפּעט, און וואָס, ווי זיי פילן איצט, האָט ביי זיי אויסגעכאַפּט אַ חתן און אַ גרויס גליק.

אַ געוואַלדיקע שנאה האָט זיך געגאָסן אין זיי צו אָט דער

אסתר׳ל דעם שלומפּער, וואָס וועט ערשט איצט פאַררייסן דאָס נעזל און אויף קיינעם ניט וועלן קוקן.

זיי דערמאָנען זיך ערשט איצט, אַז זי איז שוין אַלעמאָל פרי־ער געווען שטאָלץ מיט איר שיין פּנים׳ל און מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַ זיידן אַ יחסן, וואָס קיינער געדענקט אים ניט מער און קיינעם ליגט עס ניט אין זינען.

זי האָט זיך דאָך קיינמאָל ניט געוואָלט חבר׳ן מיט די מייד־לעך דאָ.

ווי עס וואָלט איר ניט אויסגעפּאַסט, כאָטש אין מאַרק און אין די וואָכן טעג, וואו זי האָט געהאָלפן איר מאַמען, האָט איר יאָ גע־פּאַסט זיך אַרומצוררייסן מיט פּויערים, פּויערטעס שגצים און שיק־סעס, וואָס האָבן געוואָלט עפּעס כאַפּן פון די קייבערלעך.

אויך די ווייבער גלאָט אוים קנאה האָבן זיך ניט געקענט באַ־רואיקן און ניט געקענט מוחל זיין:

— אַן אויפריכטעניש געקומען אויף די געפאַלענע יחסנים.

— דאָ, "ווי" עס איז נאָך פאַראַן אַ־דער פון אַ גביר איז דאָ מזל.

— נאָך פאַראַן דאָ אין שטאָט אַזוינע שיינע "מעצאַצעס" און אפשר שענערע, ווי אָט די אסתר׳ל.

— מ׳זאָגט, אַז ניט בלויז די מיידל, נאָר דעם יחות, וואָס זי איז ר׳ פישעלעס אַן אייניקל האָט דעם אַמאָליקן אָרימען יתום א־ין דעם איצטיקן רייכן אַמערקאַנער אַזוי "פּאַפּאַדניעט".

— איז טאַקע דער ר׳ פישעלע געווען אַזאַ יחסן אַ איד ? —

— ניט בלויז ר׳ פישעלע דאָזער, מענדלס פאָטער, נאָר נאָך זיין זיידע ר׳ יונתן און זיין עלטער זיידע זיינען געווען גבירים און יחסנים —

האָט מיט בענקעניש נאָך דעם אַמאָל, געענטפערט אַן על־טערער איד.

— וואָס אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט ניט וואָס צו זאָרגן, קען איינפאַלן — האָט געענטפערט כאַצקל שפּרינגער, מיט יאָרן צו־ריק אַ לץ אין שטאָט.

— כ׳לעבן, ווען איך וואָלט געהאַט אַזעלכע צען טאַטעס און זיידעס „ר׳ פּישעלעך" וואָלט איך זיי אים אָוועקגעגעבן אין גדן מיט מיינס אַ טאָכטער.

צו זיין רייכקייט איז ער נאָך אַ קוק פון אַ מאַנספּאַרשוין.

— ווען איך בין אַ מיידל וואָלט איך זיך אסור געבּרעקט מיט׳ן.

האָט כאַצקל שפּרינגער, דער אַמאָליקער לץ, ווידער אַריינ־געוואָרפן.

— מ׳זאָגט, אַז ער איז שוין פיפציק און אפשר אַריבער פיפ־ציק.

— אין מיינע אויגן קוקט ער ניט אויס קיין פערציק אפילו.

— דאָס מאַכט דאָס גוט׳ס, וואָס ער האָט, די רייכקייט; און ס׳מאַכט אויך, וואָס ער האָט ניט קיין באָרד און ניט קיין וואָנצעס אפילו.

— אַז ער זאָל טאַקע חתונה האָבן מיט זייער טעכטער׳ל זיי־נען מענדל און פאָלטשע אויפגעריכטע.

— זיי וועלן שוין האָבן אויסגעזאָרגט.

— האָט ער טאַקע אין אַמעריקאַ ניט געקענט געפינען שוין אַזאַ יפיפיה?

האָט אַ אידענע נאָך קיין פערציק יאָר ניט אַלט, וואָס זעט אָבער שוין אויס ווי קרוב צו זעכציק, אָנגעפילט מיט אַ נייער קנאה, און ווי זי וואָלט באַדויערט אירע יאָרן און איר לעבן, ווי־דער אָנגעהויבן.

— אַז גיי טרעף, וואָס אַזאַ אַמעריקאַניעץ, האָט אין זינען.

— ווי אַ קיניקן וועט זי דאָך לעבּן בּיי אים, דאָס פאַרצויגע-נע פּיסקל.

— זעט איר דאָך, אַז ער האָט איבּערגעלאָזן אַמעריקאַ מיט די מיידלעך דאָרט און איז פאָרט אַראָפּגעקומען צו אונז נאָכאַמאָל צו נעמען אַ כּלה פון אונזער שטעטל.

— אָבּער איך מאַך ענק אַ וועט, אַז דאָס פאַריסענע נעזל, וועט אפילו ניט וועלן געדענקן, אַז זי קומט פון אונזער שטעטל.

— כ׳מיין עפּעס —

— כ׳מיין אויך אַזוי, — האָבּן אַלע פּרויען מיט אַמאָל ניט פאַרגינענדיק פאַלטשן און אסתר׳לן אַזאַ גליק.

— גלויבּטיץ מיר ס׳וואָלט שוין גלייכער געווען, ער וואָלט גאָר ניט געטאָן קיין שידוך דאָ.

— אַז מ׳האָט דאָך אים אַליין צוגערעט דערצו. אפשר וואָלט עס אים גאָר ניט איינגעפאַלן —

— און וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון? מענדל און פאַלטשע און זייער טעכטערל וועלן אויפגעריכט ווערן און בּיי אונז וועט בּלויז קעגן די גאַל פּלאַצן.

אויך בּיי די מענער איז עפּעס געווען אָנגעבּיטערט, ווי מען וואָלט אויך זיי אָפּגעטאָן עפּעס ,זיי אָפּגענאַרט, כאָטש וואָס האָבּן זיי אַליין ניט געוואוסט.

— וואָס זאָגט מען נישט צו דעם? ..מיר, וואָס מיר זענען דאָ היגע אַלע יאָרן און מיר קענען דאַכט זיך, יעדע אלמנה און יע-דעס מיידל, ווי מיר קענען אונזערע צען פינגער און מיט אַמאָל קומט דער אַעריקאַניעץ שוין אַ פרעמדער און טוט אונז אָפּ אויף טערקיש, לאָזט אונז איבּער מיט אונזערע שידוכים און קלויבּט זיך אַליין אויס אַ כּלה, איידער מיר האָבּן נאָך געהאַט צייט זיך רעכט אַרומצוקוקן.

— דאָס איז ״פּאַ אַמעריקאַנסקו״ —

— וואָס אַזאַ אַמעריקאַניעץ קען איינפאַלן.

— ר' פישעלע דאָזער'ס יחוס האָט אים "פּאָפּאַדניעט". גע־הערט אַ מעשה ? ! —

— בערל — האָבן זיי זיך מיט אַמאָל אַ קער געטאָן צו בערל משהלעס:

— בערל, דו קענסט דאָך אים נאָענטער. אַ מענש שוין אַ האַלבער אַמעריקאַנער, אַ גביר, אַ מיליאָנטשיק האָט אים גאָר "פּאַסמאַקעוועט" ר' פישעלע דאָזער'ס יחוס ?

— ס'איז דאָך פּשוט אַ געלעכטער.

— און ערשט זאָגט מען אַז אין אַמעריקא איז יחוס אַלעמאָל געלעגן אויפ'ן בית הקברות, פּונקט ווי ער ליגט יעצט ביי אונז אויפ'ן בית הקברות שוין זינט יאָרן. טאָ וואָזשע האָט זיך אָט דער הער פינק מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט אָן יחוס? קענסטו בערל אונז געבן אָן ענטפער דאַרויף ?

בערל משה"לעס האָט געצויגן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן אַז אויך ער פאַרשטייט ניט און ווייס ניט. נאָר אויב ער ווייס יאָ עפּעס וויל ער אויך ניט רעדן. און כאָטש ער האָט ניט קיין טעכטער האָט אים אָבער אויך עפּעס פאַרדראָסן פּונקט ווי אַלעמען; ווי אויך אים האָט מען עפּעס דאָ אָפּגענאַרט, ווי אויך ביי אים וואָלט מען עפּעס אויסגעכאַפּט. אָבער רעדן וויל ער ניט בערל משה'לעס.

וואַרים, אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָ דערלייגט ער דערוויל ניט צו דעם אַמעריקאַנער גאַסט זיינעם.

— אידן, איך זאָג ענק, ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. מילא, האָט ער זיך אַליין אויסגעקליבן אַ כלה.

— אָבער אידן! ס'זיינען דאָך דאָ אַזוי פיל מיידלעך און אלמנות אין שטאָט.

ס'איז דאָך אויף זיי אַ רחמנות !

— אָבער אידן! מער ווי מיט איינער וואָלט ער דאָך ניט גע־קענט חתונה האָבּן!

— טאַקע אַזוי. — האָבּן זיך אידן גענומען אָנקוקן ווי ס'וואָלט זיי ערשט איצט קלאָר געוואָרן אַן אמת.

— אידן! זאָג איך ענק, זאָל זיין מיט מזל! זאָל מען זען אַז דאָס שטעטל זאָל עפּעס האָבּן פון דעם שידוך.

— אשר איז גערעכט!

— אשר איז גערעכט!

— ראשית קען ער מאַכן אַ חתונה פאַר גאַנץ שטאָט מ'זאָל האָבּן צו געדענקן.

— כ'מיין אויך אַזוי; זאָלן מיר אויך אַ הנאה האָבּן.

— און זאָל מען זען ער זאָל טאַקע ווידער איבערלאָזן נאָך אַ טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן פאַר די שטאָט.

— כ'מיין אויך אַזוי —

— כ'מיין אויך אַזוי —

— וואָר'ן ווען וועט ער ווידער אַמאָל קומען צו אונז אין שטעטל אַריין ?

קיינמאָל ניט ! — האָבּן אַלע מיט אַמאָל געענטפערט.

— און חתונה האָבּן נאָכאַמאָל וועט ער אויך שוין ניט.

— אודאי ניט ! —

— און אַז אפילו יאָ ? קיין ר' פישעלעס אייניקלעך זיינען דאָך נישט מער פאַראַן דאָ — האָט כאַצקל שפּרינגער דער אַמאַ־ליקער לץ, וואָס אפילו אין די אַלע יאָרן פון צרות, פאַגראָמען, אָ־רימקייט, דערשלאָגנקייט האָט זיין טבע פון זאָגן אַ הלצה, ניט פאַרלוירן.

— כאַצקל ! כאַצקל ! — האָבּן אידן זיך אַ קער געטאָן צו אים געשאָקלט די קעפּ, ווי ס'וואָלט זיי געווען גרינגער אויפ'ן האַרצן, וואָלטן זיי מיטגעלאַכט.

אָבער כאַצקל, וואָס האָט זיך אַ דערמאָן געגעבן אָן אמאָליקע יאָרן האָט זיך שוין ניט געלאָזן איינשטילן.

— כ'האָב דאָך ר' פישעלע דאָזער גוט געקענט און ער האָט מיך געקענט.

כ'האָב דאָך אויך געדאַוונט אין זיין שוהל'עכל, געמאַכט קידוש ביי אים יעדן שבת און האָב זיך צו געהערט צו די נייעסן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס ער פלעגט לייענען פאַר אונז פון די ציייטונגן אַרויס.

כ'געדענק אמאָל ווי ר' פישעלע וואָס איז אסך מאָל געפאָרן אין דייטשלאַנד, האָט דערציילט, אַז אין בערלין, וואו עס וואוינט דער דייטשישער קיסר, קען מען פאַר איין מאַרק, פיפציק קאָפּי-קעס נאָך דעם דעמאָלטן רוסישן געלט, אַריינגיין אין קייזערליכן פאַלאַץ און זען דעם קיסר'ס גאָלדענעם צימער וואו ער נעמט אויף געסט.

— ר' פישעלע! — האָב איך אים איבערגעשלאָגן — ר' פי-שעלע, דענקט איר ניט, אַז פאַר מיינעם אַ שמעק טאַבאַק, וואָס צעגייט זיך מתיקות אין אַלע רמח אברים וואָלט דער קיסר מיך ניט אַריינגעלאָזן?

— אידן! — האָט כאַצקל ליִן, ווען ער האָט געזען ווי אידן אַרום אים האָבן אָנגעהויבן לאַכן: — אידן! האָט ר' פישעלע יעמאָלט גענומען לאַכן, די טרערן זיינען אים אַזש געקומען אין די אויגן אַריין.

און ער האָט טאַקע גענומען ביי מיר אַ גוטן שמעק טאַבאַק אויך.

— כאַצקל, "ווי" נעמט מען דיין גרינג געמיט. מיר האָבן דאָך גערעט וועגן אַ וויכטיקן ענין.

— וואָסי, וואָס לייבל יתום, כ'מיין דער הער פינק, וויל חתונה האָבן מיט ר' פישעלעס אַן איניקל? זאָג איך אייך אידן אויף

מיינע נאמנות, ווען דער הער פינק וויל זיך מיט מיר טוישן, ס׳-הייסט ער ווערט כּאַצקל לין מיט מיין קבצנות און איך ווער ער, דער רייכער אַמעריקאַנער, וואָלט איך מיך אויך ניט אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבּן אפילו אין מיינע יאָרן, מיט ר׳ פישעלע דאָזער׳ס אַן אייניקל, בּפרט מיט אַזאַ יפת תּואר ווי די אסתר׳ל איז.

—כּאַצקל, כּאַצקל ! — האָבּן די אידן גענומען לאַכן און פאַר-געסן אין זייערע צרות, אַזש די בּייכער האָבּן זיך בּיי זיי גע-טרייסלט.

אַכטער קאַפּיטל

כמעט אַ גאַנצע וואָך איז לייבּל מיט אסתר׳לן און אסתר׳לס מאַמע אַפּגעווען אין וואַרשע. ער האָט פאַר זיי גענומען אַ צי-מער אין אַ אידישן אָבּער פיינעם האָטעל, פּונקט ווי ער האָט פאַר זיך גענומען אַ צימער.

געגעסן אָבּער האָבּן זיי צוזאַמען אין פיינע אידישע גאַרקיכן, שפּייזן, צו וואָס אסתר׳ל, אפילו איר מוטער פאַלטשע זיינען שוין ניט געוואוינט געווען דערצו.

בּיי טאָג זיינען זיי שטונדן לאַנג אַרומגעגאַנגען איבּער פאַר-שידענע, גרויסע געשעפטן אָפּקלייבּן פאַר אסתר׳לן זאַכן און אַלץ צו וואָס איר האַרץ ווער גלוסטן. אָבּער אסתר׳ל פּונקט ווי איר מאַמע, וואָס האָט אַמאָל יאָ געקענט קויפן טייערע זאַכן האָבּן שוין, פון אַזוי פיל יאָרן אָרימקייט און געפאַלנקייט, ניט געהאַט דעם מוט, גלאַט ניט געקענט, זיך אַרויסהויבּן מער פון זייער אָרי-מער השגה.

לייבּל האָט עס בּאַמערקט. זיין ליבּע צו אסתר׳לן איז דער-פאַר גרעסער געוואָרן; אַ צאַרטער, וואַרעמער געפיל צו איר האָט אים אַדורכגענומען: אַזאַ איידל קינד פון אַזאַ איידעלן, יחוס׳דיקן, גבירישן אָפּשטאַם, וואָס איז אָבּער אויך אַדורכגעגאַנגען און אי-בּערגעלעבּט צרות, אָרימקייט און בּושה׳ס, וועט דערפאַר, אַזוי

יונג ווי זי איז, זיין אַ ליב, גוט און געטריי ווייב צו אים, אויב זי וועט טאַקע מיט אים חתונה האָבן.

ס'וועט ניט זיין קיין אַמעריקאַנער פּלעפּערקע, וואָס לעבט בלויז פאַר דיין געלט און הינטער דיין רוקן מיט אַ יונגן געליבטן צו גאָר מיט עלטערע, און אַז עס פּאַסט איר גאָר אויס, אַנטלויפט זי מיט איינעם פון זיי און לאָזט דיך איבער אויף די עלטערע יאָרן, ווי אַן איבערגעלאָזענע קאַץ, ווען מען ציט זיך אַרויס פון דער דירה, מיט בושה'ס אין פּנים און מיט אַ ווייטיק אין האַרצן. ס'איז ניט פאַר אים, לייבלען. און גוט איז נאָך, וואָס ער האָט זיך טאַקע באַרעכנט אין צייט און עס איז אים איינגעפאַלן צו פאָרן אין פּוילן אין זיין שטעטל, וואו ער ווייסט פּאָרט ווער איז ווער.

דערפאַר האָט ער אסתר'לן אַזוי ליב געקראָגן; דערפאַר, ווי נאָר ער האָט אסתר'לן דערזען און ר' פישעלע דאָזער'ס אייניקל, האָט זיך אָנגעגאָסן אין אים אַזאַ שטאַרקער באַגער מיט אַזאַ מיידל ווי אסתר'ל חתונה צו האָבן, וואָס גאָט און לייט וועלן אים מקנא זיין. ס'איז ניט בלויז שיינקייט; אַז ער וועט איר איצט אָנטאָן קליידער, ווי איר פּאַסט, ווי איר קומט צו, וועט זי אויסקוקן שיין און איידל ווי אַ פּרינצעסין, — ס'איז אויך דער וואָרצל פון וואַנען זי שטאַמט: ר' פישעלע דאָזער'ס אַן אייניקל

די לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ וועלן אים אי מקנא זיין, אי זיך יחוס'ן מיט אסתר'לן. זיי ווייסן און געדענקן דאָך נאָך יאָ ווער ר' פישעלע איז געווען.

אָט דער געפיל, ווי די ליבע צו דער שיינער, יונגער, זאַפטי־קער, נגידיש באַ'חן'טער און באַ'טעם'טער אסתר'לן האָבן אים אָנגעגאָסן מיט פרישקייט, מיט זיסער פרייד און מיט אַ באַגער נאָך צו לעבן אויף דער וועלט.

ער לייבל אַליין האָט איר איצט געלאָזן אָנמעסטן די טייערס־טע קליידער, שיך, דאַמענהיטקעלעך. אין וועלכע זי האָט אַם

שענסטן אויסגעקוקט, האָט ער ניט געקוקט, וואָס אסתר׳ל רויטלט זיך, ווי זי וואָלט זיך שעמען אָדער ניט קענען מיט אַמאָל אַזוי רייך זיך אָנטאָן, כאָטש די שיינע אויגן בּיי איר האָבּן גע־גלאַנצט און ס׳איז געווען קאָנטיק, אַז דאָס האַרץ אירס ״לאָמט״ נאָך די שיינע טייערע זאַכן: ער האָט געהייסן איינפּאַקן און בּאַ־צאָלט דערפאַר.

אַזוי האָט ער אויך געזען, אַז די מוטער זאָל איר דערווייל אָפּקלויבּן די שענסטע און טייערסטע אונטערוועש, כאָטש די רעכטע וועט ער איר ערשט קויפן אין פאַריז, וואָוהין ער וועט מיט איר פאַרפאָרן אויף׳ן וועג קיין אַמעריקא.

אין איינעם אַ גרויס געשעפט האָט ער דערזען אַ שיין גאָלדן דאַמען־זייגערל מיט צוויי דיאַמאַנטלעך בּאַזעצט צו טראָגן עס אויף דער האַנט פּונקט ווי אין אַמעריקא. האָט ער אויך דאָס פאַר איר געקויפט.

ער האָט אויך ניט אָפּגעלאָזן, אַז די מוטער זאָל פאַר זיך אָפּ־קלויבּן קליידער, אַ צוויי פאָר שיך, אונטער וועש, און אַנדערע זאַכן.

עס איז געווען צו פיל פאַר איר, דער אָרימען אסתר׳לן. ס׳האַרץ איז בּיי איר געוואָרן אַזוי פול, די אויגן זיינען בּיי איר געוואָרן ליכטיק, פאַרגאָסן מיט גליק. זי האָט איצט גאָר ניט מער געזען ווי דעם רייכן הער פינק און די אַלע גוטע זאַכן, וואָס ער גיט איר.

ווי פיל אַנדערע מיידלעך האָט אויך אסתר׳ל אין איר אָרימ־קייט און דערשלאָגנקייט גע׳חלום׳ט, זיך געמאָלן בּילדער פון אַ רייכן, אַ פּריץ צו אַן אַנדערן, וואָס וועט קומען ווי דורך אַ נס, פון אַ ווייט לאַנד און זיך פאַרליבּן אין איר, איר אַרויסנעמען פון איר אָרים שטעטל. אָבּער זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַן אַנדערן: אַ יונגן אַ שיינעם; — אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ רייכן פּריץ׳ם

אַ זון. אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ יונגן דאָקטאָר, צו גלאַט אַ רייכער זון, אַ יונגער שטודענט, וואָס שטודירט דאָקטאָר מעדי-צין. ער טראָגט זיין שטודענטישע יוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ און עפּילעטן, און דאָס צעזאַמען מיט זיין יונגע, געזונטע און איי-דעלע איידלקייט פאַרבלענדט די גאַס, ווען זי גייט מיט אים.

אַנדערע, וואָס האָבן גע'חלום'ט פּונקט ווי זי, האָבן חתונה געהאַט, ווי נאָר דער ערשטער יונגער מאַן, אַ שוסטער, אַ שניי-דער, אַ דאַרפסגייער, וואָס האָט קיין רעכט מלבוש אויף זיין לייב ניט געהאַט, האָט זיך באַוויזן; אַז ער האָט זיי נאָר געוואָלט נע-מען ווי זיי שטייען און גיין, האָט עס געמעגט אפילו זיין אַן על-טערער אַ מיאוס'ער, האָט מען חתונה געהאַט. און ווי פריער אַלס מיידלעך איז מען איצט, נאָך דער חתונה, ווידער פאַרטונקן געוואָרן אין אָרימקייט, דערשלאָגנקייט און דערצו נאָך באַרויבט געוואָרן פון דעם פאַרגניגן צו חלום'ן אַז אַ רייכער יונגערמאַן וועט זיך באַווייזן פון ערגיץ. ווארים: — שוין חתונה געהאַט און באַגראָבן.

אָבער ניט אסתר'ל. ס'זיינען אין שטעטל שוין געווען עטלע-כע יונגעלייט, טאַקע יונגע, וואָס האָבן איר געוואָלט נעמען ווי זי שטייט און גייט. אסתר'ל האָט זיך אָפּגעזאָגט אָן תירוצים און אפילו ניט געוואָלט קוקן אויף זיי.

איינמאָל איז אפילו אָנגעפאָרן אַ יונגערמאַן פון אַ גרעסערער שטאָט. ער האָט זיך פאַרליבט אין אסתר'לן; אויף אַן אמת טאַ-קע פאַרליבט. ער האָט אויפגעוויזן מיט אותות ומופתים, אַז אסתר'ל וועט לעבן ביי אים ווי אַן אמת'ע נגידית. ער איז אַ בע-קער ביי פאַך.

ער פאַרדינט גוט. דערצו קריגט ער נאָך צו זיין אַרבייט ברויט און זעמל, וואָס קען קלעקן פאַר צוויי פאַמיליעס.

עס איז געווען אַ גליק-שידוך. אין שטעטל האָט מען דערפֿון גערעט און עס איר פּשוט ניט פאַרגונען.

טאַטע מאַמע האָבן מיט אסתר'לן גענומען איינ'טענה'ן אַז אַזאַ גליק-שידוך מאַכט זיך נאָר איינמאָל. זיי האָבן געהאַט גרויס עגמת נפש, ווען אסתר'ל האָט אויך דאָס מאָל מיט עקשנות אָפּגעזאָגט:

— זי וויל ניט און פּטור, — פּינקט ווי איר מאַמע אַמאָל.

ערשטנס וויל זי ניט קיין בעקער. און אַ חוץ אַלץ מיט אַנאַנדער זיינען איר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן זיינע ברייט'ע, צעגאָסענע שווערע און מגושם'דיקע הענט, וואָס זי וואָלט זיך גע־מיאוס'ט, יעדעס מאָל, ווען ער וואָלט זי אפילו בלויז אָנגערירט מיט אָט די הענט. אָבער דאָס זאָגן די עלטערן האָט זי ניט גע־וואָלט און ניט געפּילט. איז געבליבן: זי וויל ניט און פּטור.

דער טאַטע האָט ניט געקענט באַנעמען איר עקשנות און די מאַמע, כאָטש זי האָט אויך געהאַט עגמת נפש דערפון, האָט אָ־בער געשוויגן, ווייל דאָס האָט איר דערמאָנט, אַז אין איר מיידל־צייט איז זי אויך ניט אַנדערש געווען.

אסתר'ל איז נאָך יעמאָלט קיין גאַנצע ניינצן יאָר ניט אַלט אַלט געווען.

די מיידלעך האָבן איר זינט דאַן, צווישן זיך, אָנגעהויבן רופן: דאָס פאַרצויגענע פּיסקל, די פאַריסענע נאָז. און די פרויען:

— די פאַרשלומפּערטע יחסנ'טע.

ווען דער רייכער אַמעריקאַנער איז אָנגעפאָרן אין שטעטל אַריין און ס'גאַנצע שטעטל אידן איז געלאָפן אים זען, איז זי גע־בליבן זיצן אין הויז. אפילו, ווען זי האָט געהערט ווי פיל געלט ער האָט געגעבן צו דער שטאָט און צו מענשן באַזונדער, און זי איז געוואָרן נייגעריק צו זען אַזאַ רייכן מאַן, איז זי ניט אַרויסגע־גאַנגען אַז מענשן זאָלן באַמערקן, אַז זי לויפט אים זען, ווען זי

האָט פּונקט ווי אַלע אַנדערע אין שטאָט שוין געוואוסט, אַז ער איז אַן אַלמן, וועט אפשר טאָן אַ שידוך דאָ פון שטעטל. און ס'האָט אוי: פּונקט ווי אַנדערע מיידלעך און יונגע אלמנות אַ צופּ געטאָן אים געפעלן צו ווערן, איז זי אויך געבליבן אין איר אָרים שטיבל ווי אַ פּרינצעסין אין איר פּאַלאַץ; ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל, איי-נער אַליין, שפּאַצירט איבער די אידישע געסלעך, און מיידלעך ווי פרויען האָבן, אויפגעפּראַלט די פענסטער, זיך געשטעלט פאַר די טירן פון די הייזער, האָט זי קוים געשטעלט זיך אין איינעם פון זייערע דריי פענסטער אין אַ זייט מען זאָל איר ניט באַמערקן און אַרויסגעקוקט אים צו זען. פאַרוואָס זי טוט אַזוי און ניט אַנ-דערש, דאָס איז געוועזן איר אייגענער סוד.

אמת, זי האָט "געלאַמט" נאָך אַביסל גליק, נאָך שיינע קליי-דער, זי זאָל שיין און נגידיש אויסזען. דאָס איז געוועזן אַ שטאַר-קער באַגער ביי איר, פון זינט זי איז נאָך אַ קינד געוועזן. פּונקט ווי זי האָט גע'חלום'ט און זיך פאָרגעשטעלט דעם רייכן, פּריצישן יונגן-מאַן, וואָס וועט אַמאָל קומען און זיך פאַרליבן אין איר. יעצט איז אַזאַ רייכער מאַן, פון אַ ווייט לאַנד געקומען. אָבער זי זאָל לויפן אים אָנקוקן און ווער שמועסט, אַז ער זאָל עס באַמערקן, אַז זי איז גערן אים צו זען, דאָס האָט זי ניט געוואָלט. דערנאָך, אפילו אין איר אָרימקייט און געפאַלנקייט, האָט עס ניט אין גאַנצן אַפּעלירט צו איר, וואָס ווי מען האָט געזאָגט, ער איז שוין פיפציק יאָר אַלט. כאָטש, ווען זי האָט אים פון דער זייט פון פענסטער דערזען אין זיין רייכער קליידונג, אין זיין זויבערקייט, און אַזאַ פרישקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים, איבערהויפּט, ווען זי האָט אים דערזען אָן אַ באָרד און אָן וואָנצעס, וואָס האָט אים אין אירע אויגן געמאַכט אויסזען דרייסיק. דערפאַר האָט איר עפּעס יאָ פאַרכאַפּט. זיין רייכע קליידונג, זיין רייכער, פרישער אויס-זען, וואָס אין שטעטל זעט מען ניט אַזעלכעס, האָט איר יאָ אַ צופּ

געטאָן אים געפעלן צו ווערן. אָבער אַז ער זאָל דאָס באַמערקן, האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט.

זינט אָבער ער האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי אין הויז, ס'ערשטע געוואָרן פאַראינטערעסירט אין איר, געוואָרפן מיט געלט, איבערהויפט איצט ווען ער האָט איר מיט דער מאַמען גענומען קיין וואַרשע, איר געקויפט טייערע קליידער, שיך, הי-טעלעך, אונטערוועש און אַ גאָלדן זייגערל מיט דימענטלעך באַ-זעצט, איז זי פאַר'שיכור'ט געוואָרן. דאָס האָט באַפרידיקט איר שטאָלץ, וואָס האָט זיך ביז איצט געשטיקט אין איר, זיך געריסן באַפרידיקט צו ווערן, און וואָס קיינער אַ חוץ איר האָט ניט גע-וואוסט דערפון. זי איז דערפאַר, קען מען זאָגן, ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן, אין די אויגן פון דעם רייכן הער פינק, אַרויפגעפאַ ן אויף דער מאַמען, איר געקושט און געוויינט פון איבערגעלאָפע-נער פרייד און גליק. ווען זי וואָלט זיך ניט שעמען, וואָלט זי פונקט אַזוי אַרויפגעפאַלן אויף דעם הער פינק און אים געקושט און געוויינט.

זי האָט איצט ניט באַמערקט און ניט געקענט באַמערקן זיי-נע יאָרן.

ווען אַלץ איז געווען איינגעקויפט האָט פאָלטשע, די מאַמע, געוואָלט אַז אסתר'ל זאָל איצט מיט דעם הער פינק אַמאָל אַליין אַרויסגיין איבערן שטאָט, וואָס אין זייער שטעטל, ווען זיי וועלן אַהיים קומען וועלן זיי עס נאָך ניט קענען טאָן. אין איינעם אַ נאָכמיטיק איז די מאַמע געבליבן אין האָטעל און אסתר'ל מיט'ן הער פינק זיינען ביידע אַליין ס'ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען. ווען ער האָט איר אָנגעבאָטן זיין אָרעם האָט זי אַריינגעלייגט א ר איידל, קליין הענטל, וואָס האָט שוין געהאַט אויף זיך דעם אַרבל פון אַ טייער, זיידן קליד, אַ גאָלדן זייגערל מיט דימאַנטלעך באַ-זעצט, אין זיין געזונטן, אויסגעאַרבייטן, מיטליאַריקן אָרעם אַ-

רייז, און זיך אפילו געטוליעט צו אים, אַדורך גענומען מיט גליק און דאַנקבאַרקייט פאַר די אַלע גוטע זאַכן, וואָס ער גיט איר, און וועט איר נאָך געבן.

אסתר׳ל איז איצט געווען אין גאַנצן צענומען און פאַר־שיכור׳ט פון געפילן; איין געפיל שטאַרקער פון דעם אַנדערן. קיין ניכטערער געדאַנק האָט ניט געקענט אַדורך דרינגען צו איר מוח. לייבל האָט עס דערפילט; ער האָט דערפילט אַז אסתר׳ל איז באַ־הערשט פון גוטע געפילן צו אים. האָט ער זיך שיער ניט צע־וויינט. ער האָט איר איצט אַזוי גערן געוואָלט רופן ביי איר ערשטן נאָמען; אסתר׳ל. ווארים ער האָט איצט אין דעם נאָמען געפילט אַזאַ זיסן טעם; דער נאָמען האָט אים געקלונגען אַזוי שיין און באַ׳חנ׳ט. ער האָט אויך געפילט אַז דורך דעם, וואָס ער וועט איר רופן אסתר׳ל,—אַזש אַ זיסער ציטער איז אים אַדורך געגאַנ־גען, — וועט ער ווערן צו איר נאָענטער און זי וועט ווערן נאָענ־טער צו אים. אָבער אָנגעהויבן האָט ער פונקט פאַרקערט:

— פריילין רובינשטיין, איר זיינט דאָך שוין מסתמא מיד פון גיין. לאָמיר אַריינגיין אין אַ קאַפע הויז צו אין אַ טיי הויז עפּעס נעמען און זיך אָפּרוען אַביסל. —

אָבער באַלד האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן. ער האָט דאָך פונקט אַזוי גוט געקענט אַ זאָג טאָן: אסתר׳ל לאָמיר אַריין גיין — ווי ער האָט עס טאַקע געוואָלט און וואָס ס׳וואָלט דאָך געווען אַזוי נאַטירלעך און פשוט.

ס׳האָט אים פאַרדראָסן; ס׳ליגט נאָך אַלץ אין אים דער אַ־מאָליקער יתום, וואָס ר׳פישעלעס אַן איידיקל, וואָס כאָטש ס׳איז שוין אַזוי גוט ווי זיכער, אַז זי וועט זיין, זיין פרוי, קען ער איר אַלץ נאָך ניט אָנרופן ביים ערשטן נאָמען, אסתר׳ל, ווי עס רופן איר אַלע אין שטעטל, און ווי ער ווייס, אפילו די פויערים און

שגצים פון די דערפער, וואָס קויפן ביי איר און דער מאַמען גע־בעקס.

דערפאַר אָבער, איז אסתר׳ל דורכדעם, וואָס ער האָט איר אָ־רוף געטאָן פריילין רובינשטיין דערהויבן געוואָרן. ווארים ס׳ערשטע מאָל הערט זי אַז אימיץ זאָל זי רופן פריילין רובינשטיין. זי האָט ביז איצט גאָר ניט געדענקט, אַז דאָס איז זייער פאַמיליען נאָמען. ווייל זינט זי געדענקט הייסט זי אסתר׳ל, דער טאַטע מענדל און די מאַמע, וואָס ס׳איז אַזוי איר יאָ שוין געבליבן עפּעס קלעבן נאָך פון דעם אַמאָליקן יחוס, איז דאָס, וואָס מען רופט איר ניט פּערל, נאָר פּאָלטשע: פּשוט פּאָלטשע.

דערפאַר האָט דאָס מיט אַמאָל זי רופן פריילין רובינשטיין איר דערהויבן, עפּעס געוועקט אין איר, וואָס איז בלויז געווען פאַרשלעפערט און דערשלאָגן אין איר, געוועקט אין איר שטאָלץ, די שטימע פון איר בלוט, פון איר אַמאָליקן יחוס, אין אָט דעם נאָמען האָט פאַר איר פלוצים געקראָגן באַדייטונג און אָנזען.

און פון דער מינוט אָן האָט זי דערפילט, אַז ניט בלויז וועט זי דאַנקבאַר זיין דעם הער פינק פאַר דעם גוטס, וואָס ער טוט צו איר, נאָר ער וועט אויך איר מוזן דאַנקבאַר זיין פאַר איר נאָמען - רובינשטיין.

אָבער שוין זיצנדיק מיט איר אין טיי הויז אַזוי נאָענט לעבן איר, ביי אַ טישל, וואָס וואָלט ווי באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר זיי ביידן, האָט ער, לייבל, וואָס האָט אַזוי גערן געוואָלט ווערן נאָענט און צו איר צוגעלאָזן, ניט געוואָלט אַדורך לאָזן די געלעגנ־הייט. ער האָט ס׳ערשטע מאָל איר אַרוף געטאָן ביים ערשטן נאָ־מען און אפילו אויף דו: —

— אסתר׳ל אפשר וואָלסטו גאָר געטרונקן אַ לימאָנאַדע ?

און מערקווירדיק. כאָטש ער האָט געוואָלט אָט די דרייסטע און נאָענטע ווערטער רעדן צו איר ווי אַ קאַוואַליר, ווי אַ חתן

צו זיין כלה, האָבן זיי אָבער געקלונגען מער פּאַטעטישלעך, ווי חתן׳־דיק; עס איז געווען דער זעלביקער טאָן מיט וועלכן ער האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט אין דער ערשטער צייט צו פּרעזענציס׳ן, זיין בּוכהאַלטערקע, ווען ער האָט איר אַריינגענומען אַלס יתומה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט צו זיך אין אָפיס; ס׳איז געווען דער טאָן פון דעם געזעצטן, באַלעבאַטישן, לייבל, וואָס קען בשום אופן ניט אין גאַנצן אויסוואַרצלען אין זיך, דאָס, וואָס ער איז אַמאָל גע־ווען, — אַ בּידנער, דערשלאָגענער יתום.

אסתּר׳ל האָט זיך פאַרוויטלט. די פריערדיקע נאָענטקייט צוו אים האָט אַבּיסל אויסגעוועפּט. זי האָט מיט אַמאָל דערפילט, ווי עפּעס אַ פרעמדער מענש רופט איר ביים ערשטן נאָמען, פון וואָס זי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, נאָר זי האָט ניט דעם מוט אים אויס־צורעדן דערפאַר.

לייבל האָט דערשפּירט, ווי זיינע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיין כלה געוואָלט געווינען, האָבן געווירקט פּונקט פאַר־קערט. ס׳האָט אים ווייט געטאָן.

אָבער ער האָט זיך מיט יעדער מינוט געשטאַרקט איר צו גע־ווינען, זיך פּשוט איינגעשפּאַרט. און נאָכדעם, ווי זיי זיינען אַרויס פון טיי־הויז האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— אסתּר׳ל לאָמיר שוין היינט אויך פאַרברענגען דעם אָוונט צוזאַמען און אַליין.

מיר וועלן גיין צו אַן אָפּערע, אויב עס שפּילט אַן אָפּערע.

אַז ניט וועלן מיר גיין אין אַ אידישן טעאַטער. וואָס זאָגסטו אסתּר׳ל ?

אסתּר׳ל איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין קיין טעאַטער. און אין קיין אָפּערע, פון וואָס זי האָט געהערט און געהאַט אַ געוואַל־טיק הויכע פאַרשטעלונג דערפון, איז זי אודאי ניט געווען. און מיט דער וואַרעמקייט מיט וועלכער לייבל האָט עס צו איר געזאָגט,

האָט זיך אַלץ אין אסתר׳לן ווידער צעשטראַלט, זיך אָנגעגאָסן מיט גליק און זי האָט ווידער דערפילט אַ נאָענטקייט און אַ צו-געבונדנקייט צו אים, וואָס איז אַזוי גוט צו איר.

— וואָס דו — וואָס דער הער פינק ווינשט איז מיר ליב — איז אסתר׳ל רויט געוואָרן.

דאָס, וואָס זי האָט אים שוין באַלד געזאָגט דו, און נאָך מער דאָס פאַרויטלען זיך איר׳ס האָבן אים דערוואַרעמט, אים אָנגעגאָסן מיט ליבע און נאָענטקייט צו איר. און מיט אַ זיכערקייט ווי אַ חתן צו זיין כלה, האָט ער איר אַ נעם געטאָן פאַר דער רעכטער האַנט און איר געוואָלט קוקן אין די אויגן אַריין ווי אַ חתן קוקט אַ כלה אין די אויגן אַריין, אָבער דאָס האָט זיך אים דוקא ניט איינגעגעבן:

— אסתר׳ל, פאַר וואָס זאָלסטו מיך ניט רופן לואי, פונקט ווי איך רוף דיך שוין אסתר׳ל.

אָבער דאָס האָט אסתר׳ל דערווייל בשום אופן ניט געקענט. ווייל אפילו די נאָענטקייט זיינע צו איר איצט און דאָס וועלן זיין צו איר ווי אַ חתן איז צו זיין כלה, האָט אַלץ ניט אַרויסגערופן אין איר יענעם וואַרעמען, אינטימען, געפיל צו אים; האָט אַלץ גע-קלונגען צו איר מער פאָטערלעך ווי חתן׳דיק, וואָס האָט איר גע-האַלטן פרעמד. זי האָט פון אָט דעם געפיל דערווייל ניט געקענט זיך באַפרייען, כאָטש זי האָט אַזוי גערן געוואָלט ס׳זאָל אַנדערש זיין.

— ס׳איז מיר שווער; איך וועל זיך מיט דער צייט צו גע-וואוינען — האָט זי זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט.

לייבלען האָט עס שטאַרק וויי געטאָן. ווארים דאָס האָט אויך אים נאָך געהאַלטן פרעמד צו איר. אָבער ער האָט עס גע-לאָזן, אַז עס וועט קירצלעך ביי איר אַנדערש ווערן.

בלויז פאַר די עטלעכע טעג אין וואַרשע, האָט זיך אסתר׳ל

שנעל צו געוואוינט צו די נייע, טייערע קליידער, צו די פיינע שי־כעלעך, צו דעם מאָדערנעם היטעלע, וואָס בשעת זי האָט עס גע־קויפט האָט זי קוים געגלויבט, אַז זי וועט עס טראָגן. ווייל ניט זי און ניט קיין אַנדער אידיש מיידל אָדער פרוי, זינט זי געדענקט, האָט אין שטעטל געטראָגן אַזאַ היטעלע, אַ חוץ דעם פוילישן דאָקטאָר׳ס און דעם פוילישן אַפּטייקער׳ס ווייב.

דורך אָט די טייערע קליידער און דער עיקר דעם גאָלדענעם זייגערל מיט די דימאַנטלעך באַזעצט, האָט זי מיט אַמאָל און אינ־סטינקטיוו דערפילט דעם שטאָלץ און דעם יחוס פון איר אָפּ־שטאַם; דערפילט אַז זי איז פישעלע דאַזער׳ס אַן אייניקל.

זי האָט פאַרגעסן איר אָרימקייט און דערשלאָגנקייט, ווי קיינמאָל ניט געוועזן. זי איז מיט אַמאָל שטאָלצער, דערהויבע־נער און דרייסטער געוואָרן, אפילו צו אים דעם רייכן הער פינק, וואָס ס׳איז איר קלאָר געוואָרן אַז ער וועט שוין ווערן איר מאַן.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק, ווען ער האָט איר איינגעקויפט אָט די אַלע טייערע זאַכן, האָט זי געהאַט דעם געפיל, אַז אין שטעטל, ווען זי וועט אַהיים קומען, וועט זי זיך שעמען זיי אָנצו־טאָן.

אָבער פרייטיק פרי, ווען זי האָט זיך אָנגעטאָן צום אַהיים־פאָרן, האָט זי זיך רק אָנגעטאָן אין דעם שענסטן, זיידענעם קלייד, דעם טייערסטן היטעלע, ווי אַזוי עס קומט איר צו, און צו לייבל׳ס גרעסטער פרייד און איבעראַשונג האָט זי אים אַ ״גלאַנג״ געטאָן איר גאָלדן האַנטזייגערל און צו אים אַ זאָג געטאָן:

—לואי, טו מיר אָן דאָס זייגערל — און אים אויסגעשטעלט איר לינק, ווייס, קליין הענטל — און דערביי באַמערקט:

— זאָלן זיי אין שטאָט וויסן אַז איך בין דיין כלה און ר׳ פי־שעלעס אַן אייניקל.

ניינטער קאפיטל

ס'איז גאָר ניט געווען צו דערקלערן ווי שנעל די אידן אין שטעטל האָבן געענדערט זייערע באַציאונגען צו מענדלען, צו פּאָלטשען, פון דער מינוט, וואָס ס'איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז דער הער פינק, דער רייכער גאַסט פון אַמעריקא וועט טאַקע חתונה האָבן פאַר זייער טאָכטער אסתר'ל. נאָך מער האָט מען מיט גרוים דרך ארץ נאָכגעקוקט אסתר'לן אַליין, ווען זי אין איינעם — אַ מיטן-וואָך-טאָג, ס'ערשטע מאָל אַרוים מיט דעם הער פינק פאַר אַ שפּאַציר איבער'ן שטעטל אין אירע טייערע קליידער, אין אירע שיכעלעך, היטעלע מיט'ן גאָלדן זייגערל, וואָס זיינע דימאַנטלעך האָבן פאַרבלענדט די גאַס, און וואָס אַזויענס האָט מען נאָך אין שטעטל ניט געזען. און געגאַנגען איז זי, אסתר'ל, מיט קליינע, געציילטע, לייכטע און נגידישע טריט, ווי זי וואָלט שוין געווען געוואוינט דערצו זינט יאָרן. אפילו פרויען און מיידלעך האָבן ניט דערקענט, אַז דאָס איז דיזעלבע אסתר'ל, וואָס פלעגט פונקט ווי זיי אַרומגיין אין שמאַטעס אַן אָרימע, אַ דערשלאָגענע; אַז דאָס איז דיזעלבע אסתר'ל, וואָס פלעגט העלפן דער מאַמען אין די טאָרג-טעג פאַרקויפן געבעקס צו פויערים, פויערטעס און שגצים:

זומער זיין פאַרשוואַרצט פון שוויים, און ווינטער געשוואָלן פון קעלט.

איר שיינע פיגור, ווי איר שיין פנים, וואָס קיינער האָט עס פריער ניט געזען און ניט באַמערקט האָט איצט געלויכטן און זיך אָנגעזען; אַ נגידיש-שטאָלץ אַריסטאָקראַטיש איידלקייט, האָט זיך געטראָגן פון איר. אַז פרויען און מיידלעך, האָבן זיך ניט גע-קענט איינהאַלטן און זיך גע'חידוש'ט:

— פּאָרט פון אַ גבירישן אָפּשטאַם.

כאָטש אסתר'ל איז געגאַנגען לעבן אים צנועת'דיק, וויר-

דיק, איינגעהאַלטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אידישער טאָכטער, האָט זי זיך אָבער ניט מער געשעמט פאַר אים, ווי פריער. ווארים עס איז דאָך שוין זיכער, אַז זי וועט מיט אים גאַנץ אין גיכן חתונה האָבן. וויל זי ווערן דרייסטער, נאָענטער און צוגעלאָזענער צו אים. און גלאַט פּאַסט עס איר ניט, אסתר׳לן, אין איר איצטיקער דערהויבנקייט זי זאָל זיך האַלטן פרעמד, זיך שעמען, ווי אַ קליינ-שטעטלדיק מיידל, כאָטש סך הכל האָט זי ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן געזען אַ שטאָט ווי וואַרשע. זי האָט גערן געוואָלט נאָענט ווערן צו איר חתן, זיך באַפרייען פון דעם פרעמדן געפיל צו אים. זי האָט, בשעת זי איז איצט מיט אים געגאַנגען ווי חתן כלה אי-בער׳ן גאַס, אַלע מאָל אַ הויב געטאָן צו אים איר שיין געלאָקט, קעפּל, ווי זי וואָלט אים וועלן ליב קריגן.

לייבלען איז אַזש אַזוי זיס, וואַרם און נאָגנדיק אַ גיי געגעבן דורך׳ן לייב.

ער האָט יעדעס מאָל, ווען זי האָט אַזוי ליב און צוגעלאָזן אַ הויב געטאָן דאָס קעפּל צו אים, איר געוואָלט אַ דריק טאָן צו זיך און איר אַ קוש טאָן.

ער האָט זיך קוים צוריקגעהאַלטן, דער געלאַסענער, געזעצ-טער לייבל.

מיט איר הויבן אַלע מאָל דאָס קעפּל צו אים האָט זי, אסתר׳ל, אויך געהאַט אַ כונה:

זי האָט אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט ריכטיק אָנ-קוקן. ווייל אסתר׳ל, כאָטש זי איז שוין אַזוי פיל געווען לעבן אים, האָט כסדר געהאַט דאָס געפיל, אַז זי ווייס ניט אַקוראַט, ווי ער זעט אויס. עפּעס בלענדט ער פאַר איר מיט זיין רייך אָנגעטועכץ, מיט זיין זויבערקייט, ווי פון דערווייטנס.

דערפאַר ווען זי האָט איצט יעדעס מאָל אַ הויב געטאָן איר

קעפל צו אים, ווי זיך מער צו דערנענטערן צו אים, האָט זי אים אויך געוואָלט ריכטיק אָנקוקן.

אָבער עס האָט איר באַלד געשטערט דאָס, וואָס אַנשטאָט די וואַרמקייט פון אַ חתן, האָט אַ שלאָג געטאָן פון אים מיט עפּעס פּאָטערלעכעס, פּאַרעלטעטערס און זי, אסתר׳ל, האָט באַלד ווי-דער געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט אים ניט ריכטיק אָנגעקוקט, און זי ווייס ווידער ניט אַקוראַט ווי ער זעט אין אמת׳ן אויס.

זי איז אָבער פּאָרט און אַ חוץ דעם געווען שטאָלץ און גליק-ליך, וואָס זי איז די, וועמען ער האָט פון אַלע דאָ אין שטעטל אויסגעקליבן; זי איז פּאָרט, דורך אים אַרויסגעהויבן געוואָרן פון איר אָרימקייט ווי אַ פּערל פון אַ קופּע מיסט; זי איז איצט, דורך אים די, וואָס אַלע קוקן אויף איר, באַוואונדערן איר און זיינען איר מקנא.

און ביי דעם געדאַנק אַז באַלד וועט זי נאָך מיט אים אַוועק-פאָרן אין אַ גרויס, ווייט און רייך לאַנד, האָט זי זיך אינסטינק-טיוו צו אים נאָענטער צוגעטוליעט, אים דערמיט געוואָלט אויס-דריקן איר ליבע אָדער דאַנקבאַרקייט פאַר אַזוי פיל גליק מיט איינמאָל, וואָס זי איז קוים בכוח עס אויפצונעמען.

אידן, וואָס האָבן זיך פריער אויף זיי גאָר ניט אומגעקוקט זיינען איצט געקומען יעדן טאָג און ביי די טירן אָפּגעשלאָגן:

— ר׳ מענדל איך האָב אייך אַלע מאָל געהאַלטן חשוב, ווי אייך איז געקומען.

— און איך האָב אַלע מאָל געדיינקט, אַז איר זיינט ר׳ פישע-לע דאָזער׳ס אַ זון.

— און איך געדענק נאָך, ווען איך בין אַלס אינגל געגאַנגען מיט מיין טאַטן עליו השלום דאַוונען אין אייער פאָטער׳ס שול׳עכל.

פונקט אַזוי האָבן די פרויען אָפּגעשלאָגן די טירן בײַ פּאָלטשן:

—פּאָלטשע קרוין! איך געדענק דאָך נאָך, ווען זי זײַנען אַ־ראָפּגעקומען אין שטעטל אַרײַן, אַלס ר׳ פישעלעס שנור.

— און איך געדענק ניט? — האָט אַ צווייטע אידענע איבער־געשלאָגן, ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז מען וועט בײַ איר עפּעס אויסכאַפּן.

— זי האָט דאָך געלאָכטן, ווי די זון אין הימל.

— דער פּוילישער דאָקטאָר, דער בורגמישט און דער אַפּטיי־קער האָבן דאָך געקראָגן די נכפה, אַז זיי האָבן אין דערזען א׳ן גאַס.

— אַז פּאָלטשע איז געקומען אין מאַגיסטראַט בעטן פאַר אי־מיצן אַ טובה, האָט מען דאָך איר קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט.

— וואָר׳ן בלויז שיין איז זי געווען? זי איז דאָך געגאַנגען איבער׳ן גאַס ווי אַ קייסערינע.

— און גוט ווי אַ טויב איז זי דאָך געווען.

— זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר.

— זאָל מיר שוין אַזוי זײַן מײַן געזונט און אַביסל פּרנסה, ווי אייך קומט עס, ווי אייך שטייט עס אָן ווידער אויפגעריכט צו ווערן — האָט אַ אידענע פאַרענדיקט מיט חניפה.

— און אייער אסתר׳ל, — זי איז דאָך אין גאַנצן געראָטן א׳ן דער מאַמען.

— און נאָך מיט אַ שמיציק.

— ס׳פּאַסן איר די רייכע קליידער, ווי זי וואָלט אין זיי גע־בוירן געוואָרן.

אָט אַזאַ ענדערונג איז מיט אַמאָל געקומען פון גרויס ביז קליין אין די באַציאונגען צו מענדלען און פּאָלטשן, וואָס האָבן נאָך ביז ניט לאַנג צוריק, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, געלעבט אין אַ

קנויל פון אָרימקייט, געפּאַלנקייט און הפקרות.

וואָרים דער רייכער, אַמעריקאַנער לאַנדסמאַן איז שוין אָפּי-ציעל געוועזן זייער טאָכטער׳ס חתן און וועט באַלד ווערן זייער איידעם.

ער האָט מענדלען, ווי פּאַלטשן, פּונקט ווי אסתר׳לן אויסגע-קליידט, ווי עס פּאַסט פאַר זיי, זיינע מחותנים און באַלד שווער און שוויגער זיינע.

ער האָט זיי גענומען אַן אַנדערע דירה פון דריי שיינע, ליכ-טיקע צימערן, די שענסטע, וואָס ער האָט געקענט קריגן אין שטעטל. ער האָט באַשטעלט פאַר זיי נייע מעבל, געפּעס און אַנ-דערע זאַכן, וואָס האָט זייער הויז צוריקגעגעבן כאָטש דעם אָנ-דענק פון זייער אַמאָליקער גבירישקייט.

דעם אַמאָליקן יחוס זייערן האָבן זיי ניט געקענט מער אויפ-לעבן.

וואָרים ניט זיי אַליין און ניט ס׳רוב אידן פון שטעטל, וואָס זיינען טאָג ווי נאַכט פאַרנומען ווי צו שטילן דעם הונגער פון זיי און זייערע פאַמיליעס, האָבן ניט דעם כח, ניט קיין חוש און ניט קיין אינטערעס מער פאַר אַזעלכע זאַכן.

ווען זיי האָבן זיך איצט גענומען שאַרן און חנפה׳נען צו מענדלען און פּאַלטשן, איז עס ניט געווען, ווייל זיי זיינען ר׳ פּי-שעלע דאָזער׳ס יורשים, נאָר ווייל דער רייכער אַמעריקאַנער ווערט זייער איידעם.

יעדער האָט געפילט דורך זיי עפּעס אָפּצולעקן פון דעם רייכן גאַסט.

פּונקט אַזוי האָט שוין די אין צרות זיך געעלטערטע פּאַלטשע, זיך ניט געקענט מער צוריק דערהויבן צו איר אַמאָליקן שטאָלץ פון אַ נגידית: זי האָט ניט מער געהאַט דעם כח דערצו. פּונקט אַזוי האָט זי ניט געקענט מער ריידן איבער געלערנטע שפּראַכן,

וואָס זי האָט אַמאָל געדעט, וואָס אַפילו פּריצים, וואָס זיינען אַ׳ן גימנאַזיעס געגאַנגען האָבן איר באַוואונדערט. ווארים די אָרים־קייט און דערשלאָגנקייט פון די אַלע יאָרן, איז שוין געווען צו טיף אַריין אין איר געביין.

בלויז איין אסתר׳ל, ווי נאָר זי האָט אָנגעטאָן די רייכע קליי־דער, האָט זיך באַלד גענומען וועקן און רירן אין איר דאָס בלוט פון אַ דורות לאַנגן, שטאָלצן יחוס, וואָס האָט זיך ווארם גענומען גיסן אין אירע געמאַרקן און וואָס, ערשט אין איר, וועט עס קריגן זיין ריכטיקן תיקון.

לייבל האָט געוואָלט ס׳זאָל זיין אַחתונה, וואו ס׳גאַנצע שטעטל אידן זאָלן זיין און לויט אַלע אידישע מנהגים פון שטעטל. ער האָט זיך ס׳ערשטע מאָל געוואָלט באַווייזן פאַר אַלעמען מיט זיין שיינע, ווי אַ פּרינצעסן יונגער כלה, ר׳ פישעלעס אייניקל: סיי אונטער דער חופה, און סיי אויבן אָן ביי אַ לאַנגען, געדעקטן טיש, וואו ער וועט מיט איר זיצן.

אָבער אסתר׳ל האָט ס׳ערשטע מאָל, ברוגז׳לעך פאַרצויגן איר שיין פּנים׳ל, ווען ער האָט פאַר איר פאָרגעלייקט זיין פּלאַן. אַוויי־לע איז זי אַזוי געשטאַנען און גאָר ניט געזאָגט. ווען ער האָט גע־נומען רעדן צו איר, אונטערטעניק איר קוקן אין די אויגן אַריין:

—אסתר׳ל זאָג, ווי אַזוי ווילסטו האָבן די חתונה? האָט אסתר׳ל ענדליך געענטפערט:

— כ׳וויל ניט דעם גאַנצן טאַראַראַם, לואי. כ׳וויל אַ חתונה פאַר אַ מנין אידן. דאָס אַלץ. דערנאָך קען מען מאַכן אַ מאָל־צייט, פאַר מיינעטוועגן פאַר דער גאַנצער שטאָט, נאָר מיר זאָלן ניט זיין דערביי. כ׳וויל ניט מיר זאָלן מוזן זיצן אויבן אָן, און אַלע זאָלן קוקן אויף אונז ווי אויף אַ ביז וואונדער. כ׳וויל ניט לואי — האָט זי זיך געפּיעסצעט און באַפוילן צו גלייך.

— און "ווי" וועלן מיר זיין און וואָס וועלן מיר טאָן אסתר׳ל ? —

— מיר ? — האָט אסתר׳ל איבערגעפרעגט ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט.

— מיר וועלן דאָך נאָך דער חופה שוין זיין מאַן און ווייב. קענען מיר אַוועק פאָרן גלייך אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. לאָמיר זאָגן קיין וואַרשע.

איך וויל ניט לואי, מ׳זאָל אונז דאָ פירן אין אַ צימער אַריין אויף איבערצוגעכטיקן די ערשטע נאַכט מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג. כ׳וויל ניט. —

דער שטילער לייבל איז געווען איבעראַשט פון אסתר׳לס רייד און זי איז נאָך גרעסער פאַר אים אויסגעוואַקסן.

ווען די עלטערן האָבן זיך דערפון דערוואוסט האָט זיך גענומען טוען חושך.

— פון וואַנען נעמען זיך צו איר אַזעלכע רייד — האָבן טאַטע מאַמע ניט געקענט פאַרשטיין. און זעענדיק, אַז זי האַלט זיך ביי ס׳איריקע האָבן זיי איר גענומען אין אַ ווינקל צימער און גענומען טענה׳ן:

— אסתר׳ל, טו אונז ניט אָן די בושה. דו ביסט דאָך אַ אידישע טאָכטער; ר׳ פישעלע׳ס אַן אייניקל און ר׳ יונתנ׳ס אַן אור אייניקל. מיר וועלן דאָך ניט קענען ווייזן אונזער פנים פאַר חרפה.—

אָבער אסתר׳ל האָט פאַרביסן און עקשנות׳דיק געשוויגן, וואָס דאָס איז געווען אַ שטאַרקער באַוויז, אַז אַזוי וועט עס בלייבן.

לייבל האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, זיך ניט געוואָלט מישן. ווארים אים איז דוקא געפעלן געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרברענגען די ערשטע נאַכט מיט אסתר׳לן אין אַ צימער פון אַ רייכן האָטעל אין אַ גרויסער וועלט שטאָט. און ניט ער און ניט אסתר׳ל

וועלן דארפן פילן אויף זיך דאָס ניט אנגענעמע, אַז מען וואַרט פשוט הינטער'ן טיר ביז זיי וועלן אויפשטיין, און אַלע ווייבער זאָלן דאַן באַפאַלן דאָס צימער צו אונטערזוכן די כשר'קייט פון דער כלה, ווי עס איז נאָך דער אידישער מנהג אין די קליינע שטעטלעך. ער האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען און מיטגעפילט מיט אסתר'לן; געפילט מיט וויפיל זי איז העכער און דערהויבע־נער פון די אַנדערע אידישע מיידלעך דאָ. טרערן זיינען אים שיער ניט געקומען אין די אויגן אַריין פון אַ זים נאָגנדער ליבשאַפט, וואָס איז פון דאָס ניי אין אים אויסגעוואַקסן צו זיין שיינער, שטאָלצער אסתר'ל, ר' פישעלעס איינקל. ער האָט איר אָנגע־הויבן פאַרגעטערן.

ער האָט דערפאַר ניט געוואָלט אַריינרעדן אַזוי אָדער אַנ־דערש. ווייל ער האָט אויך געוואוסט, לייבל, וואָס עס מיינט פאַר אירע עלטערן, וואָס וועלן ווייטער בלייבן אין שטעטל שוין נאָכ־דעם, ווי ער וועט מיט אסתר'לן זיין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקאַ.

ווען עס איז קלאָר געוואָרן אַז אַנדערש וועט עס ניט זיין, און די עלטערן קענען עס פאָרט ניט איבערקומען, האָט עס לייבל גע־נומען אויף זיך:

— ער, שוין געוואוינט צו אַן אַנדער שטייגער לעבן אין דעם גרויסן, פרייען אַמעריקאַ וויל דאָס אַזוי. —

און די שטאָט אידן און אידענעס זיינען פאַרשטומט געבליבן.

— אַן אַמעריקאַנער און אַ רייכער דערצו — האָבן זיך אידן איבערגעקוקט. און די עבירה פון ברעכן אַזאַ אידישן מנהג האָט מיט אַמאָל אין גאַנצן פאַרלוירן זיין באַדייטונג.

צענטער קאַפּיטל

די חופה איז געשטעלט געוואָרן צווישן אַ מנין אידן אין אַ צימער פון רב'ס דירה לעבן בית המדרש. אין שטעטל האָט מען

זיך דערוואוסט דערפון שוין עטליכע שטונדן נאָך דער חופה, ווען מאַן און ווייב, לייבל און אסתר׳ל זיינען שוין געווען אויפ׳ן וועג קיין וואַרשע פאַר זייער ערשטער, האָניק נאַכט. אויף אסתר׳לס פאַרלאַנג איז געוואָרן באַשטימט אַז אין שטעטל זאָל מען ניט וויסן, אַז די חופה איז אין מיטן טאָג, מען זאָל ניט קענען קומען צו לויפן ווי אויף אַ ביז וואונדער אָנקוקן חתן כלה אונטער די חופה ווי דער שטייגער איז.

עס איז ניט געווען קיין עקשנות, אָדער גלאַט אַ קאַפּריז פון אסתר׳לן.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זיי וועלן ווערן חתן כלה, דערנאָך מאַן און ווייב, האָט זיך אין אסתר׳לן איינגעגעסן אַ געפיל פון עפּעס פּאַטערלעכעס מער ווי חתן׳דיקס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים צו איר: חתן׳דיקס, ווי זי האָט עס זיך פאָרגעשטעלט און אויסגעחלום׳ט אין אירע רייף געוואָרענע, מיידלשע יאָרן.

אודאי וועט זי מיט דעם רייכן חתן חתונה האָבן. וואָרים, זיין רייכטום, מיט וואָס ער האָט איר באַגאָסן, זיין רייכטום, וואָס האָט אין איר אויפגעוועקט יענעם שטאָלצן, יחוס — נגידישן באַוואוסטזיין פון ר׳פישעלע דאָזער׳ס אַן אייניקל וואָס איז ערגיץ געלעגן פאַרשלעפּערט אין איר, דאָס אַלץ האָט גורם געווען, ער זאָל ווערן איר חתן, איר מאַן, און זי איז אים אַזוי פיל דאַנקבאַר געווען דערפאַר.

אָפּשטויסנד איז ער איר אויך ניט געווען, בפרט ווען זי האָט אים כסדר געזען, ווי פון דערווייטנס; אַ רייך אָנגעטאָענעם, אַ פרישן, אַ זויבערן, וואָס אין שטעטל האָט זי אַזאַ קיינמאָל ניט געזען.

דאָס אַלץ האָט איר פאַרגאָסן, געבלענדט. אָבער זי האָט אַלץ און כסדר געפילט מער פּאַטערלעכעס ווי חתן׳דיקס פון אים צו

איר. איבערהויפט יעדעס מאָל, ווען ער איז מיט איר געבליבן אַליין; ווען ער האָט מיט איר אַ שטיק געטאָן צו גאָר איר אַ קוש געטאָן, וואָס ער האָט עס אויך געטאָן מער מיט יראת הכבוד, ווי חתן'דיק און זי האָט ניט געפילט דעם זיסן צאַפּל דערפון.

האָט זיך פון אָט דעם אַלעם, ערגיץ אין אַ ווינקל פון איר אינ-געוויד פאַרקליבן אַ געפיל פון שעמען זיך, אַז מען זאָל צופיל ניט קוקן אויף זיי, ווי עפּעס אַ בושה וואָלט געגרויטלט איך שיין פּנים, אַז מען וועט זען, אַז ער האָט געמעגט זיין איר פאָטער און ניט איר חתן.

דער געפיל האָט זיך לאַנגזאַם און כסדר איינגעגעסן אין איר.

דערפאַר האָט זי ניט געוואָלט קיין עפנטלעכע חתונה, אפילו ניט קיין עפנטלעכע חופּה: ניט געוואָלט ס'גאַנצע שטעטל, אי-בערהויפט אַלע מיידלעך און בחורים פון שטעטל, ווי דער שטיי-גער איז, זאָלן קומען קוקן אויף איר און אויף אים ווי אויף אַ בייז וואונדער.

דערפאַר זיינען צו דער חופּה געקומען בלויז מענדל און פאַלטשע אירע עלטערן; בערל משה'לעס מיט'ן ווייב; רחל'ע די אַלמנה, לייבל'ס ווייטער קרובה און מענדל'ס אַ געשוועסטער קינד פון אַן אַנדער שטעטל. דערצו עטלעכע אידן, ס'זאָל מאַכן אַ מנין, וועמען דער שמש האָט געבראַכט אין דער שטיל און זיי באַצאָלט פאַר דער טרחה.

יאָרן לאַנג, דאַכט זיך, האָבן אַלע געוואוסט מענדלען, איבער-הויפט פאַלטשען, וואָס האָט פאַרקויפט אין די טאָרג-טעג אַביסל געבעקס צו די פויערים.

און זיי האָבן געוואוסט זייער מיידל, וואָס האָט דער מאַמען געהאָלפן פאַרקויפן, און אַכטונג געגעבן שגצים זאָלן ניט כאַפּן פון די קוישן.

וועמען פון די אידן, וואָס זיינען איצט געשטאַנען ביי דער

חופה, האָט געקענט אַמאָל איינפאַלן, אַז אַט דאָס מיידל, אסתר׳ל איז אַזאַ שיינע.

ווי זי איז איצט געשטאַנען אונטער דער חופה אין אירע זייַדענע קליידער, אין איר ווייסן דורכזיכטיקן וואַליור, האָבן זיי גע-האַט גרויס דרך ארץ, זיך ניט פאַרגונען צו קוקן אויף איר ליכטיק פּנים, אויף איר שלאַנקער, נגידישער פיגור. אפילו דער מיטל-יאָריקער רב, וואָס האָט צוליב זיין פרומקייט און כבוד התורה ניט געקוקט אויף איר, האָט ער דאָך געזען איר גאַנצע שיינקייט און געפּרובט פאַריאָגן פון זיך בייזע מחשבות. זיי אַלע האָבן זיך קוים געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז טאַקע מענדל׳ס מיידל.

און לייבל, — לייבל האָט נאָך אין זיין גאַנץ לעבן ניט גע-פילט אַזוי גוט און וואַרם און שטאָלץ, און דערהויבן, ווי איצט, ווען ער שטייט מיט דער ווי אַ פּרינצעסין שיינע אסתר׳ל, ר׳ פּי-שעלעס אַן אייניקל, אונטער דער חופה. זי איז אויף אַן אמת זיין כּלה. נאָך עטליכע מינוטן און זי וועט זיין זיין ווייב.

שטונדן לאַנג האָט ער זיך היינט איינגע׳חזר׳ט די ווערטער מיט וועלכע ער דאַרף איר מקדש זיין. וואָרים ער האָט פאַר אסתר׳לן ניט געוואָלט פאַרשעמט ווערן.

ווען מען האָט אים דערנאָך געגעבן דאָס גלאָז צו צעברעכן האָט אים דאָס גאַנצע בלוט געגעבן אַ יאָג אין פּנים אַריין.

עס האָט אים אַ בליץ אַדורך געגעבן, וואָס דאָס גלאָז צע-ברעכן מיינט און גלייך ווי עס וואָלט אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים אַריין די דרייסיק יאָר, וואָס ער איז עלטער פון איר, פון דער שיינער, יונגער אסתר׳לן. אָבער דער בריאָגז פון צערבראָכענעם גלאָז פון וואָס אסתר׳ל האָט אַ שטילן ציטער געטאָן, האָט פאָרט אַ קלונג געטאָן אין דעם שטילן אַרום און אַלין איז פאַרטרונקן גע-

וואָרן אין די אויסגעשרייען: מזל טוב חתן! מזל טוב כלה! מזל טוב מחותנים!.

* * *

קומענדיקן זונטיק, ווען לייבל און אסתר׳ל זיינען שוין געווען אין וואַרשע, איז געפּראַוועט געוואָרן אַ רייכע חתונה־מאָלצייט כמעט פאַר׳ן גאַנצן שטעטל אידן. די לאַנגע טישן אין בית המדרש זיינען געדעקט געוואָרן.

אפילו אין דרויסן אין בית המדרש־הויף זיינען געדעקט געוואָרן טישן, ווייל עס איז ניט געווען אַזוי פיל פּלאַץ פאַר אַלעמען אינעווייניק.

און געקומען צו דער חתונה־מאָלצייט זיינען כמעט אַלע. עס זיינען אפילו אָנגעגאַנגען אָרימע לייט פון אַרומיקע, פרעמדע שטעטלעך:

— מיר האָבן געהערט, אַז אַן אַראָפּגעקומענער גרויסער גביר פון אַמעריקא האָט דאָ חתונה פון אייער שטעטל און מאַכט אַ חתונה־מאָלצייט פאַר קינד און קייט. האָבן מיר אויך געוואָלט האָבן אַ מצוה און סתם זיך אונטערלענען ס׳האַרץ, וואָס מיר האָבן שוין זינט יאָרן ניט געוואוסט דעם טעם דערפון. —

ס׳איז גאָר ניט געווען צו דערקלערן פון וואַנען אָט די פרעמדע אָרימע לייט האָבן זיך אַזוי גיך דערוואוסט דערפון.

און ס׳איז געווען צו עסן און צו טרינקען פון אַלץ און פאַר אַלעמען. וואָרים דער רייכער חתן האָט איבערגעלאָזן פינף הונדערט דאָלאַרן פאַר אָט דער חתונה־מאָלצייט. און קיינער האָט אַזאַ מאָלצייט ניט געוואָלט אַדורכלאָזן. יעדער איז געווען אויסגעהונגערט און יעדער איז געקומען. געשרייען, זידלערייען און אפילו קלעפּ האָט ביי דער שמחה אויך ניט געפעלט. וואָרים יעדע פרוי האָט געוואָלט זיין די קעכן און קענען די ערשטע אָפּלעקן פון די גוטע זאַכן; יעדער מאַן האָט זיך געריסן צו זיין אַ סאַר-

ווער, און ביי יעדן מאָל דערלאַנגען צום טיש זאָל ער זיך דערוווייל קענען אַ לען אונטער געבן ס'האַרץ מיט אַ שנאַפּס, אַ שטיקל לע-קעך, אַ שטיקל פיש, אַ שטיקל גענזענע פּאָלקע, אָדער עס גאָר אַ-ריינוואַרפן אין טאַש פאַר די אויסגעהונגערטע קינדער אין דער היים. און מ'האָט זיך גלאַט און סתם געריסן און געשריגן, ווי מורא האָבנדיק, אַז אַנדערע וועלן די ערשטע אויסכאַפּן און ס'וועט ניט בלייבן פאַר אים אָדער פאַר איר. אַזוי אויסגעלאַמט ווי מען איז געווען נאָך אַ געשמאַקן ביסן, האָט מען פאַרלוירן יע-דע בושה און יעדן דרך ארץ איינער פאַר'ן אַנדערן. אפילו דאָס, וואָס חתן כלה זיינען ניט ביי זייער חתונה-מאָלצייט, און זיינען אפילו פאַר דער ערשטער נאַכט, די נאַכט פון ליגן פירן, אַליין אַ-וועקגעפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, וואָס איז ניט אידיש-לעך, און גאָר, ווי ביי רייכע פריצים להבדיל, האָט מען מוחל גע-וועזן. ס'איז אפילו קיינעם אין זינען ניט געלעגן, ווען מען האָט זיך געריסן, געזידלט און אפילו געשלאָגן פאַר אַ ביסן עסן.

אין וואַרשע זיינען זיי, אסתר'ל און לייבל, שוין אַלס מאַן און ווייב, אָנגעקומען שפּעט נאַכמיטיק. ער איז מיט איר ס'ערשטע געפאָרן צום זעלביקן האָטעל, וואו ער האָט פאַר איר און איר מו-טער ס'ערשטע מאָל אַ צימער געדונגען, ווען ער איז מיט זיי גע-קומען ס'ערשטע מאָל איינקויפן קליידער פאַר אסתר'לן.

ס'שענסטע צימער האָט ער איצט אָפּגעקליבן, זיך איינגגע-מעלדעט מיט איר אַלס הער און מאַדאַם פינק, איבערגעלאָזן די וואַליזע אינ'ם צימער, גענומען דעם שליסל צו זיך און מיט אַ דראָשקע דערוווייל פאַרפאָרן מיט איר צו אַ פיינער אידישער גאַרקיך.

פאַר ביידן האָט כסדר און אינסטינקטיוו געשוועבט און זיך געוועבט די היינטיקע, ערשטע נאַכט זייערע. פאַר אים, לייבלען,

פול מיט אסתר׳לם וועזן, פול מיט עפּעם זיסעם, הייליקס, אַזש מיט אַ ציטער, וואָס האָט אים אַ דורכגענומען און לייכט געציקט אין זיין יעדן בלוט אָדער. ער האָט זיך כסדר און דורכאויס גע־וואָלט פאַרשטעלן ווי אַזוי די פּרעכטיקע, יונגע אסתר׳ל, ר׳ פּי־שעלע דאַזער׳ס אַן איינקל וועט היינטיקע נאַכט איבערגעבן איר שיין, יונג יחוס׳דיק, ווייך, וואַרים און נאַקעט לייב צו אים. זיין גאַנץ לייב, זיינע אַריבער פיפציק־יאָר האָבן זיך דערמיט אָנגע־גאָסן און אים באַרוישט. פון קיין שום אַנדער זאַך האָט ער איצט ניט געקענט טראַכטן, און קיין שום אַנדער געפיל ניט פילן דער אַמאָליקער יתום, דער באַלעבאַטישער לייבל, וואָס האָט נאָך אין זיין לעבן אַזעלכעס ניט איבערגעלעבט;

אפילו ניט אין דעם טאָג פון זיין חתונה מיט חאַנטשן.

פאַר איר אסתר׳לן, עפּעס נייגעריקס, וואָס איז אין אירע אַלע מיידלשע יאָרן ביז איצט געווען פאַר איר פאַרהוילן. דערצו אויך עפּעס שווערס, וואָס האָט איצט געדריקט איר געמיט. וואַרים דאָס פאַטערלעכע מער ווי חתן׳דיקס, וואָס האָט איר ביז היינט, ווי אַ לייכט ווינטל קוים באַרירט און געקילט איר לייב, איז איצט שטאַרקער אויף איר אָנגעגאַנגען; שטאַרקער און דריקנדער מיט יעדע מינוט וואָס האָט זיך דערנענטערט, אַז זי דאַרף ווערן זיין ווייב. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח איצט, אסתר׳ל, אַנדערש צו זיין. וואַרים מיט׳ן געדאַנק ווייס זי דאָך, אַז זי וועט זיין זיין ווייב, כאָטש ס׳איז איר שווער. זי האָט עס דאָך געוואָלט; גע־וואָלט האָבן די שיינע, טייערע קליידער; געוואָלט זיך אַרויסהויבן פון איר אָרימקייט און שפלות; געוואָלט אויך, אַז די עלטערן זאָלן אויפגעריכט ווערן; און אויך געוואָלט, אַז דער אַמעריקאַנער, וואָס האָט דאָס אַלץ פאַר איר געטאָן, פאַר איר און פאַר אירע עלטערן, זאָל ווערן איר מאַן.

אַ טיפער געפיל צו אים, פאַר דעם אַלץ, האָט איר גערירט.

— לואי! — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים געקוקט װאַרם אין די אויגן אַריין. זי האָט אים געוואָלט ליב קריגן. האָט זי זיך מיט איר בליק איינגעגעסן אין זיין גאַנץ אויסזען, וואָס זאָל איר אָנוואַרעמען, זי זאָל דערפילן אין זיך דעם ציטער פון אַ כלה צו איר חתן.

—אסתר׳ל! — נעמט לייבל איר קליין, ווייס און איידל הענטל אין זיין האַנט אַריין. אַ דינע, זיסע וואַרעמקייט גיסט זיך אין זיין יעדן אבר.

פון נאָגנדער ליבשאַפט האָט ער אַ בויג געטאָן זיין קאָפּ נאָענטער צו איר, וואו עס האָבן זיך מיט אַמאָל אַ לייג געטאָן צוויי לאַנגע קנייטשן פון זיין קינבאַק ביז צום האַלז; קנייטשן האַרטע באַיאָרנטע שוין געדונצלטע, וואָס האָבן אין דער מינוט אין אסתר׳לן איינגעפרוירן די וואַרעמקייט, מיט וועלכער זי האָט געוואָלט אָט ערשט אָנגליען איר האַרץ, איר גאַנץ וועזן, ווי עס טוט אַ כלה פאַר איר חתן אין דער נאַכט פון איר חתונה.

איז זי ווידער געבליבן זיצן און ניט געקענט קיין וואָרט אַ-רויסברענגען. געמישטע געפילן האָבן זיך פיינליך געשפּאַרט אין איר; זי האָט אַזוי גערן געוואָלט זיין גוט צו אים איצט. אָבער זי האָט ניט געקענט פאַרטרייבן די שווערקייט, וואָס האָט זיך פּלוצים ווידער אַלייג געגעבן אַרום איר האַרץ:

ווי עפּעס וואָלט שטיל געוויינט דאָרט.

זי האָט געוואָלט אַזוי די גאַנצע נאַכט, די ערשטע נאַכט פון איר חתונה זיצן ביז אויפברוך פון טאָג. זאָל ער בעסער אַזוי זיצן לעבן איר און איר דערציילן פון אַמעריקא. ער האָט איר נאָך אַזוי וויניק דערציילט פון דעם וויטן, רייכן לאַנד.

האָט אָבער לייבל אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער, זיך אַכאַפּ גע-

טאָן און אַזוי אינטים און זיכער, ווי איצט נאָכדעם, ווי ער האָט איר מקדש געווען, איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַ זאָג געטאָן:

— דער זייגער איז שוין נאָך עלף. אסתר'ל, מיר וועלן אַרויפגיין אין אונזער צימער.

אסתר'ל האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. נאָר אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין, האָט זי זיך אויך אויפגעשטעלט און אַ ז מיט אים צעזאַמען אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט צוגערופן אַ דראָשקע און זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט.

דער אָוונט איז געווען אַ קילער. אסתר'לס יונגער, צאַרטער קערפּער האָט לייכט געציטערט: שווער געווען צו זאָגן צו פון פון דעם וואָס דאַרף קומען. ס'איז פאַר איר אַליין ניט קלאָר געווען. ס'האָט איר מיט אַמאָל באַנג געטאָן צו וואָס זי איז מיט אים אַוועקגעפאָרן פאַר דער ערשטער נאַכט פון איר חתונה אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין, וואו זי האָט קיינעם ניט.

אפשר אין דער היים לעבן טאַטע מאַמע, וואָלט אַנדערש געווען.

זי האָט זיך שיער ניט צעוויינט.

ווען זיי זיינען שוין געגאַנגען אַרויף די טרעפּ פון האָטעל צו זייער צימער, אפילו, ווען זיי זיינען שוין אַריין אין'ם צימער, האָט זיך אסתר'ל אַלץ געוואָלט שטאַרקן ער זאָל איר ווערן נאָענט, ווי אַ חתן פון וואָס זי האָט אין אירע צאַרטע, יונגע, מיידלשע יאָרן אפילו אין איר אָרימקייט גע'חלום'ט אויסגעוואַרעמט און אויסגעצערטלט איר ערשטער כלה-נאַכט מיט אַ חתן צעזאַמען. אָבער דאָס פאָטערלעכע און ניט חתן'דיקס, און איצט נאָך די האַרטע גערונצלטע קנייטשן און קנייטשעלעך, וואָס זי האָט פריער ביי

אים ס'ערשטע מאָל דערזען, האָבן זיך בולט פאַר איר אַוועק גע-שטעלט און ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

זי איז דערפאַר ווי אַ צעשראָקן קינד. וואָס איז פּלוצים פאַר-לאָזן געוואָרן, געבליבן שטיין איבער'ן שוועל פון צימער און ניט געקענט ווייטער גיין. לייבל, ניט ער איז פּעאיק געווען עפּעס צו באַמערקן און ניט עס האָט אים איצט געקענט איינפאַלן עפּעס אַנדערש, ווי אסתר'ל ר' פישעלעס אַן אייניקל, איז זיינע. ווארים באַלד ביים איבערטרעטן מיט איר די שוועל פון צימער, האָט ער איר, ס'ערשטע מאָל, גענומען קושן מיט ליבשאַפט, מיט באַגער און מיט יראת הכבוד, אָבער אויך מיט דער זיכערקייט און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז איצט איז זי זיינע: ער האָט ניט געפילט דאָס לייכטע, צעשראָקענע ציטערן פון איר יונגן לייב.

ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן. אסתר'ל איז אַלץ געבליבן שטיין אַזוי, ווי זי וואָלט זיך פאַרטראַכט איבער דעם אויסזען פון צימער.

זי האָט געקוקט אויף די צוויי גרויסע פענסטער מיט לאַנגע, שווערע אַראָפּהענגנדיקע גאַרדינען; אויף די ווענט מיט רויט-טונ-קעלן, ווייך שטילן סאַמעט באַדעקט; אויף דעם קליינעם טישעלע צווישן די פענסטער, אויף וועלכן עס האָט טונקל געברענט אַ קליין לעמפל מיט אַ טונקל רויטן אַבאַזשור, און זיין טונקל רויטער שיין, האָט זיך סודות'דיק און ווי מיט אַ שווער געמיט געשפרייט איבער'ן צימער. דערנאָך אַ ברייט בעט שוין צוגעריכט, וואָס האָט איצט ניט גערייצט נאָר ווי עזות'דיק געוואונקן:

— איך בין דער סוד פון אַלע סודות. —

אַ קילער שרעק איז איר אַ גיי געגעבן איבערן לייב, אסתר'לן, ווי זי וואָלט איצט ניט געוואָלט, בשום אופן ניט געוואָלט דעם בעט איבערגעבן איר זיסע, אויסגעבענקטע און אין דער שטיל

אויסגעצערטלטע מיידלשאַפט; ניט איבערגעבן דעם בעט די הײנ־טיקע נאַכט, איר כלה נאַכט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, אסתר׳ל ? — האָט לייבל שוין אַ האַלב אויסגעטועגער איר צאַרט און ליידנשאַפט־לעך אָנגענומען בײַ דער האַנט.

אַ טרער האָט זיך באַוויזן אין אסתר׳לס אויג.

— אסתר׳ל ? ! — האָט לייבל, ווי זיין געליבט קינד, איר גע־וואָלט נעמען אויף די הענט.

— לואי! לואי! — האָט אים אסתר׳ל צוריקגעהאַלטן, דאָך פעסט גענומען דריקן זיין האַנט ווי זי וואָלט אים געוואָלט ליב קריגן, וויסנדיק מיט׳ן געדאַנק, אַז ער איז פאַרט שוין איר מאַן.

— לואי, ס׳האַרץ איז מיר אַזוי פול און שווער היינט אָונט.

— לואי! דו ביסט דאָך אַ גוטער און גוט צו מיר.

אפשר באַגיי איך אַ זינד דערמיט; זאָל עס מיר גאָט מוחל זיין.

אָבער דו טו עס מיר צוליב; זאָל עס בלייבן צווישן אונז; טאַ־טע מאַמע זאָלן דערפון ניט וויסן.

לואי, לאָמיר די היינטיקע נאַכט לאָזן אויף מאָרגן! — האָט זי זיך מיט אַ שטראָם טרערן, וועלכע זי האָט ניט געקענט צוריק־האַלטן, ווי אַ קינד זיך געטוליעט צו אים.

— אויף מאָרגן, אויף מאָרגן! — האָט אסתר׳ל ניט אויפגע־הערט צו בעטן מיט עפּעס אַ געפיל אַז גלייך מאָרגן וועט זי זיין אַ פרוי, ניט קיין כלה פאַר דער ערשטער נאַכט. ס׳וועט ניט מער זיין קיין חופה נאַכט, קיין כלה נאַכט. זי וועט אים זיין אַ פרוי ווי גאָט האָט געבאָטן, נאָר די ערשטע כלה־נאַכט, וויל זי אים ניט געבן. זאָל גאָט עס איר מוחל זיין. האָט עס געאַרבייט אין

אסתר'לן, בשעת זי האָט מיט הייסע טרערן זיך געטוליעט צו אים.

לייבל, כאָטש זער ניט צעפרידן, שוין אָנגעגליט און אַדורכ- גענומען מיט הייסן באַגער; איז ניט צעפרידן געווען, וואָס די היים געגאַרטע שעה, וואָס האָט אים היינט דעם גאַנצן טאָג גע- גלעט, אים אָנגעפילט מיט אַזוי פיל זיסקייט און הייליק באַרויש- דיקן ציטער, ווערט אים, ווי פון אונטערן האַנט צוגענומען, האָט ער דאָך רחמנות געקראָגן אויף אסתר'לן און איר נאָכגעגעבן.

ער איז געבליבן שטיין, געקוקט אויף איר און געפילט, ווי ער וואָלט געקענט אַזוי אויסגיין פון זים אומעטיקער ליבשאַפט צו איר, — געפילט אַז ער האָט ניט דעם כח איר אָפצוזאָגן. איר שרעקן זיך, איר אָפלייגן די היינטיקע נאַכט אויף מאָרגן, האָט ער, לייבל, אָנגענומען בלויז אַלס די סיבה פון איר יוגנט, פון איר צאַרטע עמפינדלעכקייט אין איר חופה-טאָג — האָט ער זיך גע- טרייסט. ער האָט איר פאָטערלעך אויסגעקושט די טרערן פון די אויגן און איז אַוועק זיך לייגן אויף אַ זיץ-קאַנאַפע, וואָס האָט זיך געפונען אין צימער.

עלפטער קאַפיטל

אסתר'ל איז שוין איצט אַרויסגעגאַנגען איבער'ן שטעטל מיט איר מאַן, מיט ווענען צעזאַמען, זי ווערט אין עטלעכע טעג אַרום שוין פאַרלאָזן ס'שטעטל קיין אַמעריקאַ.

דער זים-טרויריקער אומעט, וואָס האָט איר געדריקט אין די לעצטע עטלעכע טעג פאַר דער חתונה, האָט ווידער אָפגעלאָזן. איצט איז ער ניט מער קיין חתן נאָר איר מאַן. זי אסתר'ל איז ניט מער קיין כלה. איר מיידלשאַפט אַלס אַ כלה, האָט זי אים אין דער ערשטער נאַכט, אין דער חופה-נאַכט ניט אָפגעגעבן.

ערשט נאָך דער ערשטער נאַכט, ווען זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי איז שוין אַ פרוי און ער איר מאַן.

דערפאַר האָט זי זיך איצט ווידער געפילט גוט לעבן אים; אַרויפגעקוקט צו אים מיט אַ דאַנקבאַרן, וואַרעמען בליק פאַר זיין גוטסקייט צו איר, פאַר זיין נאָכגעבן איר יעדן וואונש און יעדן קאַפריז אירן: און דער עיקר'שט פאַר זיין נאָכגעבן איר אין יענער ערשטער נאַכט.

זי האָט אויך איצט מיט דער פולער ברוסט געשעפּט און געאָטעמט דעם נחת און דעם כבוד, וואָס דאָס שטעטל גיט איר:

וואַרים, מ'האָט אין שטעטל מיט אַמאָל און אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק האָט זי זיך מיט דער מוטער צעזאַמען נאָך געשלעפּט מיט די קוישן געבעקס אין די טאָרג-טעג אין מאַרק אַריין; פאַרליב גענומען ווען אַ פויערישער שגץ האָט זיך געטשעפּעט צו איר, צו דער שיינער זשידאָווקע, צו גאָר, ווען אַ פויער צו אַ פויערטע האָט איר באַליידיקט.

ס'איז איר אסתר'לן גאָר ניט מער געווען צו דערקענען. גלייך מען וואָלט איר פון תמיד אָן אַזוי געקענט, פון תמיד אָן איר אַזוי געזען אין אירע רייכע קליידער מיט אירע שטילע, איינגעהאַלטענע, קורצע, ווי געמאָסטענע טריטעלעך. אַזוי איז זי איצט געגאַנגען לעבן אים מיט דער זיכערקייט און מיט דעם באַוואוסטזיין פון אַ יחוס'דיקער נגידית. דורך אַלע פענסטער, פון פאַר די טירן פון די הייזער האָבן זיי נאָכגעקוקט פרויען און מיידלשע בליקן, איר באַוואונדערט מער ווי אים, דעם רייכן, אַמעריקאַנעם לאַנדסמאַן.

און לייבל האָט זיך געשפּיגלט אין איר.

— מיר וועלן שוין אפשר צוריק גיין אין שטוב אַריין? — האָט אסתר'ל צו געלאָזן און צופּיעסצעט ווי אַ יונג ווייבל אין די

ערשטע טעג נאָך איר חתונה אַ הויב געטאָן דעם בליק צו אים.

— מיר גייען דאָך שוין אַרויס פון שטעטל —

—ביסטו מיד, אסתר׳ל ? — האָט לייבל מיט אַן אַ שיעור ליב-שאַפט, געטריישאַפט און עפּעס אַ רחמנות צו זיך, געקוקט אסתר׳לן אין די אויגן אַריין.

— ניין לואי. אָבער ס׳שטעטל ענדיקט זיך דאָ שוין. אין אַ-מעריקא וואָלט מען מסתמא געקענט מאַכן גרעסערע שפּאַצירן און מען זאָל ניט אַרויסקומען הינטערן שטאָט.

—אודאי, — האָט לייבל אַ שמייכל געטאָן. די שטאָט "ווי" איך וואוין רעכנט זיך ניט קיין גרויסע, אָבער דאָרט וואָלט איך דיך ניט געלאָזן גיין ביז מיר זאָלן אַרויסקומען הינטערן שטאָט. ס׳וואָלט גענומען שטונדן.

— שפּאַצירט מען דאָרט אַזוי פיל אין דער שטאָט ? — איז אסתר׳ל געוואָרן נייגעריק.

לייבל האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן.

— אַז מיר וועלן זיך וועלן אַדורך שפּאַצירן ביז הינטערן שטאָט וועלן מיר פאָרן אין אַן אָויטאָ מאַשין, און מיר וועלן גאַנץ אָפטן אַרויספאָרן, אסתר׳ל.

אסתר׳ל האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די אויגן צו אים.

— לואי, דו האָסט אַן אייגענע אויטאָ מאַשין ?

— אודאי, אַן אייגענע, און אַ טייערע. און פאַר דיר אסתר׳ל וועל איך באַזונדער קויפן איינע. פאַר דיר אַליין. אַז דו וועסט זיך וועלן אַמאָל אַדורכפאָרן אַליין, אָדער ווען איך וועל ניט זיין אין דער היים, זאָלסטו האָבן דיין אייגענע אָטאָ מאַשין.

אסתר׳ל האָט געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט ניט קענען באַ-נעמען, וואָס ער זאָגט איר. נאָר באַלד ווי זי וואָלט זיך שעמען פאַר איר איינגעבוירענעם, נגידישן שטאָלץ, האָט זי געענטפערט:

— נו, דאָס וועלן מיר שוין זען, ווען מיר וועלן זיין אין אַמע־ריקאַ.

— און דיינע קינדער לואי, האָבן אויך באַזונדערע אָטאָמאָ־שינען? זיי זיינען דאָך שוין דערוואַקסענע, ווי דו האָסט מיר דערציילט. ניט אַזוי?

— דערווייל האָבן זיי ניט. זיי ברויכן עס דערווייל ניט. זיי פאָרן מיט מיין אויטאָ מאַשין.

— וועט עס זיי ניט פאַרדריסן, אַז דו ׳עסט פאַר מיר קויפן אַן עקסטראַ אויטאָ מאַשין?

לייבל, וואָס האָט זיך אין גאַנצן אויף אַזאַ פראַגע ניט גע־ריכט, האָט, אינסטינקטיוו אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך פאַר־שעמט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי עפּעס, פון וואָס ער פילט זיך ניט איבריקס אָנגענעם.

ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זיין איצטיק שטיין אַ־זוי און שווייגן, וועט זיך לייגן שווער אויף אסתר׳לס געמיט, — אויף זיין יונג, צאַרט ווייבל, וואָס איז ערשט עטלעכע טעג נאָך דער חתונה. האָט ער ווידער אָנגענומען אַ גוט געשטימטע מינע און, כאָטש ניט אין גאַנצן זיכער, געענטפערט:

— כ׳גלויב ניט, אסתר׳ל. ניט מיינע קינדער. און גלאַט פאַר דיר, אסתר׳ל, וועט מיר קיין זאַך ניט זיין צו שווער און ניט צו טייער. —

אָבער אסתר׳ל, ווי זי וואָלט ניט שטאַרק איבעראַשט געווען ניט פון איר אייגענער פראַגע, און ניט פון זיין ענטפער האָט, כאָטש איידל און איינגעהאַלטן, דאָך גאַנץ זיכער געענטפערט:

— אויך דאָס וועלן מיר שוין זען, ווען מיר וועלן זיין אין אַמע־ריקאַ.

אויף צו מאָרגנס נאָכמיטיק, איז זי, ס׳יונגע ווייבל, אַרויסגע־

קומען מיט'ן מאַן פאַר דער טיר פון זייער הויז. זי איז געווען אַנ-געטאָן לייכט; זומערדיק, אין ווייס זיידנס. ס'פּנים פריש, ס'האָט געלאָכטן אַזש פון שיינקייט, יוגנט און צופרידנקייט. ס'איז ווי-דער געוואָרן אַ געקוק פון די פענסטער, און ווידער מער אויף אסתר'לן, ווי אויף אים, דעם רייכן אַמעריקאַנעם לאַנדסמאַן. מען האָט געקוקט אויף איר פּונקט ווי אַמאָל אויף איר מוטער, ווען זי איז מיט דרייסיק יאָר צוריק אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין און מען האָט ניט געזאָגט מענדל'ס ווייב, נאָר: זע ר' פישעלעס שנור גייט.

פּונקט אַזאַ געקוק איז איצט געוואָרן אויף אסתר'לן יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך באַוויזן אין דרויסן אין אירע רייכע, זיידע-נע קליידער.

זי האָט אין גאַנצן פאַרטונקלט איר רייכן מאַן, וואָס איז ערשט אָט ניט לאַנג צוריק געווען דער רייכער גאַסט פון אַמערי-קאַ און ס'שטעטל האָט מיט אים געקאָכט.

מיט אַמאָל האָבן אירע קליינע, רויטע און זאַפטיקע ליפּעלעך קינדיש און פאַרפיעסעט זיך פאַרצויגן, און זי האָט אַ זאָג גע-טאָן צו אים:

— כ'וואָלט זיך געוואָלט אַליין אַביסל אַדורכשפּאַצירן אי-בער'ן שטעטל. ס'עט דיך ניט אַרן לואי? אָדער זאָלן מיר גיין צוזאַמען? — האָט זי לאַנגזאַם געצויגן די לעצטע ווערטער און געקוקט אויף אים.

לייבל'ס בליק איז פול געוואָרן מיט איר יונגען וועזן, מיט אירע שיינע אויגן, מט איר דורכזיכטיק ווייסע מיט פון יונג בלוט רויט-לעך אַדורכגעשפּריצטע הויט, און ער איז ניט בכח געווען צו זאָגן, אַז ער וואָלט יאָ געוואָלט מיטגיין. האָט זי זיך אַליין אַוועקגע-לאָזן שפּאַצירן איבערן שטעטל. ער איז געשטאַנען און איר נאָכ-

געקוקט מיט אַ גליקלעך שמייכלדיקן בליק, ווי אַ מאַמע, פֿול מיט נחת, קוקט נאָך איר איינציק אויסגעצײַטערט קינד, כאָטש אין האַרצן בײַ אים האָט זיך פֿאָרט פֿאַרקליבן עפּעס אַזאַ דין, זיס טרויריק געפֿיל און אַ רחמנות צו זיך אַליין.

שבת, צוויי טעג פֿאַר׳ן פֿאַרלאָזן ס׳שטעטל קיין אַמעריקאַ האָט ווידער כמעט ס׳גאַנצע שטעטל אידן אָנגעפֿילט די שול.

מענער אונטן אין דער מענערשער און פֿרויען אויבן אין דער ווײַבערשער שול. ווײַרים, מ׳האָט שוין אין שטעטל געוואוסט, אַז זיי פֿאָרן מאָנטיק אָפּ. אסתּר׳ל פּונקט ווי לייבל איז געקומען אין שול אַרײַן. בײדע צוזאַמען וועלן אַזוי אַרום זיך קענען גע־זעגנען מיט אַלעמען אויף איינמאָל.

ס׳איז דערפֿאַר אויך צוגעגרייט געוואָרן לעקעך און בראָנפֿן פֿאַר די מענער און ווײַן פֿאַר די פֿרויען, וואָס מ׳האָט עקסטראַ גע־בראַכט פֿון אַ גרעסערע שטאָט. לייבל מיט׳ן שווער מענדל זײַ־נען געשטאַנען לעבן רב אונטן און אסתּר׳ל מיט דער מוטער, פֿאָלטשן, זײַנען געשטאַנע לעבן דער רביצין אויבן.

מיידלעך סײַ אינגערע סײַ עלטערע, וואָס גײַן, לויט׳ן אידישן מנהג ניט אַרײַן אין קיין שול, אפֿילו ניט אין דער ווײַבערשער, האָבן אַרומגעקליבן זיך אין דרויסן, ווי זיי וואָלטן אַזוי אַרום אויך געוואָלט האָבן אַ חלק אין דעם געזעגנען זיך. זיי האָבן זיך איצט פֿאָרגעשטעלט אסתּר׳לן אין איר רײַכן אָנטועכץ, וואָס פֿאָרט אַוועק מיט איר רײַכן מאַן אין דעם ווײַטן, רײַכן אַמעריקאַ, זיי האָבן זיך מיט אַמאָל דערפֿילט ווי פֿאַר׳יתום׳ט, ווי איבערגעלאָזן אויף הפקר. זיי האָבן זיך שיער ניט צעוויינט. אפֿילו דער בורג־מישט, דער אַפּטייקער און דער פּוילישער דאָקטאָר זײַנען געקו־אין שול אַרײַן. ווײַרים, כאָטש אויך זיי פּונקט ווי פֿיל אַנדערע פּוילישע מענשן פֿון זייער שטאַנד האָבן געטראָגן פֿאַראַכטונג,

אפילו שנאה צום אידן, האָבּן איצט, אַז אַ איד, וואָס איז דאָ אין שטעטל אַמאָל געווען אַ געפּאַלענער, בּידנער יתום און איז איצט געקומען אַ רייכער, אָנגעזעענער בּירגער פון אַ גרויס, רייך לאַנד, האָבּן זיי מיט אַמאָל דערפילט זייער שפלות, זיך געשעמט און זיי-נען אויך געקומען זיך געזעגנען מיט אַלעמען צוגלייך.

אין פּנים פון אָט די גו'אים אין שול, האָבּן אידן פאַר דער מי-נוט, פאַרגעסן זייער אָרמקייט און געפּאַלנקייט, זיך געפילט דער-הויבּן, זיך געגרויסט מיט דעם גאַסט און מיט דעם גרויסן, ווייטן און רייכן לאַנד, וואָס האַלט אידן בּכבוד.

מען האָט ווידער לייבּלען גערופן צו שלישי. עס איז גע-וואָרן שטיל אין שול, אַזש יעדער פון דעם פול געפּאַקטן עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן פאַר דער שטאָט און פאַר זיין יונג ווייבּל אסתר'ל בּת ר' מענדל עקסטראַ פינף הונדערט דאָ-לאַרן. און נאָך צוויי הונדערט: הונדערט פאַר זיך און הונדערט פאַר זיין ווייבּל, פאַר אָרימע לייט אויף קוילן צום ווינטער!—האָט דער גבּאי אויסגעקלונגען יעדעס וואָרט, וואָס האָט זיך צעטראָגן אין יעדן ווינקעלע פון שול איבּער די קעפּ פון דעם געפּאַקטן עולם.

אַלע פרויען אין דער ווייבּערשער שול האָבּן זיך אַ קער גע-טאָן צו אסתר'לן. אַ קנאה און אַ ליבּשאַפט צו איר האָט אַלעמען אַרומגענומען. זיי האָבּן זיך גענומען ציען און שטופּן צו איר, איר צו געווינשן געזונט און אַ גליקלעך לעבּן אויף יענער זייט ים.

אסתר'ל איז שטאַרק גערירט געוואָרן. סיי פון די פרויען, וואָס האָבּן אין איצטיקן מאָמענט איר טאַקע אויף אַן אמת גע-ווינשן, און נאָך מער פון דער גוטסקייט פון לואין, פון דער גרוי-סער ליבּשאַפט און כבוד, וואָס ער טיילט איר צו.

און זי האָט איצט אין האַרצן דערפילט אַ רחמנות צו אים, פאַרוואָס זי ווייזט אים ניט אַרויס די ליבשאַפט, וואָס ער פאַר-דינט און נאָך וועלכער ער גאַרט און גייט אויס, כאָטש ער זאָגט עס איר ניט.

זי האָט אַקוק געטאָן צווישן די מענער אים צו זען. זי וואָלט זיך איצט געקענט לאָזן פון אים אויסקושן איר יעדן עבר.

דעם גאַנצן טאָג נאָכדעם און אפילו צו מאָרגנס האָט זי אים ליב געהאַט, געוועזן לעבן אים און זיך געטוליעט צו אים. און אַז זיי זיינען געבליבן אַליין, האָט זי אפילו אַזוי צוגעלאָזן און מיט באַגער אַ זאָג געטאָן צו אים: — לואי, גיב מיר אַ קוש. —

לייבל האָט זיך שיער ניט צעוויינט פון פרייד. וואָרים ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס אסתר'ל האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן צו אים.

ער האָט ביז איצט געוואוסט, אַז אסתר'ל וויל זיין גוט צו אים אָבער ער האָט אַלעמאָל געפילט, ווי זי וואָלט ניט קענען זיין נאָענט צו אים.

ער האָט איר אָבער אַ חוץ דעם ליבער געקראָגן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט. אָבער יעדעס מאָל, וואָס ער האָט איר אַ קוש געטאָן, איז דער קוש געווען, ווי אַ האַל-בער, ווי עפּעס האַלט אים צוריק און לאָזט אים ניט געניסן פון אַ קוש אַ פולן מיט'ן האַרצן און דער עיקערשט ער זאָל אויך פילן, אַז זי נעמט דעם קוש מיט'ן האַרצן.

איז אים יעדעס מאָל דערפון באַפאַלן אַ נאָגנדער אומעט.

ער איז אויסגעגאַנגען נאָך איר, נאָך איר איידלקייט. וואָרים ער האָט געפילט, אַז ער קען זיך ניט ריכטיק און אין גאַנצן דער-נענטערן צו איר, ווי לאַנג זי איז ניט צוגעלאָזן צו אים, ווי ער האָט געפילט זי דאַרף זיין, ווי ס'דאַרף זיין אַ יונג ווייבל צו איר מאַן אין די ערשטע טעג נאָך זייער חתונה.

האָט ער געגאַרט, אויסגעגאַנגען נאָך איר נאָענטקייט און געוואַרט.

און ווען זי האָט אים איצט ס׳ערשטע מאָל אַזוי וואַרם און נאָ-ענט אַ זאָג געטאָן: לואי, גיב מיר אַ קוש — האָט ער עס דערפילט אַזש מיט טרערן אין די אויגן, איר געקושט מיט אַ פולן,, פאַר-כאַפּטן אָטעם, און מיט׳ן גאַנצן האַרצן; איר זיין שיינער, יונגער, צאַרטער אסתר׳לן, ר׳ פישעלע דאָזער׳ס אייניקל.

מאָנטיק אויפ׳ן האַלבן טאָג איז ווידער ס׳גאַנצע שטעטל אידן, קליין און גרויס געווען אין גאַס. פאַר׳ן הויז פון אסתר׳לס עלטערן איז געשטאַנען מנשה בעל עגלה מיט אַ פריש אויסגעוואַ-שענע פור, צו פירן דעם רייכן, אַמעריקאַנער גאַסט מיט זיין יונג ווייבל קיין וואַרשע צו דער באַן.

אפילו דאָס אויסגעדאַרטע פערדל זיינס, האָט מנשה בעל עגלה אויסגעוואַשן און צוגעקעמט און צוגעבערשט די גאָלע, אויסגעקראָכענע פלעקער פון זיין שוין אַלטער שקאַפע.

ער איז איצט געשטאַנען, מנשה בעל עגלה, אַ איד אין די הויכע זעכציקער, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם׳ס ניט פאַרלאַנגט, ער איז איצט געשטאַנען אַ שטאָלצער מיט דער בייטש אין האַנט, געפילט, ווי ער אַליין וואָלט איצט אויך געוואָרן חשוב׳ער דורך די געהויבענע געסט, וואָס האָבן אים גענומען, זיי צו פירן קיין וואַר-שע צו דער באַן, פון וואו זיי וועלן אָפּפאָרן קיין אַמעריקאַ. דער-צו איז ער נאָך געווען זיכער מנשה, אַז ער וועט קריגן באַצאָלט אַז עס זאָל אים קלעקן אפשר פאַר אַ חודש צייט אויף צו לעבן.

ער געדענקט דאָך אים נאָך ווען ער איז נאָך דאָ אין שטעטל געווען איתום, ער האָט דאָך געקענט זיין טאַטן, פונקט ווי ער האָט געקענט ר׳ פישעלע דאָזער ע׳ ה׳ וועמען ער האָט ניט איינ-מאָל געפירט קיין וואַרש.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון אַמעריקאַ האָט ער זיך ניט געריסן צו אים נאָך אַ נדבה אפילו, ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך גע־ריסן. ער האָט ניט געוואָלט אָנגעבן, אַז ער איז לעמל בעל עגלה׳ס אַ זון. אפשר וואָלט זיך דער הער ניט געקענט דערמאָנען אָדער ניט געוואָלט זיך דערמאָנען, און דאָס וואָלט אים, מנשה׳ן געווען אַ גרויס בזיון פאַר זיין טאַטן אין קבר, וואָס איז געווען אַ פּראָסטער, אָבער, אַן אָרנטלעכער איד, און געלעבט פון דעם אויסגעאַרבייטן גראָשן פּונקט ווי ער.

נאָר ווען דער הער איז, ווען ער איז ס׳ערשטע מאָל געגאַנגען פאָרן מיט זיין כלה און איר מוטער איינצוקויפן קליידער פאַר איר קיין וואַרשע, צוגעקומען צו זיין פור און אים געפרעגט, ווער זיין פאָטער איז געווען, האָט ער, מנשה, שוין ניט געקענט ענטפערן.

— אודאי געדענק איך אייער פאָטער ר׳ לעמעל בעל עגלה.

אַן אָרנטליכער און ערלעכער איד געוועזן. ווי אַזוי האָב איך אייך ביז איצט נישט געזען? — האָט ער זיך שטאַרק געוואונ־דערט.

— כ׳בין ניט געווען זיכער צו דער הער וועט מיך דערקענען — האָט ער אים געענטפערט — ס׳איז שוין אַזוי פיל יאָרן אַוועק און גלאַט דאָס ביסל, וואָס איך פאַרדין שטופּ איך זיך מיט מיין אַלטיטשקער ווי עס איז דורך. און

און ער דערמאַנט זיך, מנשה בעל עגלה, ווי ער האָט אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ און ניט געקענט ווייטער רעדן. אָבער דער אַ־מעריקאַנער הער האָט אַלייג געטאָן זיין האַנט אויף זיין אַקסל און אַ זאָג געטאָן:

— אָבער פאַר מיך פירן קיין וואַרשע וועט איר דאָך נעמען באַצאָלט און אים געגעבן אין פאָראויס אַ צען דאָלאַרדיקע אַסיג־נאַציע פאַר דער רייזע.

— זאָל אים גאָט ווייטער העלפן. ער פאַרדינט עס — האָט מנשה פאַרענדיקט זיין טראַכטן, אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ באַ-טראַכט דעם עולם, וואָס ווערט כסדר גרעסער און געדיכטער, און שטופּט זיך נאָענטער צו צוקומען צום הויז, פון וואַנען די וואָס פאַרלאָזן שוין ס'שטעטל, דאַרפן אַרויסקומען. דער עולם האָט איצט ניט געטומלט נאָר גלאַט זיך געשטופּט, זיך געדרענגט עפּעס אַדוורכגענומען מיט אַ געפיל, אַז אַזוי לאַנג ווי די געסט זיינען נאָך דאָ, און מען קען נאָך אַ קוק טאָן אויף זיי, לעבט נאָך ס'שטעטל און מען פילט ניט אַזוי די אייגענע אָרימקייט און גע-פאַלנקייט.

אַרויסגעקומען זיינען צוערשט לייבל און אסתר'ל. דערנאָך מענדל און פאַלטשע, וואָס וועלן זיי באַגלייטן ביז וואַרשע.

ביי פאַלטשען זיינען שוין געווען די אויגן פאַרוויינטע. וואַרים צו דעם נחת און פרייד פון די לעצטע עטלעכע וואָכן איז איר איצט מיט אַמאָל באַפאַלן אַ שווערקייט פון בענקעניש, פון אסתר'ל'ס אַוועקפאָרן אַזש קיין אַמעריקא; זי איז פאַרט געווען די איינציק פאַרבליבענע טרייסט אין הויז.

פאַר זיי אַלעמען איז געגאַנגען בערל משה'לעס, וואָס האָט פאַר זיי פריי געמאַכט דעם וועג צו דער פור. דערנאָך האָט זיך געשטופּט און געשריגן מ'זאָל איר אַדורכלאָזן, רחל'ע די אלמנה, לייבל'ס ווייטע קרובה, גלייך ווי זי וואָלט פילן, אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך דאָ, איז זי אויך נאָך עפּעס ווערט. און אַז זי האָט זיך ענדלעך צו אים דערשטופּט, און מען זאָל אין שטעטל איר גע-דענקען, איז זי אַזש צוגעפאַלן און זיך צוקושט מיט איר רייכן ווייטן קרוב, זאָלן אַלע זען און וויסן.

—בלייבט געזונט אידן! — האָט לייבל אַראָפּגעשריגן שוין פון דער פור.

אסתר'ל האָט זיך געזעגנט מיט דערמיט, וואָס זי האָט אויף אַלעמען געקוקט ערנסט און מיט עפּעס אַ בענקשאַפט אין האַרצן.

— לעצט געלט פאַר אייך, אידן, האָב איך אויך ניט פאַרגעסן.

האָט לייבל ווידער אַ געשריי געטאָן פון דער פור אַראָפּ.

— ווען מיין שוואָגער ר' מענדל וועט צוריק קומען וועט ער עס אייך ערלעך איבערגעבן.

— פאָרט'ן געזונט און קומט בשלום קיין אַמעריקא! —

האָבן זיך העלזער געגומען רייסן מיט קולות האַרציקע, טרויריקע, ווי מיט געבעט, אַז דער רבונו של עולם, זאָל אויך אָן זיי ניט פאַרגעסן.

מנשה בעל עגלה איז געשטאַנען אין פראָנט פון דער פור, שטיל, ווי זיין טבע איז געווען אָבער געריררט. ער האָט זיך ניט געאיילט נאָך צו פאָרן. געוואָלט לאָזן אַלעמען זיך געזעגנען און מיט אַלעמען מיטגעפילט.

ערשט ווען דער רייכער גאַסט האָט אַ קוק געטאָן אויף'ן זייגער און אים געהייסן פאָרן, האָט ער זיך אומגעדרייט צום פערד, אַ פיר געטאָן מיט דער בייטש מער אין דער לופט ווי איבער'ן פערדס אויסגעדאַרטן לייב און אַ געשריי געטאָן: — וויאָ! —

די פור האָט זיך גענומען רירן, פאָרן און זיך דערווייטערן.

דער עולם אידן איז נאָך געבליבן שטיין, ווי מ'וואָלט זיי פּלוצים ווידער איבערגעלאָזן אויף הפקר, ביז זיי זיינען זיך סוף כל סוף לאַנגזאַם צעגאַנגען, מיט שווערע, געדריקטע געמיטער.

סוף פון צווייטן טייל.